STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07676

# TSU DER ENTSHTEHUNG FUN KRISTENTUM

Samuel H. Setzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום

פון ש. צ. זעצער

*Copyright 1922*
*by*
*Samuel H. Setzer*

# אינהאַלט־פֿאַרצייכניס

איינינע באַמערקונגען.

ערשטע אַפּטיילונג:

דאַס פּראַבלעם

צוויי קאַפּיטלען — — — — — — — — — — — — — — 7—39

צווייטע אַפּטיילונג:

דער מעטאָד

דריי קאַפּיטאַלען — — — — — — — — — — — — — — 37—61

דריטע אַפּטיילונג:

דאַס קריסטענטום אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אידישער מיסטיק

זיבען קאַפּיטלען — — — — — — — — — — — — — — 68—105

פערטע אַפּטיילונג:

דאַס קריסטענטום אין צוזאַמענהאַנג מיט דער משיח־אידעע ביים אידישען פאָלק אין דער צייט פון פאַר חורבן בית שני

זעקס קאַפּיטלען — — — — — — — — — — — — — — 105—137

פינפטע אַפּטיילונג:

היסטאָרישער אַנאַליז

דריי קאַפּיטלען — — — — — — — — — — — — — — 137—155

זעקסטע אַפּטיילונג:

מיין היפּאָטעזע

עלף קאַפּיטלען — — — — — — — — — — — — — — 157—220

לזכר נשמתו הטהורה של א"א מורי ז"ל
שמואל ברבי צבי הכהן.
נולד תרי"ד, מת כ' אדר שני, תרנ"ד. תנצב"ה.

# איינִיגע באַמערקונגען.

די „נוסחא ראשונה" פון מיין ווערק „צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום" איז געווען אין דער פאָרם פון אַ רעפעראַט מיט דעם נאָמען „אידענטום און קריסטענטום אַלס רעליגיאָן און וועלט־אַנשויאונג". דעם דאָזיגען רעפעראַט, וועלכער האָט אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם און אין אַלגעמיינע שטריכען שוין ענטהאַלטען אין זיך דעם גאַנצען אופן פון מיין אויפנעהמען דאָס קריסטענטום, דעם גרעסטען טייל פון מיין אויפפאַסונג וועגען דעם, ווי ס'איז דער פּראָצעס פון זיין — פון קריסטענטום — ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פאָרגעקומען און זיין שייכות צום אידענטום, וואָס דער לעזער וועט אין מיין דאָזיגען ווערק געפינען, האָב איך געהאַלטען אין ווארשעווער „הזמיר" איינִיגע טעג איידער כ'האָב פאַרלאָזען ווארשאַ, אויף צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ. דעם זעלבען רעפעראַט האָב איך אַ פּאָר מאָל אויך אין אַמעריקאַ געהאַלטען אין אידיש און איינמאָל אין העברעאיש אין בערלין אויף מיין רייזע פון פּוילען קיין אַמעריקאַ.

און די זעלבע כונות, וואָס האָבען מיך באַוועגט אויף דעם דאָזיגען רעפעראַט מיינעם צו אַרבייטען און פאָרצולעזען איהם, זיינען אויך געווען ניין־און־ניינציג פּראָצענט פון די אורזאַכען, וואָס האָבען מיך באַוועגט קיין אַמעריקאַ צו פאָהרען. פּוילען האָט דאַן געקרעכצט אונטער דעם יאָך פון רוסישען צאַריזם. **דערויף** אָבער האָט זיך געפאָדערט די פרייהייט פון רעדען און פאַרזאַמלען זיך, וואָס ניט פּוילען און ניט רוסלאַנד האָבען דאָס דאַן פאַרמאָגט.

עס האָט מיר דעריבער דאָס בעסטע און גלייכסטע געשיינט צו זיין, איבערצוטראָגען די טעטיגקייט קיין אַמעריקאַ, וואו מען קען צוטרעטען צו יעדער אַרבייט אָהן שום פאַרברייטונגען שווערע און אָהן שטערונגען און באַגרענעצונגען. דאָ, האָט מיר געשיינט, וועט זיך קענען פאַנאַנדערוויקלען אַ ריזיגע טעטיגקייט, וואָס וועט

אויף א פרייען און ברייטען פעלד איהרע פליגלען קענען פאנאנדער־שפרייטען.

ווי אין פילע אנדערע פעלע, האט זיך אבער אמעריקא אויך אין דעם דאזיגען — אין מיין אייגענעם — פאל אלס דאס לאנד פון „אונבאגרעניצטע מעגליכקייטען” צו צעשטערען חלומות און האפנונגען שעהנע — ארויסגעוויזען.

איך בין אפגענארט פון מיינע האפנונגען געבליבען.

די ארבייט האט דא ניט געקענט — און איז ניט — געטאן געווארען אט אויף יענעם ברייטען מאסשטאב, וואס זי האט באדארפט און געזאלט — לויט ווי איך האב געגלויבט — געטאן ווערען. און אין די ראמען, וואס זי איז דא יא געטאן געווארען — זי איז ניט גאר אינגאנצען פארנאכלעסיגט געווארען. ווען איך האב נאר געהאט די מעגליכקייט, האב איך זי אויף א געוויסען מאסשטאב און אין א געוויסער פארם געטאן — וואלט זי געווען געקענט אויך דארטען, פון יענער זייט ים, געטאן ווערען.

סיי ווי אבער איז שוין פארפאלען אלעס, און איך וועל מיך אומקעהרען צו דעם, וואס איך האב אויבען דערמאנט, אז די נוסחא ראשונה פון דעם דאזיגען ווערק איז געווען אין דער פארם פון א רעפעראט.

און וואס איך וועל נאך זאגען אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז, אז דאס דאזיגע טעמא האט מיך געהאלטען געבונדען צו זיך א גרויסע שטיק צייט פריהער און א גרויסע שטיק צייט אויך נאכדעם. איך האב אין משך פון אט יענער גאנצער צייט געקליבען זיך צו שאפען א גרעסערע ארבייט אויף דעם געביט. עס זיינען אבער יאהרען און יאהרען אוועקגעגאנגען און איך האב ניט געהאט דעם נויטיגען מנוחת הגוף והנפש דערויף.

און עס האט זיך אזוי געמאכט, אז איך האב ערווארבען די מעגליכקייט דאס צו טאן ערשט צוריק מיט א יאהר פיר, אין משך פון דעם ווינטער, באלד נאכדעם, וואס איך בין ארויס פון האספיטאל, אין וועלכען איך בין אפגעלעגען — אין בעט — א צוויי יאהר צייט. איך בין דעם גאנצען ווינטער אפגעשניטען געווען פון גרויסען ישוב און פון אירגענד וועלכען פארקעהר מיט גרעסערע געזעלשאפטליכע גרופען, פארברענגענדיג די אלע מאנאטען מיט זיך אליין און מיט די שאטענס פון מיין פארגאנגענהייט און

פון מיין צוקונפט, ערגעץ אין א פארװארפען װינקעל פון שטאאט פענסילװייניא, װאו איך האב די דאזיגע ארבייט, אין די זומער מא־נאטען פון זעלבען יאהר, פארפערטיגט און געדרוקט זי באלד נאכדעם צום ערשטען מאל — אבער נאך אלץ ניט אין אט דער ענדגילטיגער פארם, אין װעלכער דער לעזער געפינט זי איצט — אין דער „פרייער ארבייטער שטימע", װעלכע איז ארויסגעגאנגען דאן אונטער דער רעדאקציע פון מיין פריינד ש. יאנאװסקי.

---

צולעצט װיל איך נאך צוגעבען די פאלגענדע עטליכע װערטער.

אין יעדער װיסענשאפטליכער ארבייט — אויב די ארבייט איז נאר ניט אויף דעם פעלד פון ריין־טעכנישער װיסענשאפט — איז אויסער דעם אביעקטיװען אמת, װאס דער לעזער נעהמט אי־בער פון שרייבער, אויסער דעם אביעקטיװען אמת, אויף װעלכען דער שרייבער באזירט די הנחות און די מסקנות פון זיין ארבייט, נאך א סוביעקטיװער אמת פאראן — װעלכער איז אפטמאל פיל װיכטיגער נאך פון דעם אביעקטיװען אמת — װאס איז אפט־מאל פון אביעקטיװען אמת דער פארגענגער און דער גורם פון זיין עקזיסטענץ.

ניט שטענדיג קומען פריהער די װיסענשאפטליכע אנאליזען און ריכטיג פעסטגעשטעלטע פאקטען און ערשט נאכדעם די הנחות און מסקנות. אמאל קען עס אויך פארקומען פארקעהרט. פריי־הער קומען די מסקנות און הנחות און ערשט נאכדעם די אויסגע־פונענע און ריכטיג אויסגעפארשטע װיסענשאפטליכע פאקטען און אנאליזען.

װארום ניט נאר אין קונסט, נאר אויך אין דער װיסענשאפט איז פאראן דאס, װאס מען רופט אינטואיציע. עס פארקלייבט זיך אמאל א געװיסע באציהונג צו אן ערשיינונג, א געװיסע אויפ־פאסונג װעגען א פראבלעם אין מארך פון א מענשען דורך אינ־טואיציע. אדער — צו פארמולירען נאך פינקטליכער דעם גע־דאנק: עס װערט דאס אלעס דורך געהיימע פארבארגענע כחות אין מענשען פארפלאנצט.

און אויף װיפיל דאס איז אינטואיציע פאר איהם — איז דאס אויך זיין סוביעקטיװער אמת.

און אויף װיפיל דאס איז זיין סוביעקטיװער אמת, אויף אזוי

פיל איז דאָס פאר איהם אויך אַן אָביעקטיווער אמת — שוין נאָר צוליב ד ע ם אליין, און ניט נאָר צוליב דעם, וואָס אויך דער וועג פון אָביעקטיווער וויסענשאפטליכער פאָרשונג פיהרט איהם צו אָט די מסקנות און הנחות, וואָס לעבען אלס סוביעקטיווער אמת אין איהם. עס וואָלט פאר איהם דאָס אלעס אלס אַן אָביעקטיווער אמת געווען אפילו דאַן, ווען ער וואָלט ניט אָט אויף דעם וועג די באגרינדונג זיינע געפונען.

און אויף וויפיל דאָס אלעס איז זיין סוביעקטיווער אמת, אויף אזוי פיל מוז דאָס אויך דער סוביעקטיווער אמת פון לעבען ווערען.

וואָרום וויסענשאפט ווערט דורך וויסענשאפט געפרואווט און אינטואיציע דורך אינטואיציע.

דאָס אַקצעפּטירען אָדער פארוואָרפען דורך דעם לעזער פון אַן אָביעקטיווען וויסענשאפטליכען אמת ווערט געטאָן אויף דעם גרונד פון דעם, אויף וויפיל די אנאליזען פון שרייבער שטימען מיט די אָביעקטיווע פאקטען, מיט וועלכע דער שרייבער אָפּערירט, אויף דעם גרונד פון דעם, אויף וויפיל די הנחות, וואָס ער שטעלט אויף, זיינען ווירקליך צווינגענד פון א ריין וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט: צוזאמען מיט דעם — אויף וויפיל זיי מוזען ווידער אונבאדינגט פיהרען איבערציינגענד יעדען איינעם צו די מסקנות, צו וועלכע עס איז מעגליך געוואָרען פאר דעם שרייבער אויף דעם סמך פון יענע הנחות צוקומען.

אָט אויף אזא אופן ווערט אָנגענומען אָדער פארוואָרפען דער אָביעקטיווער אמת דאַן, ווען דאָס אַקצעפּטירען אָדער פארווארפען דורך דעם לעזער פון סוביעקטיווען אמת קומט פאָר אויף דעם גרונד פון דעם, אויף וויפיל אויפריכטיגקייט עס איז אין איהם פאראַן, אויף דעם גרונד פון דעם, אויף וויפיל ער — דער לעזער — פיהלט איהם אלס א טייל פון איך פון שרייבער, אויף וויפיל ער געפינט אין איהם שטיקער פון זיין הארץ און נשמה איינגעוועבט.

דאָס אלעס איז די קראפט, דורך וועלכער עס ווערט דער סוביעקטיווער אמת פון שרייבער אויף דעם לעזער ארויפגעצוואונגען.

די וויסענשאפטליכע ארגומענטאציע פון אָביעקטיווען אמת עפענען פאר איהם — פאר דעם לעזער — די טויערען פון איבערציינונג אויף. און דער פּסיכישער היפּנאָז פון דעם דורכגעלעבטען סוביעקטיווען אמת פון שרייבער עפענען פאר איהם די טויערען

פון גלויבען אויף. דער דאָזיגער סוביעקטיווער אמת ווערט דער גלויבען פון לעזער, ווי ער איז דער גלויבען פון שרייבער געוואָרען.

און אויף וויפיל ער איז דער גלויבען פון לעזער געוואָרען, אויף וויפיל ער איז אויך געוואָרען זיין סוביעקטיווער אמת — אויף אזוי פיל האָט ער אויך פון דרויסען זיין סאַנקציע אַלס אָביעקטיווער אמת געקראָגען, אויף אַזוי פיל ווערט דער סוביעקטיווער אמת פון שרייבער אויך אין אבסאָלוטען זין אין אַן אָביעקטיווען אמת פארוואנדעלט, אין אַן אָביעקטיווען אמת, וואָס טראָגט זיין באשטעטיגונג און זיין באגרינדונג אין זיך אליין און באדארף זיי ניט זוכען אויסער איהם. וואָרים עס ליגט דער שטעמפעל פון אמת אויף אונזער דערקענען, דענקען און וויסען ניט נאָר דאַן, ווען זיי זיינען אין הארמאָניע מיט דער עמפּירישער אָביעקטיוויטעט, נאָר אויך דאַן, ווען עס פעהלט די דאָזיגע הארמאָניע. די וועלט — אין גאָר דעם ברייטסטען זין: די אַלע עמפּירישע און אַבסטראַקטע קאטעגאָריען — איז ניט נאָר דאָס, וואָס מיר דענקען געוועהנליך, אַז זי איז, נאָר אויך דאָס, וואָס מיר קענען אמאָל דענקען, אַז זי איז. אונזערע פאָרשטעלונגען וועגען איהר קענען אמאָל זיין ריכטיג אפילו ווען זיי זיינען דער היפּוך פון די פאָרשטעלונגען, וואָס ווערען ביי אונז פאָרמירט אונטער דעם אזוי גערופענעם נאָרמאַלען דענקען און נאָרמאַלען אויפנעהמען פון אונזערע חושים. ווען מיר אַלע וואָלטען אזוי געקענט זעהן זאַכען און אזוי אויפנעהמען די וועלט, ווי עס זעהט זי און נעהמט זי אויף איינער אין אַ מאָמענט פון התגלות פאר איהם, אין אַ מאָמענט פון דערהויבענעם עקסטאַז, וואָלט דאַן אונזער וועלט — און אָט יענע געוועהנליכע פאָרשטעלונגען, וואָס מיר האָבען וועגען איהר, גאָר איינגאַנצען ניט עקזיסטירט. עס וואָלט דאַן גאָר אַן אַנדער וועלט עקזיסטירט. און דעריבער בלייבט אַלענפאַלס אזוי אויך די וועלט אין צוויי געשטאַלטונגען עקזיסטירען. איין געשטאַלטונג איז די, אין וועלכער מיר זעהען זי געוועהנליך, און איינע איז אָט יענע, אין וועלכער זי ווערט געזעהן — אָדער, קען געזעהן ווערען — פון אָט יענעם אין אַ מאָמענט פון דערהויבענעם עקסטאַז און אויך פון אונז, ווען עס ווערט אויף אונז זיין היפּנאָז אויסגעאיבט, מיר זאָלען זיך דערהויבען צו אָט יענער מדרגה, אויף וועלכער ער געפינט זיך.

V

און אַט דער סוביעקטיווער אמת, וועגען וועלכען איך האָב ביז יעצט גערעדט — שפּילט אויך אַ באַדייטענדע ראָלע אין מיין דאָזיגען ווערק וועגען קריסטענטום. דער דאָזיגער סוביעקטיווער אמת האָט פיל בייגעטראָגען — ווי דער לעזער וועט זיך איבערציינגען — צו שאַפען דעם כאראקטער פון ווערק און זיין אינערליכע וועזענטליכקייט און פיל צו זיין ווערט צוגעגעבען.

איך וויל דעריבער האָפען, אַז מיינע צילען און צוועקען וועלען נימ אונדערגרייכט בלייבען. איך וויל גלויבען, אַז מיין בוך „צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום" וועט אויך עמאַציאָנעל אַ פּרוכטבארע ווירקונג אויף דעם לעזער האָבען און וועט איהם אַט אין יענער וועלט פון שטימונגען און באַציהונגען אריינפיהרען, אין וועלכער איך וואָלט וועלען, ער זאָל זיך געפינען.

און דער וואָס פארשטעהט דעם סוד פון דעם, אַז דער פאקט פון דעם עקזיסטירען אָדער ניט עקזיסטירען פון זאכען ווערט פארצייכענט ניט נאָר לויט דעם, ווי עס אורטיילט וועגען דעם אונזער דענקען און דאָס אויפנעהמען פון אונזערע חושים, נאָר אויך לויט דעם, ווי עס דיקטירט אונזער ווילען, ווי אויך דעם סוד פון דעם, ווי עס קען אמאָל אַ לעבען פארניכטעט ווערען אויף אַ שטח פון טויזענטער מיילען ווייט, דורך דעם, וואָס דו זאָגסט צו דעם: דו עקזיסטירסט ניט — וועט אויך ווי געהעריג פארשטעהן דעם ריכטיגען מיין פון אַלעם דעם, וואָס איך האָב ביז יעצט וועגען דעם כח פון סוביעקטיווען אמת געזאָגט און געוואָלט זאָגען.

ניויאָרק, ז' שבט, תרפ"ב.

# ערשטע אבטיילונג

## דאָס פּראָבלעם

פון זעלבען מחבר:

„רבי ישראל בעל שם טוב": זיין לע־
בען, לעהרע און ווירקען, אין צוויי בענדער
און זעקס ביכער.

# א.

## דאָס פּראָבלעם.

.1

איינער פון די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט פון אידעען און געדאַנקען איז די ענטשטעהונג פון קריסטענטום.

די ענטשטעהונג פון קריסטענטום וואָלט געווען א וואונדער, ווען אפילו די ערשטע קערענדלאך פון קריסטענטום — לויט דער ענדגילטיגער פאָרם, וואָס דאָס קריסטענטום האָט אָנגענומען — זאָלען ניט געווען — ווי עס איז אָנגענומען צו דענקען — אויף דעם באָדען פון דער אידישער אמונה אויסוואַקסען, ווען דאָס קריסטענטום זאָל אפילו ניט געווען — ווי עס איז אָנגענומען צו גלויבען — דורכמאַכען די ערשטע פאַזען פון זיין ענטוויקלונגס־פּראָצעס אין ארץ־ישראל — דאָס וויגעלע און פעסטונג פון אידישען מאָנאָטעאיזם.

די ענטשטעהונג פון קריסטענטום וואָלט א גוואַלדיגער וואונ־דער געווען, ווען זי וואָלט אפילו געווען די אַלע פאַרשידענע עטאַ־פּען פון איהר ענטוויקלונג און פאַרמירונג — פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען דאָס קריסטענטום איז נאָך אין זיין קינדער־וויגעלע געלעגען, ביז דעם לעצטען מאָמענט, ווען עס איז שוין אַלס רעליגיאָן פאַלשטענדיג פאַרמירט און פאַרענדיגט פאַר דער וועלט ארויסגעטראָטען — אין וועלכען עס איז אַנדער לאַנד דורכמאַכען, ווען אפילו דער גאַנצער „פּראָצעס פון ווערדען" זיינער זאָל געווען

בלייבען פאַר דער גאַנצער צייט גענצליך אויסגעשלאָסען פון די גרעניצען פון ארץ־ישראל.

וואָרום מען באַדאַרף ניט פאַרגעסען, אַז די גאַנצע צייט כמעט, וואָס דער „בית שני" האָט עקזיסטירט — די ערשיינונג האָט זיך אייגענטליך נאָך אין דער תקופה פון גלות בבל אָנגעהויבען — האָט פאַר זיך אין די רעליגיעזע אַנשויאונגען און באַגריפען פון דער קולטורעלער מענשהייט דעמאָלט אַ צווייפאַכיגער פראָצעס פלאַץ געפונען.

פון איין זייט האָט דאָס אידישע פאָלק איבערגענומען פון די אַרומיגע פעלקער פילע רעליגיעזע אַנשויאונגען, באַגריפען און פאָר־שטעלונגען, וועלכע זיינען ביז דעמאָלט פרעמד געווען דעם אידישען פאָלק. דאָס אידישע גלויבען האָט אין זיך דאַן פילע פרעמדע עלעמענטען אַריינגענומען, פילע פרעמדע עלעמענטען, וועלכע האָ־בען ביז דעמאָלט קיינמאָל קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען ביי די גרויסע לערער פון אידישען פאָלק, וועלכע האָבען די הויפּט־פּרינ־ציפּען פון אידישען גלויבען קריסטאַליזירט און זיי אַ פאַרענדיגטע פאָרם געגעבען.

פון דער צווייטער זייט אָבער זיינען אויך די רעליגיעזע אַנ־שויאונגען פון די אַלע אַרומיגע פעלקער, וועלכע זיינען דעמאָלט נאָר אין וועלכער עס איז באַרירונג מיט דעם אידישען פאָלק גע־קומען, אונטער דעם גרויסען איינפלוס פון דער אידישער אמונה געשטעלט געוואָרען. די אידישע אמונה מיט אַלע איהרע שאַטירונ־גען און אָפּשטראַלונגען האָבען אַ גרויסען איינפלוס אָט אויף יענע אַלע פעלקער אויסגעאיבט. זייער מאָראַל, זייערע לעבענס־פאָרמען, די אַלע שאַטירונגען פון זייערע רעליגיעזע באַגריפען זיינען אין אַ מעהר אָדער ווייניגער מאָס געענדערט געוואָרען אונטער דעם איינפלוס, וואָס די אידישע רעליגיאָן, די אידישע מאָראַל, די אידישע לעבענס־פאָרמען האָבען אויף איהר אויסגעאיבט.

באַזונדערס גרויס איז אָבער געווען דער איינפלוס פון דעם

קארדינאלען הויפט־פרינציפ פון דעם אידישען גלויבען, דער גרונד־שטיין פון דער אידישער רעליגיעזער דאָקטרין — דער רייגער באַ־גריף וועגען גאָט אלס א וועזען, וועגען וועלכען מיר קאָנען זיך אפילו די קלענסטע פאָרשטעלונג ניט בילדען, צו וועלכען מיר קאָנען ניט קיין קערפערליכקייט און קיינע אטריבוטען פון קערפערליכקייט צושרייבען, דער באגריף וועגען גאָט, ווי וועגען א וועזען, וואָס שטעהט ניט אין קיין צוזאַמענהאַנג מיט אונזערע חושים, ווי אַלע אנדערע נמצאים. מיר קאָנען איהם דאריבער מיט אונזערע חושים ניט משיג זיין, און אפילו מיט אונזער שכל, וואָס ער אליין איז שוין אויך א „חלק אלוה ממעל", קאָנען מיר נאָר זיין מ צ י א ו ת — זיין עקזיסטענץ — משיג זיין: מיר זיינען זיכער, אז ער עקזיס־טירט, מיר קאָנען אָבער ניט זיין מ ה ו ת — זיין וועזענטליכ־קייט — משיג זיין: מיר קאָנען דעם קלענסטען באגריף ניט האָ־בען, וואָס ער איז אזוינס.

די דאָזיגע אידעע וועגען גאָט, וואָס האָט שוין אין דער תקופה פון גלות בבל אין איהר פולסטער פראכט ביים אידישען פאָלק גע־בליהט, איז געווען דעמאָלט דער אומרוהיגער גייסט פון דער צייט, וואָס האָט זיינע שארפע פיילען געטראָפען אין די פאָרשידענסטע פאָרמען פון היידענטום, און אויב ער האָט זיי, אמת, ניט אין גאַנצען רואינירט, האָט ער דאָך זייערע יסודות אין פילע פלעצער צושמעטערט. אויב די פאָרשטעלונג וועגען גאָט ביי די העברערע עלעמענטען פון די קולטורעלע פעלקער, וואָס זיינען דעמאָלט אין געוויסע באַריהרונגען מיט די אידען געקומען, זיינען ניט געוואָרען איינס מיט דער אידישער פאָרשטעלונג וועגען גאָט — איז זי דאָך אָבער א וויטען דיסטאַנץ פון איהר מקור אוועק און איז דאָך אויף פילע שריט נעהענטער צום אידישען מאָנאָטעאיזם געקומען. אויב ניט דאָס גאַנצע פעלד פון זייער רעליגיעזען באַוואוסטזיין איז אונטער דער ווירקונג פונ'ם גרויסען ליכט פון אידישע מאָנאָ־טעאיזם אונטערגעוואָרפען געוואָרען, איז דאָך אָבער אויף א געווי־

סען שטח זיינעם זיין ליכט געפאלען. דער טיפער און שעהנער אידישער מיסטיציזם וועגען א גאט, וואס איז פון יעדער קערפער־ליכקייט אויסגעטאן, און דו קאנסט זיך וועגען איהם קיין פאר־שטעלונג ניט מאכען, טראַץ דעם, וואס די עקזיסטענץ פון קיין זאך איז ניט אזוי זיכער, ווי זיין עקזיסטענץ איז זיכער — ווארום נאר אין זיין לעבען און עקזיסטענץ לעבט און עקזיסטירט אלעס — האט זייער פאנטאזיע גערייצט, און צוזאמען מיט דעם קערפערליכען גאט, וואס האט איבער זייער רעליגיעזען באוואוסטזיין געהערשט, האט זיך אהין אויך אן אומרוהיגע בענקשאפט נאך דעם „טמיר ונעלם" פארקליבען — נאך אט יענעם העכערען און אבסאלוטען וועזען, וואס אלץ מעהר דו דערנעהענטערסט זיך צו איהם, אלץ מעהר ווערט ער ווייטער פון דיר, וואס אלץ מעהר עס ווערט פאר דיר זיין עקזיסטענץ זיכער — אלץ מעהר אומבאגרייפליך ווערט פאר דיר דער מהות זיינער.

און וואס טיפער די יאהרען זיינען צו דער תקופה פון דעם בית שני געגאנגען, אלץ מעהר טיפערע ווארצלען האט דיזער איינ־פלוס געלאזט אין רעליגיעזען באוואוסטזיין פון דער דאמאלסטדיי־גער קולטורעלער מענשהייט. וואס ווייטער איז אלץ מעהר און גרעסער געווארען דער איינפלוס פון דעם אידישען באגריף וועגען גאט, אלץ מעהר און מעהר איז די אבסאלוטע ממשלה פון היידענ־טום פארשמעלערט און פארקלענערט געווארען.

באזונדערס שטארק האט זיך די דאזיגע ערשיינונג באמערקט אין רוים און אין גריכענלאנד אין משך פון די לעצטע הונדערט יאהר פאר דעם חורבן בית שני — א פאר צעהנדליג יאהר פאר דער נייער צייט־רעכנונג צוזאמען מיט דעם גאנצען פעריאד יאה־רען, אין וועלכען דאס קריסטענטום זאל האבען זיך ענטוויקעלט און פארמירט.

אונטער דעם האמערען פון איינפלוס פון אידישען גלויבען

צוזאמען מיט דעם איינפלוס פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און וויסענשאפט, זיינען די פעסטונגען פון היידענטום צו יענער צייט שטארק צושעדיגט געוואָרען אין די דאָזיגע לענדער. אויב דאָס איבערגעהן אין אידישען גלויבען האָט אפשר קיינמאָל ניט אויך פאר דער דאָזיגער צייט קיין מאסען־כאראקטער געטראָגען — איז דאָס אָבער אָהן צווייפעל זעהר אָפט דאָך א געוועהנליכע ערשיינונג דעמאָלט געווען.

ווי אונזער מיינונג זאָל אָבער ניט זיין אין באצוג צו דער **פאזיטיווער** ריכטונג פון איינפלוס פון דעם אידישען באַגריף וועגען גאָט אויף רוים און גריכענלאנד צו יענער צייט, זיכער איז, אז די **נעגאטיווע** ריכטונג פון דעם דאָזיגען איינפלוס איז זעהר גרויס געווען. זאָל זיין אפילו, אז דער דאָזיגער איינפלוס האָט ניט געשאפען אין די דאָזיגע לענדער קיין גרויסע מחנות פון נייע אָנהענגער פאר דעם אידישען גלויבען — זיינען אָבער דאָך אָהן צווייפעל זעהר גרויס געווען די מחנות פון די, וואָס א דאנק דעם אידישען איינפלוס האָט זיך דאָס ווערימעל פון צווייפעל אין זייערע אלע פארשטעלונגען וועגען גאָט אריינגעריסען און האָט דאָרט א גוואלדיגען חורבן אריינגעטראָגען, און אויב זיי — דיזע מחנות — זיינען נאָך אלץ א מרחק רב ווייט געווען פון געפינען דעם ריכטיגען וועג, ווּעלכער זאָל זיי אריינפיהרען אין די אפארטאמענטען פון נייעם גאָט, וועלכער האָט אזוי פיל אומ־רוהיגקייט אין זייער רעליגיעזער וועלט אריינגעטראָגען, האָבען זיי אָבער שוין אויך די אלע וועגען כמעט, וואָס האָבען צו זייערע אלטע געטער געפיהרט — פארלאָרען.

באזונדערס שטארק איז געווען צו יענער צייט די טעטיגקייט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע אין דיזער נעגאטיווער ריכטונג. טיף און ברייט האָט איהר צושטערונגס־גייסט פאנאנדערגעלאָזט די וואָרצלען זיינע און האָט איבעראל זיין ממשלה פארשפרייט. דער גרעסטער טייל פון די העכערע קלאסען אין גריכענלאנד און

רוים האָבען דעמאָלט כמעט גאָר אינגאַנצען קיין רעליגיאָן פאַר־מאָגט. זיי זיינען רעליגיאָנסלאָז געווען. דעם פּלאַץ פון דער רע־ליגיאָן האָט ביי זיי די פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און וויסענשאַפט פאַרנומען. זיי האָבען פון דער פילאָזאָפיע אַ קולט געמאַכט. מיט גוואַלדיגער באַגייסטערונג און פאַרגעטערונג האָבען זיי זיך צו דער פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט באַצויגען. דיזע באַציהונג איז ווירקליך פון רעליגיעזען כאַראַקטער געווען. זי איז דורך און דורך פול געוועזן מיט אַט יענער ליידענשאַפטליכער באַגייסטערונג, וואָס רוהט אימער אויף די באַציהונגען פון דעם רעליגיעזען מענשען צום געגענשטאַנד, וואָס ער פאַרגעטערט.

און ווי שטענדיג האָבען אויך דעמאָלט די מאַסען די העכערע קלאַסען נאָכגעטאָן. אויך זיי זיינען שטאַרק אָפּגעפרעמדט געוואָ־רען פון זייערע געטער. די געטער האָבען שוין צו יענער צייט געלעבט ניט אין זכות פון זייערע פאַרדינסטען, נאָר מעהר אין זכות פון חזקה: פאַרט אַזוי פיל יאָהרען אין דינסט געשטאַנען. אויב מען האָט זיי נאָך מיט אַלעם גוטען אויסגעהאַלטען, איז דאָס שוין אָבער ניט מיט קיין רעליגיעזער ליידענשאַפט געטאָן געוואָרען, ניט מיט טיפער פאַרגעטערונג, נאָר מעהר מאַשינמעסיג, לעבענסלאָז און כמעט גאָר אינגאַנצען אָהן כונה. עס איז מעהר „מצות אנשים מלומדה" געווען, ווי ערנסטע רעליגיעזע עבודה, מעהר **טויטע ענערציע, ווי זעלבסשטענדיגע און לעבע־דיגע קראַפט.**

---

און אין סאַמע יענער צייט, ווען דאָס היידענטום האָט געהאַלטען אין איין פאַרלירען די אַלע פּאָזיציעס זיינע, סאַמע אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך אַזאַ שאַרפע טענדענץ געמערקט, אַז דער אָנגע־הויבענער פּראָצעס צו קריסטאַליזירען און אויסצופיינערען דעם רעליגיעזען באַגריף וועגען גאָט ביי דער קולטורעלער מענשהייט וועט די אַלע העכסטע שטרעבונגען איהרע רעאַליזירען; סאַמע

אין יענער צייט, ווען דער צושטערונגס־גייסט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע צוזאמען מיט דעם איינפלוס וואָס די אידישע אמונה האָט אויסגעאיבט אויף יענער תקופה, האָבען טריאומפירענד אָנגעפיהרט זייער טעטיגקייט, צו צושמעטערען דאָס גלויבען אין פילגעטעריי און אוממעגליך מאכען פאר די מענשען, וואָס האָבען אין יענעם דור געלעבט, די קאָנצעפּציאָן וועגען גאָט, ווי וועגען א וועזען, וואָס איז ניט אינגאנצען פון קערפערליכקייט פריי, און איינפלאַנצען אין זייער רעליגיעזען באוואוסטזיין דעם ריינעם אידישען מאָנאָטעאיזם, אז עס איז דאָ נאָר *איין* גאָט אויף דער וועלט, וועלכער האָט *קיינע ארויסהעלפער, קיינע באקעמפער*, איין גאָט, וועלכער איז פון יעדער קערפערליכקייט אויסגעטאָן, וואָרום *ער איז קיין קערפער און האָט קיינמאָל דאָס געשטאַלט פון קיין קערפער ניט אָנגענומען* — סאמע אין יענער צייט איז ענטשטאַנען דאָס קריסטענטום, און שוין פון ערשטען מאָמענט אָן, וואָס איז אַלס רעליגיאָן ארויסגעטראָטען, האָט עס געפריידיגט ביידע זאכען, אז גאָט האָט יאָ אַן ארויסהעלפער — יעזוס איז לויט דער הערשענדער מיינונג אין עגוואַנגעליום א גאָט, און א גאָט ניט פון קיין קליינער באדייטונג. ער האָט די וועלט באשאפען און ער פיהרט זי. בעת ער האָט די וועלט באשאפען, האָט זיך אָבער אין זיין ארבייט א פגם ארייננעכאפּט. ער האָט אָדמ'ען ניט מיט דער געהעריגער שלימות באשאפען — און יענער איז דעם חטא פון „עץ הדעת" באגאנגען און האָט די גאנצע וועלט אין זינד איינגעהילט. דער חטא איז דאריבער *זיין* חטא געווען. האָט *ער* אליין באדארפט איהם אויסקויפען. האָט ער זיך אין בלוט און פלייש פארקערפערט און מיט *זיין בלוט דער וועלט איהר תיקון געבראכט* — און אַלעס איז דעמאָלט פאַלקאָם געוואָרען. ער האָט דורך זיין פארגאָסען בלוט די גאנצע יצירה פון דאָס ניי איבערגעשאפען. אַלעס

ווי נעוועזן — אָבער שוין אָהן אַ פּנם. אָדם האָט נ י ט געזינ־
דיגט. גאָט אַליין האָט מיט זיין בלוט פאַר דער זינד באַצאָלט —
און די זינד איז אויף אייביג אָפּגעוואשט געוואָרען — און באַ־
קעמפער — דער שטן פון קריסטענטום איז נעהענטער צו דער
קאָנצעפּציאָן פון היידענטום וועגען איהם, ווי צום אידישען באַגריף
וועגען שטן. ער איז נעהענטער צום פּערסישען אחרימון, ווי צום
אידישען „בעל דבר". דער אידישער שטן איז — טראָץ דעם, וואָס
די אידען האָבען איהם ביי די פּערסיער גענומען, טראָץ דעם, וואָס
דער היסטאָרישער טאַטע זיינער איז דער פּערסישער גאָט אחרימון
— ניט קיין זעלבסשטענדיגער כח. איהם, ווי אַלע אַנדערע כחות,
האָט גאָט באַשאַפען, און ווי דער מענש איז ער אויך אַ בעל־
בחירה. ווען ער וואָלט וועלען, וואָלט ער גאָר אַ „מליץ יושר", אַ
„מלאך טוב" געקאָנט זיין. ער האָט אָבער דעם שלעכטען וועג
פאַר זיך אויסגעקליבען, דעם וועג פון מזיק און משחית זיין. ווי
די זאַך זאָל אָבער ניט זיין — דער רבונו של עולם פיהרט מיט
איהם ניט קיינע חשבונות שאַרפע. ער פיהרט מיט איהם קיין
קאָנקורענץ ניט אָן און ער איז מיט קיין זעלבסשטענדיגען כח ניט
באַשענקט, ער איז בכלל ניט פון זעהר גרויסער באַדייטונג. ער איז
ניט פון די „שוכני מעונה". אין „שאול תחתית" איז דער שטענ־
דיגער פּלאַץ זיינער. און קומט ער שוין יאָ אַמאָל אין הימעל,
דרעהט ער זיך דאָרט, ווי אַ מצורע עלענד און אָפּגעזונדערט ארום
— אַ שמש, אויף וועלכען מען וואַרפט די גאַנצע מיאוס'ע און אומ־
זויבערע ארבייט ארויף. ב א ד א ר ף  ד ע ר  א ל ה י  ה ח ס ד
ו ה ר ח מ י ם  א  ב י י ז ע ן  א ק ט  ב א ג ע ה ן,  פ י ה ר ט
ע ר  א י ה ם  א ו י ס  ד ו ר ך  א י ה ם — און אַז ער איז אויך
ניט אינגאַנצען פריי פון קערפּערליכקייט. מיט רוח הקודש אָדער
אָהן רוח הקודש — דאָס, וואָס בלייבט איז דער פאַקט, וואָס דער
עוואַנגעליום דערצעהלט, אַז דורך געוויסע באַציהונגען זיינע מיט
אַ פרוי, האָט ער דעם גאָט יעזוס געבוירען.

און אויב דער באַגריף וועגען א י ה ם אַליין, וועגען ט אַ ט ע ן, איז נאָך דאָך אין אַ גרויסער מאָס אויף דעם הויפּטפּרינציפּ פון דעם אידישען מאָנאָטעאיזם „שאינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף“ געבויט — כאָטש, אמת, שוין אויך אויף איהם — ווי איך האָב אויבען באַמערקט — איז אַ שוואַרצער פלעק געפאַלען אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט דערלאָזט, אַז דער „רוח הקודש“ פון אַלטען זאָל צו אַ פרוי פאַרבלאָנדזשען; אויב דער באַגריף וועגען איהם איז ווי וועגען אַ וועזען, וואָס איז ניט קיין קערפּער און האָט קיינמאָל דעם געשטאַלט פון קיין קערפּער אָנגענומען, און אויב מיר קאָנען דאָך די קערפּערליכע וועזענטליכקייט זיינע זעהן און עמפּינדען, איז דאָס נאָר אין ז ו ה ן זיינעם, וועלכער האָט פאַר אַ געוויסע צייט אַ קערפּערליכע געשטאַלט אָנגענומען, אָבער ניט ב אַ ז ו נ ד ע ר, א י ן ז י י ן אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר א י י נ ע נ ע ר ו ו ע ז ע נ ט ל י כ ק י י ט — האָט שוין אָבער דאָס היידענטום זיין פאָלשטענדיגע באַפרידיגונג געקראָגען אין דער פאָרשטעלונג פון קריסטענטום וועגען צווייטען גאָט, וועגען יעזוס'ען.

יעזוס, וואָס איז גאָט'ס זוהן לפי רוחו געווען און איידער ער האָט זיך נאָך אין זיין געשטאַלט פאַר די מענשען באַוויזען, האָט ער שוין אין די הימלען געלעבט און איז אויך נאָך זיין טויט לעבען געבליבען, יעזוס דער גאָט, וואָס האָט אַלע וועלטען באַשאַפען, האָט זיך אין בלוט און פלייש פאַרקערפּערט און האָט כמעט אַ מענשליכעם לעבען לאַנג אויף דער ערד געלעבט.

סאַמע, אַלזאָ, אין יענער צייט, ווען דאָס היידענטום האָט געשיינט צו זיין ביז צום גרעסטען גראַד אָפּגעשוואַכט און אויסגעמאַטערט, איז דאָס פלוצלונג מיט אַזאַ גוואַלדיגער קראַפט צו זיך געקומען. סאַמע אין יענעם מאָמענט, ווען דער „לתקן עולם במלכות שדי“ האָט זיך שוין איבעראַל אין דער לופט געפילט, איז ער פלוצלונג אין טיפען תהום פון פילע פאַרגאַנגענע דורות צוריק געשלייַדערט געוואָרען. סאַמע אין יענעם מאָמענט, ווען די פרוכטבאַרע

טעטיגקייט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און פון דעם אידישען גלויבען אין אחדות הבורא איז שוין געשטאַנען, כמעט, נאָר איין טריט ווייט פון א פאַלשטענדיגען זיג צו ערווערבען, איז ער פלוצ־לונג פאַראַליזירט און אָפּגעשטעלט געוואָרען. עס איז דאָס קריס־טענטום געקומען און האָט צוריק „מחזיר עטרה ליושנה" געווען. סאַמע אין יענעם מאָמענט איז דאָס קריסטענטום ענטשטאַנען און האָט א נייע נשמה דעם פארחל'ש'טען היידענטום אריינגעבלאָזען, בויענדיג דאָס גאַנצע רעליגיעזע סיסטעם זיינע אויף די הויפּט־פּרינציפּען פון דער רעליגיעזער אנשויאונג פון היידענטום, אויף פיל־געטעריי און מענשענגלייכליכע גע־טעריי. אָנשטאָט דעם, דער אידישער מאָנאָטעאיזם זאָל אין דעם ריינסטען געשטאַלט זיינעם ענדליך שוין אויך דעם לעצטען ענדגילטיגען זיג זיינעם איבער דעם היידענטום אָפּהאַלטען און זאָל איהם שוין אויך מיט דער לעצטער לאָפּעטע ערד באַשיטען, לויט ווי די אַלע פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייטען און וואַרשיינליכ־קייטען פון יענער צייט האָבען געפאָדערט — אָנשטאָט דעם איז פּלוצלונג דאָס היידענטום תחית המתים אין קריסטענטום אויפ־געשטאַנען און האָט די אַלע ביז יעצטיגע זיגע פון אידענטום און פון גריכישען פרייען געדאַנק צו נישט געמאַכט.

.2

קאָן דען זיין נאָך א גרעסערער וואונדער דערפון?

און נאָך גרעסער ווערט דער וואונדער, ווען מיר דערמאָנען זיך, אז די ערשטע בליטען פון קריסטענטום האָבען — לויט דער אָנגענומענער מיינונג — אויף דעם באָדען פון דער אידישער אמונה ארויסגעשפּראָצט, אז דאָס קריסטענטום איז פון אידישען בוים א צווייג געווען, אז עס האָט אויף דעם באָדען פון ארץ־ישראל דעם פּראָצעס פון זיין ענטוויקלען זיך און וואַקסען דורכגעמאַכט.

וואָרום מיר באַדאַרפען ניט פארגעסען, אז דער אידישער מאָ־

גאָטעאיזם איז צו יענער צייט, ווען דאָס קריסטענטום זאָל האָבען געוועזען ענטשטאַנען, אויף דער העכסטער שטופע פון ריינקייט און אומקאָמפּראָמיסליכקייט געשטאַנען, אז ער איז נאָך, ווי מיר האָבען שוין איין מאָל פריהער באמערקט, אין דער תקופה פון גלות בבל צו זיין שעהנסטען און העכסטען אויסדרוק געקומען, טראָץ דעם, וואָס דאָס אידענטום איז דאַן — ווי אויך אין די ווייטערדיגע עפּאָכען — זעהר סענסעטיוו געוועזען, אונטערגעוואָרפען צו ווערען אונטער דעם איינפלוס פון פרעמדע רעליגיעזע סיסטעמען, טראָץ דעם, וואָס עס האָט דעמאָלט א סך פרעמדע עלעמענטען אין זיין רעליגיעזען סיסטעם אריינגענומען.

עס האָט זיך דאַן אָט יענע מערקווירדיגע ערשיינונג אין גייסטיגען לעבען פון אידישען פאָלק געמערקט —

וואָס מעהר די אידישע רעליגיאָן האָט אַלע איהרע קנאָספּען ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, איינצוזאַפּען אין זיך די ליכט און שיין פון דער גאַנצער ארומיגער וועלט — האָט זי זיך אין דער זעלבער צייט אַלץ מעהר אין זיך איינגעשלאָסען, אַלץ מעהר איהר אינדיווידואליטעט קאָנצענטרירט און פאַרפעסטיגט. וואָס מעהר ברייטער און פרייער זי האָט אַלע איהרע טויערען צועפענט פאַר דעם איינפלוס פון דער ארומיגער סביבה אין באַצוג צו די ניט וויכטיגע פונקטען פון איהר רעליגיעזען סיסטעם — אַלץ שטרענגער און שטאַרקער האָט זי די הויפּט פונקטען באוואַכט, גלייך ווי זי וואָלט מורא האָבען, אז דער פרעמדער פרייער און מעב-

טיגער שטראָם זאָל אויך די הויפט פעסטונגען איהרע ניט פארפלייצען.

די דאָזיגע אַלע פרעמדע עלעמענטען, וואָס דאָס אידענטום האָט אין זיך אַריינגענומען, זיינען ניט פון ערשטער באַדייטונג געוועזן. זיי האָבען ניט אָנגעריהרט די הויפט־פרינציפען פון אידישען גלויבען. זיי זיינען פון צווייטער באַדייטונג געוועזן. און אויך זיי זיינען מאָדיפיצירט געוואָרען אזוי, אַז זיי זאָלען הארמאָנירען מיט די הויפט־עיקרים פון דער אידישער אמונה. נאָר בנוגע צו זיי — צו די דאָזיגע פון צווייטער באַדייטונג רעליגיאָנס־פונקטען — איז דאָס אידענטום מילד און נאָכגיביג געוועזן. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם קאַרדינאַלען הויפט־פרינציפ איהרען, דעם פרינציפ פון דעם ריינעם גלויבען אין אחדות הבורא, איז עס שטרענג און אומקאָמפּראָמיסליך געבליבען.

אַלעס, אַלעס פון דער גריכישער קולטור, וואָס האָט געקאָנט די אידישע רעליגיע פאַרטיפערען און פאַרפיינערען, האָט זי אין זיך איינגעזאַפּט. זי האָט דורך איהר אייגענעם פילאָזאָפישען עלעמענט געוועקט און ענטוויקעלט. זי האָט דורך איהר אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג פאַר זיך געשאַפען. אַלעס, אַלעס, וואָס האָט געקאָנט מעהר פּאָעטישען עלעמענט אין אַיהר אַריינטראָגען, אַלעס, וואָס זי האָט געקאָנט מיט מעהרערע און פאַרשידענערע פאַרבען און קלאַנגען באַרייכערען, אַלעס, וואָס האָט איהר געקאָנט מיט שעהנערע און רייכערע פאַנטאַזיעס באַפליגלען, האָט דאָס אידישע פאָלק דעמאָלט פון אַלע פאַרשידענע פעלקער איבערגענומען. די הויפט־פעסטונגען איהרע זיינען אָבער שטענדיג אומבאַריהרבאַר געבליבען. מיט פאַרביסענער עקשנות האָט די אידישע אמונה ניט אויפגעהערט צו קעמפען, אַז אין באַצוג צו איהר הויפט־פרינציפ, אין איהר קאָנצעפּציאָן וועגען גאָט זאָל זי די דאָמינירענדע ראָליע שפּילען, אַז אויף דיזען

פעלד זאָל זי שטענדיג דער משפיע זיין, אָבער ניט דער מושפע — נאָר יענעם באאיינפלו־סען, אָבער ניט לאָזען זיך אליין באאיינפלוסען.

איז דאָס דען נאָך אלעם דעם ניט קיין וואונדער, וואָס דאָס אידישע פאָלק און דאָס אידישע לאַנד זיינען עס געווען יענער באָ־דען, אויף וועלכען דאָס קריסטענטום איז אויסגעוואקסען? סאמע דאָן, ווען די אידישע רעליגיאָן איז אויף דער העכסטער שטופע פון שלימות געשטאַנען — האָט זי פּלוצלונג איהר געגענזאַץ געבאָרען. א זאָנדערבארער דיאלעקטישער פּראָצעס, די מעגליכקייט פון וועלכען מיר קאָנען זיך קוים פאָרשטעלען.

---

ווי לעזט מען, אלזאָ, דאָס פּראָבלעם? וואו געפינט מען דעם שליסעל צו אָט יענע באהאַלטענע פּסיכאָלאָגישע כוחות. וואָס האָ־בען די דאָזיגע זאָנדערבארע ערשיינונג מעגליך געמאכט?

.3

און וואָלטען מיר כאָטש זיכער געווען, אז וועניגסטענס די פּאַקטישע זייט פון קריסטענטום וויסען מיר; וואָלטען מיר וועניגסטענס אויסרעכענען געקאָנט די אלע פאַרשידענע פאקטען, וואָס האָבען פאר זיך פּלאַץ געפונען איבער דעם גאַנצען ענטוויק־לונגס-גאַנג פון קריסטענטום — פון דעם ערשטען מאָמענט פון זיין ענטשטעהונג ביז צום לעצטען — און ווייסען אויף זיכער, ווי צו באשטימען דעם גענויען אינהאַלט זייערען; וואָלטען מיר כאָטש גענוי געוואוסט, איבער וויפיל אקטען די דאָזיגע דראמא האָט זיך געצויגען און קאָנען באשטימען גענוי די האַנדלונגען, וואָס זיינען אין זיי פאָרגעקומען אין זייער ריכטיגער כראָנאָלאָגישער און לאָגישער אָרדנונג.

ווען מיר וואָלטען, למשל, געקאָנט אָננעמען, אז די ענטשטע־הונג פון קריסטענטום איז ווירקליך היסטאָריש פאָרגעקומען, ווי

עס ווערט אנגעגעבען אין עוואנגעליום, דער היסטאָרישער מאַטע־ריאַל פון וועלכען ווערט, כמעט, פון אַלע פאָרשער און געלעהרטע, וואָס שרייבען וועגען קריסטענטום אָנגענומען אלס א באזיס — עס טוען עס די יעניגע אפילו, וואָס פּאָרוואָרפען אָדער ענדערען מאַנכע שטריכען אין היסטאָרישען בילד, וואָס דער עוואנגעליום גיט אונז וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום. נאָר איינ־צעלנע שטריכען איגנאָרירען זיי. דאָס בילד אין אַלגעמיין אָבער נעמען זיי אין גאַנצען אָן. וויסענדיג, אז מען קאָן זיך ניט באַציהען מיט צוטרויען צום מאַטעריאַל פון עוואנגעליום, דינט ער דאָך פאַר זיי אַלס ראַמען, אין וועלכע זיי פּאַסען זייער שטודיום איין פאַר זייער סיסטעם די ענטשטעהונג פון קריסטענטום צו ערקלערען — וואָלטען מיר דאַן כמעט אויף וויפיל עס איז אין א באַקוועמער לאַגע זיך געפונען. דאָס אליין וואָלט שוין פאַר אונז א גוואַלדיגער אוצר געוועזן. מיר וואָלטען דאַן א פעסטען באָדען אונטער די פיס געפיהלט אין אונזער שטודיום וועגען דער היסטאָרישער ענטשטע־הונג פון קריסטענטום. עס וואָלט אונז כמעט קיין ציגעל און שטרוי ניט געפעהלט דעם בנין צו בויען און די זיכערהייט, אז דער בנין, וואָס מיר וועלען מיט דער הילף פון די דאָזיגע ציגעל אויפבויען, וועט אויף פעסטע יסודות שטעהן — אויף די יסודות פון היסטאָרישע פאַקטען. אויב עס וואָלט פאַר אונז דאַן א סוד געבליבען דער „פאַר וואָס" אין דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, וואָלטען אָבער דערפאַר די אַלע וועגען פון „ווי אזוי" זיינעם פריי און ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט זיך פאַר אונז. מיר וואָלטען אַלע היסטאָרישע מאָמענטען זיינע געוואוסט. עס וואָלט פאַר אונז אָט יענער הויכער פּונקט געשאַפען געוואָרען, פון וועלכען מיר זאָלען קאָנען מיט אונזער אויג דאָס גאַנצע קריסטענטום אלס היס־טאָרישע ערשיינונג ארומנעמען.

עס וואָלט פאַר אונז א גוואַלדיגער אוצר געווען, ווען מיר וואָלטען מיט פעסטער איבערצייגונג געקאָנט ווירקליך דאָס קריס־

טענטום אלס א צווייג פון אידישען בוים באטראכטען, ווען מיר וואלטען גלויבען געקאנט, אז דאס קריסטענטום איז ווירקליך אויף דעם באדען פון אידישען גלויבען אויפגעוואקסען, ווען מיר וואלטען מיט זיכערהייט אט יענע איבערצייגונג געקאנט אננעמען, אז אינ׳ם זיבעציג־יעהריגען פעריאד פאר׳ן חורבן בית שני האט א איד א פאנטאזיאר, א טרוימער, ערגעץ אין ארץ־ישראל — אין בית־לחם אדער נצרת — געלעבט, וואס האט זיך אלס גאט — א מיינונג, וואס פאלשער פון איהר קאן איך מיר גאר ניט פארשטעלען — און משיח באטראכט און האט א גוואלדיגען איינפלוס אויף די אידען פון ארץ־ישראל אויסגעאיבט און נאכהער האט זיך זיין איינפלוס אין די ארומיגע לענדער פארשפרייט.

אמת, מיר וואלטען דאן באדארפט זוכען — און ניט געפינען — די ערקלערונג פאר דער פסיכאלאגישער מעגליכקייט פון אזא מאדנער ערשיינונג, אז א אידישער יונגערמאן זאל זיך אין יענער צייט אלס גאט׳ס זוהן ערקלערען און זאל נאך דערצו האבען אויס־געאיבט אזא גוואלדיגען איינפלוס אויף זיינע אידישע צייט־גע־נאסען. אמת, עס וואלט פאר אונז דאן נאך א לאנגער צעטעל פון הארבע „מהר״ם שיפ׳ס״ ארויפגעשוואומען, פאר וועלכע מיר וואלטען אוממעכטיג געווען אפילו א „ויש לישב בדוחק״ צו געפי־נען. מיר וואלטען דאן פאר א גוואלדיגען שווערען פראבלעם גע־שטאנען.

מיר וואלטען אבער דאן דאך געמוזט אין אונזער קאנצעפציאן וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום אונזער קאפ פאר די פאקטען בויגען און ווי ערביטערט מיר וואלטען זיך ניט געפיהלט דורך דעם, וואס מיר קאנען ניט לעזען דאס שווערע פראבלעם, וואס זיי האבען אויף אונז ארויפגעצוואונגען, וואלטען מיר אונזער העכסטע באפרידיגונג געקראגען אין דעם, וואס מיר באזיצען די פאקטען, וואס האבען דאס דאזיגע שווערע פראבלעם געשאפען, וואס מיר באזיצען אט יענע זיכערע פאקטען, וועלכע מאכען אומ־

מעגליך פאַר אונז צו זוכען אַ לעזונג פאַר דעם שווערען פּראָבלעם דורך דעם, וואָס מיר זאָלען פּרובען זיי גאָר אינגאַנצען צו פאַר־וואַרפען.

מיר וואָלטען אונזער קאָפּ פאַר די פאַקטען געבויגען און צו־פרידען געווען, וואָס מיר האָבען דאָך אַן אָנהאַלטס־פּונקט אין אונ־זער אויפפאַסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום און מיר זיינען ניט געצוואונגען צו טאַפּען גאָר אין גאַנצען אין דער פינ־סטער. דער צער פון דעם, וואָס דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט פון דיזען פּראָצעס וואָלט פאַר אונז אומבאַוואוסט געבליבען, וואָלט אויסגעקויפט געוואָרען פאַר אונז דורך דעם, וואָס מיר וואָלטען דאַן אַ קלאָרען באַגריף געהאַט וועגען די אַלע עטאַפּען, וואָס דאָס קריס־טענטום האָט דורכגעמאַכט איבער דעם גאַנצען וועג פון זיין ענט־וויקלונגס־גאַנג.

און אויסער דעם וואָלט שוין אויך דאָס פּראָבלעם אליין — ווי שווער עס זאָל אונז ניט זיין צו געפינען אַן ענטפער דאַרויף און אָפּגעזעהן פון דער גרויסער באַ־דייטונג, וואָס וואָלט פאַר אונז געהאַט די אורזאַכע, וואָס האָט דאָס פּראָבלעם צום לעבען אַרויסגערופען — אַן און פאַר זיך פון אַ גוואַלדיג גרויסער באַ־דייטונג, פון גוואַלדיג גרויסען אינטע־רעס פאַר אונז געווען.

ווערט דאָך דער אינטערעס, וואָס דער ספינקס רופט ביי אונז אַרויס, ניט קלענער צוליב דעם, וואָס מיר קאָנען ניט דעם אויס־דרוק פון זיין געזיכט אָראָפּלייענען. באַשטעהט דאָך אין דעם טאַקע דער גאַנצער אינטערעס אונזערער: וואָס מעהר רעטזעל־האַפטער ער ערשיינט פאַר אונז — אַלץ מעהר וואַקסט דאָס מאָדנע געפיהל, וואָס ער רופט ביי אונז אַרויס.

מיר וואָלטען דאַן פאַר אַ גוואַלדיגען היסטאָרישען וואונדער געשטאַנען, און וואָס מעהר עס וואָלט אונזער איבערצייגונג גע־

וואקסען, אז מיר קאָנען ניט פארשטעהן די געהיימע וועגען, דורך וועלכע די געשיכטע האָט איהר גרויסען וואונדער געשאפען, מיט אלץ גרעסערער ענטציקונג וואָלטען מיר פאר דער פראכט פון דעם דאָזיגען היסטאָרישען וואונדער געשטאַנען.

---

ליידער איז אָבער די לאַגע גאָר אין גאַנצען אנדערש. מיר האָבען זעהר ווייניג זיכערע ידיעות אויך וועגען דער פאקטישער זייט פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום. מיר באזיצען ניט קיין זיכערען היסטאָרישען מאטעריאל וועגען דעם. די אלע הונדערט פראָצענט כמעט פון דעם דאָזיגען היסטאָרישען מאטעריאל וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום ביז צו א פאָר הונדערט יאָהר נאָך דעם חורבן בית שני — אין פאל מיר זאָלען אפילו אָננעמען, אז די שטעלע אין טאציטוס, וואו ער ווארפט ארויף דעם בלבול פון דעם פייער אין נעראָ'ס צייטען אויף די ערשטע קריסטען, איז ניט אריינגעשמוגעלט געוואָרען א סך שפעטער — געפינט זיך נאָר אין נייעם טעסטאמענט. און מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלען נאָך אזא אומזיכערע און צווייפעלהאפטע קוועלע. דער היסטאָרישער מאטעריאל — הויפטזעכליך דער גאנצער ביאָגראפישער מאטעריאל וועגען יעזוס'ען — זיינער, אויף וויפיל ער ווערט ניט פון אנדערע קוועלען באשטעטיגט און אויף וויפיל זייער אמת קאָן ניט ארויסגעצוואונגען ווערען אויף אונז דורך זייער פסיכאָלאָגישער און לאָגישער נויטווענדיגקייט — ניט נאָר דורך זייער פסיכאָלאָגישער מעגליכקייט — איז אבסאָלוט ווערטלאָז אין באצוג, מיר זאָלען אויף איהם קאָנען בויען א פאָלקאָמענע — און אפילו א ניט פאָלקאָמענע — אויפפאסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום.

איין זאך ווערט דיר קלאָר, ווען דו לעזט דעם עוואנגעליום, אז די צוזאמענשטעלער איז ממש אין לעבען געגאנגען, איינצופלאנצען דעם גלויבען, אז נאָך די אידישע נביאים האָבען די ערשיינונג

פון יעזוס׳ען פאראוים געזאגט און אז אויף יעדען פאקט פון זיין לעבען איז דא ערגעץ א רמז אין וועלכען עס איז פסוק פון תנ״ך. קאנט איהר זיך שוין פארשטעלען, מיט וואס פאר א צוטרויען מיר קאנען זיך באציהען צו אלעם דעם, וואס זיי דערצעהלען אונז וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, ווען מיר זעהען, פון וואס פאר א טענדענצען זיי זיינען באהערשט געווארען, שרייבענדיג דאס אלעם. א תהום פון ספיקות וואקסט שוין דאן פאר אונזערע אויגען אויס. מעגליך — זאגען מיר זיך דעמאלט — אז די דאזיגע פאקטען, וואס ווערען אין עוואנגעליום דערצעהלט, זיינען גוואלדיג געפעלשט און געענדערט געווארען, כדי זיי זאלען זיך צו די פסוקים פון תנ״ך צופאסען. און טראכטען מיר נאך א ווייל, ווערט שוין ביי אונז דער מעגליך אין א געוויס פארוואנדעלט. עס לעגט זיך דאך עפעס פארט ניט אויפ׳ן שכל, אז די געשיכטע זאל זיך אזוי גנעדיג צום קריסטענטום ארויסצייגען שוין אין ערשטען מאָמענט — טראץ דעם, וואס אין אלגעמיין האט זי זיך נאכהער ווירקליך זעהר גנעדיג צום קריסטענטום באצויגען און עס האט פאר איהר א מזל׳דיגע מערכה געהאט — פון זיין ערשיינען, זי זאל עס מיט אזוינע ווירקליכע פאקטען פארזארגען, יעדער איינער פון וועלכע זאל קאנען צו א געוויסען פסוק צוגעפאסט ווערען.

מעגליך — זאגען מיר זיך דעמאלט — אז די דאזיגע פאקטען האבען פאר זיך גאר אין גאנצען קיין פלאץ אין דער אביעקטיווער ווירקליכקייט געפונען. מעגליך, אז זיי זיינען גאר א י ן ג א נ צ ע ן צ ו ג ע ט ר א כ ט ג ע ו ו א ר ע ן ל ו י ט ד ע ם א י נ ה א ל ט, ו ו א ס מ ע ן ק א ן א ר י י נ ש פ א ר ע ן א ט א י ן י ע נ ע פ ס ו ק י ם פ ו ן ת נ ״ ך, ו ו ע ל כ ע ל א ז ע ן ז י ך ו ו ע ג ע ן א י ע ז ו ס ׳ ע ן ד ר ש נ ׳ ע ן. מעגליך — ווי באלד מיר מוזען שוין די זינד פון פעלשונג אויף די שרייבער פון עוואנגעליום ארויפווארפען — אז די שרייבער און רעדאקטערע פון עוואנגעליום האבען דאס דאזיגע שטיקעל ארביים

אפגעטאן, כדי דאס קריסטענטום זאל ימיט דער הסכמה פון תנ"ך פאר דער וועלט ארויסטרעטען, וואס זיי האבען פאר זייערע צוועקען — ווי מיר זעהען עס פון עוואנגעליום — פון גרויס נויטווענדיג־קייט און וויכטיגקייט באטראכט.

און דאן זאגען מיר זיך ווייטער:

אין בעסטען פאל וואלטען מיר דאך א העלפט פון דעם, וואס איז דארט געשריבען, באדארפט אין ים ארייננווארפען. אין די נסים ונפלאות — אפילו די ראציאנאליסטען*) האט זיך דאך ניט איינגעגעבען די אלע נסים על פי דרך הטבע צו ערקלערען — גלויבען מיר דאך ניט. אין דער גאנצער „געטליכקייט" און „הייליג־קייט", וואס ווערט איהם דארטען צוגעשריבען, זיינען מיר דאך אויך ניט קיין באזונדערס גרויסע מאמינים. טא לאמיר זיך שוין לויט דעם כלל פון „לא פלגינן שיקרא" פיהרען און אויף ווי ווייט מיר קאנען, לאמיר צוזאמען מיט דעם „געטליכען" מאטעריאל פון עוואנגעליום אויך דעם היסטארישען מאטעריאל פאר־ווארפען.

---

און די דאזיגע מחשבות זרות וואלטען אונזער געדאנק געקאנט באאומרוהיגען אפילו דאן, ווען דער היסטארישער מאטעריאל פון עוואנגעליום וואלט כאטש פון איינהייטליכען כאראקטער געווען; ווען מיר וואלטען איהם אפילו כאטש אין אן אויסגעהאלטענער און נענויער פארם דארטען געהאט.

איז אויך דאס אבער, ליידער, ניט אזוי.

עס זיינען דארט אין דער כראנאלאגיע און אין דעם פאקטי־

---

*) עס האבען זיך געפונען אזוינע, וואס האבען זיך מיט דער דאזיגער „קלוגער" און פרוכטבארער ארבייט באשעפטיגט.

שען אינהאלט פון די האנדלונגען גוואלדיגע ווידערשפּרוכען פאראן, ווידערשפּרוכען, וועלכע לאזען זיך בשום אופן ניט פארענטפערען און — איבערהויפּט — וועלכע זיינען פון אזא כאראקטער, וואס נעמען פון אונז די מעגליכקייט אוועק, מיר זאלען קאנען פון דעם גאנצען מאטעריאל אן איינהייטליכען סיסטעם — וואס איז דער־הויפּט וויכטיג פאר אונז — בילדען, וואס ברענגען אונז אין א גוואלדיגען פלאנטער אריין, פון וועלכען מיר האבען ניט די מעג־ליכקייט אן אויסוועג צו געפינען. ליידער געפינען זיך דארט אויך אזעלכע עלעמענטען, וואס ווי גוט און פרום מיר זאלען זיך צו די שרייבער פון עוואנגעליום ניט וועלען באציהען — מוזען מיר דאך קומען צום באשלוס, אז עס איז אבסאלוט אוממעגליך, זיי זאלען א היסטארישען אמת באזיצען.

און די דאזיגע ווידערשפּרוכען געפינען זיך ניט נאר בנוגע צו די היסטארישע פאקטען אליין, וואס ווערען דארט פון פארשי־דענע שרייבער וועגען יעזוס׳ען געבראכט, מען געפינט זיי אין א גרויסער מאס אויך בנוגע צו דער אויפפאסונג וועגען דעם גייסטי־גען איך פון יעזוס׳ען.

דער עוואנגעליום — און דאס אליין איז שוין אויך גענוג צו אונטערברעכען ביז צו גאר דעם אויטאריטעט פון היסטארישען אמת פון עוואנגעליום — האט דעם ביטערען שיקזאל פון שעקס־פּיער׳ס „האמלעט” געטיילט — דעם ביטערען שיקזאל פון שעקס־פּיער׳ס „האמלעט”, וואס איז „פארמעהרט, פארבעסערט און פאר־גרעסערט געווארען פון דוב בער טורעש”. דער אונטערשיד איז נאר אין דעם, וואס דא האט זיך נאר איין דוב בער טורעש מיט דער דאזיגער ארבייט זיך באשעפטיגט. דער עוואנגעליום אבער איז א שעהן ביסעל הענט אריבערגעגאנגען, ביז ער איז צו אונז אין זיין יעצטיגער רעדאקציע דערגאנגען. יעדער טייל זיינער איז פון פארשידענע און פילע הענט געשריבען געווארען, און יעדע האנט האט עטוואס אייגענעס צוגעגעבען און אהן רחמנות איבער דער

פריהערדיגער קאפיע, וואס זי האט געהאט פאר זיך, גע'בעל־הבת'עוועט. דער יעצטיגער עוואנגעליום איז א פראדוקט פון פילע אנדערע, וואס האבען פריהער צירקולירט — פאלשטענדיג שוין אין איין בוך פאראייניגט אדער אין באזונדערע, אפגעטיילטע פראגמענטען. ער האט שוין ביז דאן א שעהנע ביסעל גלגולים דורכגעמאכט, און אין יעדען גלגול האט ער א שעהנע פארציע פון חבוט הקבר אויסצושטעהן געהאט. יעדער מחבר האט אהין פארשידענע פעלשונגען און ענדערונגען אריינגעטראגען, ווי זיין הארץ האט נאר געגלוסט. יעדער מחבר האט אהין נייע שטעלען אריינגעשמוגעלט און פילע אלטע ארויסגעווארפען אין איינקלאנג מיט די טענדענצען, וואס זיי האבען געוואלט דורכפיהרען און מיט דעם שטעמפעל, וואס זיי האבען געוואלט אויף דעם קריסטענטום ארויפלעגען.

לעזסטו דעם עוואנגעליום מיט געהעריגער אויפמערקזאמקייט, ווערט דיר, אויסער אט יענעם פונקט, וועגען וועלכען איך האב פריהער געשריבען, אויך פאלגענדעס קלאר, אז עס איז פאר פיל צייט אין קריסטענטום א גרויסער ספסוך אנגעגאנגען וועגען דער אויפפאסונג פון יעזוס'ען און אז עס איז דעם קריסטענטום אין לעבען נעגאנגען, עס זאלען אין איהם פאלגענדע צוויי עלעמענטען, וואס זיינען דער אביעקט פון ספסוך געווען — אין יעזוס'ען פארטראטען זיין: אי דער משיח'שער עלעמענט, אי דער געטליכער עלעמענט, אז די קריסטליכע אנהענגער זאלען איהם אי אלס אידישען משיח, אי אלס גאט באטראכטען, זיי זאלען אין איהם אי דעם אידישען ערלעזער, אי דעם אלמענשליכען ערלעזער זעהן. די קירכע האט דעם ספסוך געשליכטעט דורך דעם, וואס זי

האָטביידע געגענגעזעצטע אויפפאַסונגען אין קריסטענטום אריינגענומען.

דאָס אַלעס זעהסטו קלאָר, ווען דו לעזט אויפמערקזאַם ד'עם עוואַנגעליום, און דו זעהסט אויך פאָלגענדעס איין —

אַז טראָץ דעם, וואָס די רעדאַקטערע פון עוואַנגעליום האָבען אַזוי פיל מיה אַוועקגעלעגט פון די פאַרשידענע אויפפאַסונגען וועגען יעזוס'ען איין איינהייטליכע אויפפאַסונג צו שאַפען, אין וועלכער עס זאָלען זיך די אויבען דערמאָנטע צוויי עלעמענטען האַרמאָניש צונויפגיסען, האָט זיי זיך עס דאָך נים איינגעגעבען.

און דאַריבער זעהען מיר, אַז אמאָל טרעט יעזוס אַרויס פאַר אונז אין עוואַנגעליום אין זיין פולער געטליכער פראַכט, אַזוי, אַז עס איז איהם שוין דעמאָלט גאָר אין גאַנצען ניט אָנגעשטאַנען די אידישע משיח קרוין אויפ'ן קאָפּ צו טראָגען, און אמאָל באַווייזט ער זיך פאַר אונז מיט דעם אידישען משיח־מאַנטעל אויף די פלייצעס, און די פליגלען פון געטליכען שטאָלץ זיינעם זעהען שוין אויס דעמאָלט, ווי עפּעס אונטערגעהאַקט אַביסעל. יעזוס איז אַ צו ענגע וועלט געבליבען פאַר ביידע עלעמענטען. נאָך דער גאַנצער מיה, וואָס די רעדאַקטערע פון עוואַנגעליום האָבען אַוועקגעלעגט, אויסצוגלייכען די סתירות, וואָס האָבען זיך געפונען צווישען די שרייבער, וואָס זיינען אין עוואַנגעליום פאַרטראָטען, און רעדאַגירען דעם מאַטעריאַל אַזוי, אַז עס זאָל אין איהם נאָר איין האַרמאָנישער טאָן הערשען, זיינען די דאָזיגע סתירות דאָך ניט אינגאַנצען באַזייטיגט געוואָרען, און מיר זעהען בכלל ניט, אַז די אַלע שרייבער זאָלען ווירקליך „שפה אחת און דברים אחדים" רעדען. יעדער איינער פון די פיער שרייבער, וואָס

שרייבען אין עוואנגעליום וועגען יעזוס'ען, מאָלען אינגאַנצען אַנ־דערש דאָס גייסטיגע בילד פון יעזוס'ען, אַזוי, אַז זיי זעהען כמעט ווי פאַרשידענע יעזוסען אויס. יעדער איינער פון די דריי „סינאָפּ־טיקער" שילדערט אונז גאָר אַן אַנדער יעזוס. און דער יעזוס פון יוחנן איז שוין ווידער גאָר אינגאַנצען אַנדערש פון די אַלע אַנדערע.

און דאַן קומט נאָך אַט יענער וויכטיגער פאַקט, אַז אויסער יענע אידישע קוועלען, וואָס האָבען קיין היסטאָרישען ווערט ניט, ווערט פון קיינעם פון די אַלע גרויסע אידישע שרייבער — ווי אויך פון די ניט־אידישע — וואָס זיינען אַלס היסטאָריקער באַריהמט, פון אַט יענע אַלע אידישע היסטאָריקער, וואָס האָבען אין יעזוס'עס צייט געלעבט און האָבען געמוזט זיין די עדות פון דיזער מערק־ווירדיגער ערשיינונג, ווי אויף דעם באָדען פון דער אידישער אמונה איז דאָס קריסטענטום אויסגעוואַקסען, מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען יעזוס'ען. דער גרויסער פילאָזאָף פילאָן דערמאָנט איהם גאָר אינגאַנצען ניט. יוסיפון האָט יע אַ שטעלע, וואו עס רעדט זיך וועגען קריסטענטום. אַלע פאָרשער אָבער זיינען מסכים, אַז עס ליגט אויף דער דאָזיגער שטעלע גוואַלדיג בולט דער שטעמפּעל פון פעלשונג, און אַז אין דער „ערשטער" האַנט איהרער האָט זי געמוזט גאַנץ אַנדערש זיין, ווי מיר זעהען זי יעצט פאַר אונז. דער אמת איז אָבער נאָך מעהר. עס איז פון איהר גאָר אינגאַנצען קיין ערשטע האַנט ניט געווען. גאָר אַמאָל, אַמאָל האָט איהם — יעזוס'ען — אויך יוסיפון מיט קיין איינציג וואָרט ניט דערמאָנט. אָנגעהויבען דערמאָנען איהם האָט ער ערשט מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר שפּעטער. אַזוי ווי וועגען יוסיפון דערצעהלט אונז אָבער ניט דאָס קריסטענטום, אַז ער איז תחית המתים אויפ־געשטאַנען, מוזען מיר קומען צום באַשלוס, אַז די דאָזיגע שטעלע איז ניט מיט זיינע אייגענע הענט אָנגעשריבען געוואָרען, נאָר אַז די הייליגע פאַטערס פון דער קירכע האָבען פאַר איהם דאָס דאָזיגע שטיקעל אַרבייט געטאָן.

און עס איז ווירקליך טאקע אזוי געווען. יוסיפון אליין האט טאקע וועגען איהם אליין גאר ניט דערמאנט. אין דעם „קדמוניות היהודים”, וואס האט ביז דעם דריטען — און פערטען זאגאר — יאהר־הונדערט צירקולירט, האט זיך קיין איין זילבע ניט געפונען וועגען יעזוס׳ען. ערשט פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבען דארטען צו באווייזען די אויבען דערמאנטע שטעלע. די פאטערס פון דער הייליגער קירכע האבען געפיהלט, אז דער פאקט, וואס עס צירקולירט ארום א יוסיפון, אין וועלכען עס ווערט מיט קיין איין ווארט ניט דערמאנט דער גרינדער פון קריסטענטום, קאן שאדען דעם פרעסטיזש פון דיזער רעליגיע און ארויפווארפען א גרויסען שאטען פון צווייפעל אויף די אלע מעשיות, וואס זיי דערצעהלען וועגען דעם גרינדער איהרען, האבען זיי דאריבער דעם פעהלער מתקן געווען.

---

אט די דאזיגע אלע אומשטענדען פארגרעסען נאך שטארקער אונזער אומטרויען צום היסטארישען מאטעריאל פון עוואנגעליום און דו קומסט צו דער איבערצייגונג, אז דו קאנסט אויף איהם מיט זעהר ווייניג זיכערהייט בויען דיינע פארשונגען וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום. אין דעם גאנצען היסטארישען׳ מאטעריאל זיינעם קאנסטו קיין איין פראצענט אפילו ניט געפינען, וואס דו זאלסט איהם אלס זיכערען אמת מוזען אננעמען. דאגעגען, מוזטו מיט פעסטער איבערצייגונג דעם גרעסטען טייל זיינעם אלס אבסאלוט פאלש ערקלערען.

און דאן ווערט פאר אונז נאך א מעהר שווערע און אומבאקוועמע לאגע געשאפען. עס ווערט שוין פאר אונז א „טערא אינקאגניטא” דאס ענטשטעהן פון קריסטענטום שוין ניט אלס פסי־

באלאגישער פראצעס אליין, נאר אויך אלס היסטארישער. מיר בלייבען אין א פינסטערען געדיכטען וואלד שטעהן, פון וועלכען מיר זעהען שוין גאר אינגאנצען קיין אויסוועג ניט. מיר פארלירען שוין דעמאלט גאר אינגאנצען יעדען פונקט, פון וועלכען מיר זאלען קאנען ציהען די ליניע, וואס זאל אונז צו פאזיטיווע ווייסען וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום פיהרען. מיר ווערען פאר א פארפלאנטערטען קנויל געשטעלט און מיר האבען ניט קיין מעגליכקייט דעם זיכערען מעטאד צו געפינען, ווי אזוי איהם פאנאנדערצוּוויקלען. דאס פראבלעם, וואס ווערט דאן פאר אונז באשאפען, איז שוין ניט נאר אין דעם, אויסצוגעפינען די פסיכאלאגישע פאקטארען, וואס האבען מעגליך געמאכט דאס קריסטענטום אלס היסטארישע ערשיינונג, וואס האבען דעם גאנצען היסטארישען אינהאלט זיינעם צום לעבען ארויסגערופען. דאס פראבלעם באשטעהט דאן אויך אין דעם, אויסצוגעפינען, וואס איז אזוינס גאר אין גאנצען דאס קריסטענטום אלס היסטארישע ערשיינונג געווען, אין וואס עס באשטעהט אייגענטליך גאר אין גאנצען דער היסטארישער אינהאלט פון דער דאזיגער ערשיינונג. ניט נאר ווייסען מיר ניט יעצט דעם סוד, ווי אזוי די געשיכטע האט די פארבען, מיט וועלכע זי האט דאס בילד געמאלען — קאמבינירט. מיר ווייסען גאר אין גאנצען ניט, מיט וואס פאר א פארבען זי האט זיך באנוצט, זי זאל דאס בילד אין איהר ענדגילטיגער פארם האבען פארענדיגט.

ווער אדער וואס איז דאס געווען דער שטאם, פון וועלכען דאס קריסטענטום האט זיינע צווייגען פאנאנדערגעשיקט? אדער מיט וואס און מיט וועמען הויבט זיך דער „אלף" פון קריסטענטום אן? וואס איז דאס געווען דער צענטראל־פונקט, ארום וועלכען די אלע רעדער זיינע האבען זיך געדרעהט? אויף דעם באדען פון וועלכען לאנד איז דאס ערשטע קערענדעל פארזעעט געווארען? און וואס פאר א קערענדעל איז דאס געווען? וואס פאר א פאטענ־

ציעלע לעבענס האט עס מיט זיך געטראגען? ווער איז עס דער פארזעער געווען? און ווער, וואו און ווען זיינען עס די מיטהעל־פער זיינע געווען? אונטער וואס פאר אומשטענדען האבען זיי זייער טעטיגקייט אנגעפיהרט? און אין וואס פאר א ראמען איז זי — די דאזיגע טעטיגקייט — איינגעפאסט געווארען? א לא־בירינט פון ספיקות און פראגען וואקסט פאר אונז אויס דעמאלט און מיר מוזען אלעם פון דאס ניי אנהויבען, אום אן ענטפער פאר זיי צו קריגען. ווען פריהער האבען מיר פאר זיך באטש א פאר־טיגע געביידע געהאט ,וועלכע האט זיך נאר אין „פסיכאלאגישער באלייכטונג" גענויטיגט, האבען מיר פאר זיך יעצט גאר אינגאנצען קיין געביידע ניט — און מיר מוזען זיך אויף די אומזיכערע וועגען פון פינסטערען לאבירינט פון אומוויסענהייט און צווייפעלהאפטען היסטארישען מאטעריאל, אין וועלכען מיר געפינען זיך — אויף די אומזיכערע וועגען פון פינסטערען לאבירינט אוועקלאזען, ציגעל און שטרוי פאר דער געביידע צו זוכען.

---

זאל אבער דער מינוס אין א פלוס פארוואנדעלט ווערען. זאלען מיר טאקע אלעם פון דאס ניי אנהויבען. אויב דער מאטעריאל, וואס מיר באזיצען, איז סיי ווי סיי ניט קיין זיכערער און ניט קיין טרויענסווערטער, — לאמיר פרובען איהם טאקע גאר אין גאנצען צו פארווארפען און געווינען דערוייל דאס, וואס צוזאמען מיט דעם מאטעריאל וועלען מיר אויף א ווייל ע אויך פטור ווערען פון אט יענעם שווערען פראבלעם וואס וואלט פאר אונז ארויפגעשוואומען, ווען מיר וואל־טען איהם יע אנגענומען, און קאנען זיך אויך טרייסטען מיט דער האפנונג, אז דאן, ווען מיר וועלען האבען אונ־זער אויפפאסונג וועגען דער ענטשטע־הונג פון קריסטענטום פארטיג — וועט שוין גאר אין גאנצען פאר דעם קיין

*פלאץ ניט זיין*. לאָמיר זיך גאָר אינגאנצען פון דעם מאטעריאל באפרייען און אָנהויבען גאָר פון אָנהויב אונזערע אנאליזען און שטודיום, ניט פיהלענדיג זיך געבונדען פון איהם. לאָמיר זיך אויף א פרייען און ברייטען וועג אין אונזערע פאָרשונגען אוועקלאָזען, אָהנע עס זאָלען וועלכע עס איז שטיינער צו אונזער האלז צוגעבונדען ווערען. לאָמיר פרובירען גאָר אין גאנצען מיט א נייעם מעטאָד זיך צו באנוצען. *אָנשטאָט מיר זאָלען פון דעם היסטאָרישען קריסטענטום צו דעם פסיכאָלאָגישען א ליניע ציהען, לאָמיר זי אין א פארקערטער ריכטונג ציהען — פון פסיכאָלאָגישען צום היסטאָרישען. אָנשטאָט מיר זאָלען דאָס פסיכאָלאָגיש מעגליכע קריסטענטום אויף דעם יסוד פון דעם היסטאָריש געשעהענעם קריסטענטום בויען — זאָלען מיר זיך גאָר מיט א פארקערטען מעטאָד באנוצען. לאָמיר דאָס וואָרשיינליך געשעהענע קריסטענטום אויף דעם יסוד פון דעם פסיכאָלאָגיש מעגליכען בויען. זאָל אונז דינען דער פסיכאָלאָגישער מאָמענט פון קריסטענטום אלס אן אויסגאנגס־פונקט פאר א ליניע, וואָס זאָל אונז צו די וואָרשיינליך געשיכטליכע פאקטען פיהרען.*
זאָל דער מינוס אין א פלוס פארוואנדעלט ווערען.

פארלירענדיג דעם אינהאלטס־פונקט אין אונזער שטודיום וועגען קריסטענטום, לאָמיר אויסנוצען די געלעגענהייט, וואָס איז דערוויל פאר אונז באשאפען געוואָרען, צו באפרייען זיך גענצליך פון די אַלע שווערע און פסיכאָלאָגיש אומבאגרייפליכע אמת׳ען, וואָס עס האָט אויף אונז דיזער היסטאָרישער מאטעריאל ארויפגע־

צוואונגגען, און לאָמיר אַלס יסוד פאַר אונזער ווייטערדיגען שטודיום דעם פאָלגענדען פּרינציפּ לעגען —

אויב מיר קאָנען זיך ניט שאַפען אַן אויפפאַסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, וואָס זאָל גאָר אין גאַנצען פון ספיקות און קשיות פריי זיין, לאָמיר כאָטש ווענינגסטענס אָט יענעם וועג זוכען און געפינען, וואָס זאָל אונז צו אַזאַ אויפפאַסונג פיהרען, וואָס זאָל כאָטש ווענינגער ספיקות און קשיות ענטהאַלטען, וואָס זאָל כאָטש אויף וויפיל עס איז דאָס פּראָבלעם מילדער און וויכער מאַכען.

און אָט אָן דיזען פּרינציפּ וועל איך מיר אין דעם ווייטערדיגען טייל פון מיין ארבייט האַלטען. איך וועל מיך פּרובירען באַנוצען מיט אָט יענעם דעדוקטיווען מעטאָד, וועגען וועלכען איך האָב פריהער גערעדט —

פון דעם פּסיכאָלאָגיש מעגליכען קריסטענטום דאָס וואַרשיינליך היסטאָריש געשעהענע צו בויען.

# צווייטע אבטיילונג
## דער מעטאד

## ב.

# דער מעטאָד.

### 1.

איידער אָבער איך געה איבער צו דעם פּאָזיטיווען טייל פון מיין אָפּהאַנדלונג, מוז איך מיך נאָך א ווײַלע מיט ארגומענטען פון נעגאַטיווען כאַראַקטער באַשעפטיגען. איך מוז מיך פריהער נאָך לענגער אָפּשטעלען, די *אבסאָלוטע פאַלשקייט* פון דער אָנגענומענער אויפפאַסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום צו דערווייזען — דאָס, וואָס איך האָב אין פריהערדיגען טייל פון מיין אָפּהאַנדלונג נאָר טיילווייז געטאָן — אין אַלגעמיינע שטריכען נאָר און פאַרבייגעהענדיג.

וואָרום דאָרטען האָב איך זיך הויפּטזעכליך אָפּגעשטעלט נאָר אויף דער *ניט זיכערקייט*, *אויף דער ווערטלאָזיגקייט* פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַל, אויף וועלכע די דאָזיגע אויפפאַסונג איז געגרינדעט. דער הויפּט־צוועק מיינער איז דאָרט געווען, ארויסצוברענגען קלאָר די שווערע און פאַרפלאָנטערטע סיטואַציאָן, וועלכע מוז פאַר אונז באַשאַפען ווערען אין אונזער שטרעבונג, דעם שליסעל צו דער ערקלערונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום צו געפינען — אין דעם מאָמענט, ווען מיר זעהען איין, מיט וואָס פאַר א זיכערקייט מיר קאָנען אונזערע מיינונגען אויף די יסודות פון דעם עקזיסטירענדען מאַטעריאַל בויען. די אַרגומענטען, וואָס איך האָב דאָרטען געבראַכט, — ווי

אויך דער מעטאָד און סיסטעם, מיט וועלכע איך האָב מיך באַנוצט ביים אָפּערירען מיט זיי — זיינען געווען געגוג אויף צו וועקען צווייפעל און אומצוטרויען צו דער אָנגענומענער אויפפאַסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, צו באַטראַכטען זי פאַר „כולה מוקשה", צו געפינען זי איבערפילט מיט אומקלאָרע און אומבאַגרייפליכע פונקטען — דאָס, וואָס איך האָב מיט יענעם טייל פון מיין אָפּהאַנדלונג באַאבזיכטעט. עס איז אָבער דאָרטען געווען, אויסער מיין פּראָגראַם צו פעסטער איבערצייגונג דעם לעזער פיהרען, אז ער מוז זי דורכאוים אין גאַנצען פאַרוואַרפען, אז ער מוז זי נאָר אין גאַנצען אַלס אבסאָלוט פאַלש באַטראַכטען.

עס איז אָבער דורכאוים יע נויטיג ביים לעזער אזא איבערצייגונג איינצופלאַנצען — איידער מיר וועלען מאַכען א פּאַרזוך די אַלטע אויפפאַסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום אויף א נייע צו פאַרבייטען.

וואָרום איידער מיר קומען מיט אונזערע נייע טעאָריען און היפּאָטעזען וועגען וועלכען עס איז געגענשטאַנד, מוזען מיר פריהער קלאָר ארויסברענגען די נויטווענדיגקייט דערפון, מיר זאָלען די אַלטע פאַרוואַרפען. עס איז ניט גענוג נאָר די יסודות זייערע אונטערצוגראָבען, א שאָטען פון צווייפעל אויף זיי ארויפצוואַרפען, די זיכערקייט אין זייער אמת פון זיי אָוועקצונעמען. עס מוז אויך די פעסטע איבערצייגונג אין זייער אבסאָלוטער פאַלשקייט געשאַפען ווערען. איידער מיר געהען אן אַלטען בנין אויף א נייעם פאַרבייטען, מוזען מיר פריהער דעם אַלטען בנין אין גאַנצען צושמעטערען, כדי זיין פּלאַץ זאָל פאַר דעם נייעם בנין פריי בלייבען.

איך וועל מיך דאַריבער נאָך א געוויסע צייט מיט דער אומשטירצונג פון אַלטען בנין פאַרנעמען, איידער איך טרעט צו אָנצוּוואַרפען פאַר דעם לעזער דעם פּלאַן, לויט דער ארכיטעקטור פון וועלכען דער נייער בנין פון דער אויפפאַסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום באַדאַרף אויפגעשטעלט ווערען. איידער

איך וועל מיך טיילען מיט דעם לעזער מיט מיין מיינונג וועגען דעם ארט און צייט, וואו און ווען דאס קריסטענטום האט אנגעהויבען צו בליהען און וואקסען און אויך וועגען די אורזאכען, וואס זיינען — לויט מיין מיינונג — די דירעקטע פאקטארען געווען, דורך וועלכע עס איז צום לעבען ארויסגערופען געוואָרען, וועל איך מיך באמיהען אויף א סיסטעמאטישען און אויספיהרליכען וועג צו דערווייזען די אבסאָלוטע פאלשקייט פון דעם ענטפער, וואס די אָנגענומענע מיי־נונג גיט אויף דיזע אלע פראגען. איך וועל יעדען באזונדערען פונקט אין איהר צוגלידערען און אנאליזירען — און אזוי ארום קלאָר ארויסברענגען פאר דעם לעזער די נויטווענדיגקייט זי אין גאנצען צו פארווארפען.

---

לאמיר, אלזא, ראשית איבערגעהן צום **הויפט וויכ־טיגען** פונקט פון פראָבלעם וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, צו דער פראגע — צי האט ווירקליך געלעבט צוריק מיט א יאהר נײַנצעהן הונדערט אזא מאן, ווי דער עוואנגעליום שילדערט אונז אין זיין בילד וועגען יעזוס'ען — נאטירליך איז דא דער נאמען ניט וויכטיג — וועלכען מיר דארפען באטראכטען אלס די דירעקטע אורזאכע פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום.

איך האב בכיון אונטערגעשטראכען די ווערטער „דעם הויפט וויכטיגען", וואָרום נאך מיין מיינונג — און דאס מוז אויך זיין די מיינונג פון יעדען איינעם, וואס באשעפטיגט זיך מיט דעם שטודיום פון קריסטענטום — איז די פראגע, צי האט אזא יעזוס יע געלעבט פון זעהר און זעהר וויכטיגער באדייטונג. זי שטעהט אין צענטער, ווי דער לעזער וועט עס ווייטער זעהן דערפון, ווי איך פארמוליר דאס פראבלעם, פון די אלע אנדערע פראגען, וואס שווימען ארויף אין צוזאמענהאנג מיט אונזער פארשטעלונג וועגען דער ענטשטעה־הונג פון קריסטענטום. פון דעם ענטפער, וואס מיר קאנען און

מוזען אויף דיזער פראגע געבען, איז אויך אפהענגיג דער ענטפער, וואס מיר קאנען און מוזען אויף איהר געבען.

מיט דעם יעזוס־פונקט אין דער אנגענומענער אויפפאסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום געהען אויך די אלע אנדערע פונקטען איהרע. אין זיין אנאליז געפינט זיך אויך זייער אנאליז. מיט דעם אננעמען אדער פארווארפען פון דיזען פונקט — נעמען מיר אויך אן אדער פארווארפען די אלע איבעריגע פונקטען. זיי מוזען זיין שיקזאל טיילען. דו קאנסט וועגען איהם ניט דיין מיינונג ארויסזאגען, וואס זי זאל זיך ניט אויך אויף זיי מוזען באציהען. דו קאנסט זיך ניט אויסשליסליך נאר מיט זיין אנאליז באשעפטיגען. אין זעלבען מאמענט מוזטו זיך אויך מיט זייער אנאליז באשעפטיגען. אין זעלבען מאמענט, וואס דו באשעפטיגסט זיך מיט זיין אנאליז, באשעפטיגסטו זיך שוין במילא אויך מיט זייער אנאליז. ווארום זיי געהען צוזאמען. זיי זיינען באזונדערע צווייגען, זיי האבען אבער ניט קיין ווארצלען באזונדערע. און איך פארשטעה באמת ניט, ווי אזוי מאנבע, וואס שרייבען וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, האבען עס געקאנט קומען צום געדאנק, אז עס איז פאר אונז גאנץ עגאל, „צי אזא פערזאן ווי יעזוס האט טאקע געלעבט צו יענער צייט, צי ניט".

עס וואלט אפשר פיל אמת געווען אין דיזער באהויפטונג, ווען דא וואלט זיך האנדלען וועגען געבען א כאראקטער־בילד וועגען יעזוס'ען, וועגען שרייבען א מאנאגראפיע וועגען איהם, דאס ציעל פון וועלכער זאל זיין, צו געבען דעם לעזער אין א סיסטעמאטישער און אויסגעהאלטענער פארם א פאלשטענדיג בילד פון זיין טרוימען און דענקען, פון זיינע לעהרען און פרעדיגען. נאר אין דיזען פאל וואלט דער שרייבער געקאנט זאגען, אז עס איז ניט וויכטיג, צי האט ווען עס איז אזא פערזאן ווי יעזוס ווירקליך געלעבט.

ווארום — וואלט ער דאן זיין באהויפטונג באגרינדעט — צי ער האט יא געלעבט אין דער ווירקליכקייט, צי ניט, אלענפאלס אין

קריסטענטום לעבט ער דאך געוויס. ער לעבט דאך אין דער פאר־שטעלונג פון די אנהענגער פון קריסטענטום. אלעס, וואס דאס קריסטענטום פרעדיגט און לערענט, ווערט דאך איהם צוגעשריבען. ער ווערט דאך אלס דער גרינדער פון קריסטענטום באטראכט. וויל איך אן אויספיהרליך בילד געבען וועגען אט יענעם יעזוס, וואס דאס קריסטענטום שילדערט אונז, וועגען אט יענעם יעזוס, וועלכער לעבט אין די מיליאנען הערצער פון די קריסטליכע אנהענגער. איך וויל די אלע פארשידענע צוואוארפענע מאמענטען, וואס געפינען זיך אין דער פארשטעלונג פון קריסטענטום וועגען איהם אין איין הארמאניש בילד צונויפנעמען. מיין אויפגאבע איז — דורך די דאקטרינען פון קריסטענטום, וואס ווערען יעזוס'ען צוגעשריבען, זיין אינערליכע וועלט צו שילדערען, א קלארע אפשפיגלונג צו געבען פון דעם פולען אינהאלט פון די אלע נייע אמת'ן, מיט וועלכע ער זאל האבען צו דער מענשהייט געקומען, און פון אלע וועגען, דורך וועלכע ער איז געגאנגען צו זיי.

אין דיזען פאל האט דער שרייבער א רעכט צו באהויפטען, אז עס איז איהם אלץ איינס, צי האט אמאל יע געלעבט אדער נים געלעבט אזא פערזאן ווי יעזוס און גלייכצייטיג דערמיט דאך רעדען פון איהם ווי וועגען א פערזאן, וואס האט ווירקליך עקזיסטירט. ווארום פאר איהם וואלט עס ווירקליך גאנץ עגאל געווען. ווארום סיי ווי שילדערט ער איהם ניט לויט דעם מאדעל, וואס האט אין דער ווירקליכ־קייט געלעבט. ער שילדערט דאס בילד יעזוס לויט דעם מאדעל, וואס לעבט אין דעם גלויבען פון פילע דורות און מילי־מיליאסען מענשען. ער איז דאן ניט קיין וויסענשאפטסמאן. ער איז דאן ניט קיין היסטאריקער. ער טרעט פאר אונז אלס קינסטלער ארויס. מיר מוזען זיך באציהען צו איהם דעמאלט, ווי מיר וואלטען זיך צו א סקולפטאר, צו א מאלער בא־

צויגען, ווען ער וואָלט פאַר אונז מיט אַ יעזוס־וואָרק אַרויסגעטראָ־טען. דער אונטערשיד איז נאָר אין די מיטלען, מיט וועלכע זיי מוזען זיך פאַר זייער ווערק באַנוצען. וואָס דער מאָלער וואָלט מיט זיין פּינזעל טאָן, טוט ער מיט זיין פעדער. מיר מוזען די אַרבייט זיינע ניט אַלס פּרק אין קולטור־געשיכטע באַטראַכטען, ניט צו געבען אונז היסטאָריע אָדער וויסענשאַפט באַאבזיכטיגט ער מיט דיזער אַרבייט זיינער. מיר מוזען זי אַלס קינסטלערישעס ווערק באַטראַכטען. און קונסט איז ניט באַגרענעצט אין די ענגע און שמאָלע ראַמען פון רעאַלער ווירקליכקייט. דער קינסטלער נעמט מאַטעריאַל פאַר זיינע בילדער פון איבעראַל. מאַטעריע און אידעע, מענשען און גייסטער, ווירקליכקייט און לעגענדע, רעאַליטעט און פאַנטאַזיע — אַלעס, אַלעס דינט איהם אַלס אָביעקט פאַר זיינע שאַפונגען, אַלעס ווערט פון איהם אין רעאַליטעט און ווירקליכקייט פאַרוואַנדעלט.

און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר נאָך עטוואָס מעהר.

די אַלע געעגנשטענדע, וואָס דינען אַלס אָביעקט פאַר דער שעפּפערישער ענערגיע פון קינסטלער, פאַרלירען דעם אינהאַלט זייערען, ווערען אָן די נשמה זייערע און בלייבען ווי טויטע פגרים, אין דעם מאָמענט, ווען זיי קריגען זייער „תיקון" אין דער שעפּפונג פון קינסטלער. דער קינסטלער איז אַ דעס־פּאָט און אַליינהערשער. קיינער טאָר מיט איהם אויף איין וועג ניט געהן, זאָל עס זיין אפילו גאָט אַליין. די קונסט קאָן קיין קאָנקורענץ פאַרליידען. קונסט האָט פיינט „שתי רשויות". דאָס קונסטווערק מיט דעם מקור קאָנען צו־זאַמען ניט לעבען. „מת המלך — יחי המלך". אין דעם מאָמענט, וואָס דאָס ווערק פון קינסטלער קומט צום לעבען,

שטארבט דער מקור אוועק. עס ווערט דאס מאָדעל אין זיין פארקערפערונג פארניכטעט.

פאלט אויף וועלכען פונקט פון מאטעריע אָדער אידעע א פונק פון שעפּפערישען גייסט פון קינסטלער, ווערען זיי אין זיין פארצערענדעם פייער פארניכטעט און קומען צוריק צום לעבען ערשט דאן, ווען דער קינסטלער האָט זיין שעפּפונג געענדיגט. זייער לעבען ווערט דאן אין דיזער שעפּפונג מגולגל. עס קומט דאן א ריעזען־קאמף פאָר. דער קינסטלער פארמעסט זיך אין זיינע כוחות מיט דער נאטור. ער וויל איבערשאפען דאס, וואָס זי האָט געשאפען. א קאָנקורענץ געהט דעמאָלט צווישען באשעפער און שעפּפונג אָן, און דער ער־שטער ווערט באזיגט. די „יצירה" איז זיך איבער דעם „יוצר" מתגבר. די רעאליטעט און ווירקליכקייט פארלירען זייער לעבען אין דער רעפּראָ־דוקציאָן זייערער פון קינסטלער. עס איז דאריבער פאר דעם קינסטלער גאנץ גלייך, וואָס עס דינט פאר איהם אלס אָביעקט, ער זאָל זיין קינסטלעריש ווערק שאפען. דער שעפּפערישער גייסט פון קינסטלער ווישט אָפּ די אלע גרענעצען, וואָס עקזיסטירען צווישען רעאליטעט און פאנטאזיע, צווישען ווירקליכקייט און לעגענדע. וואָס מאכט ווירקליך אוים פאר איהם, צי האָט ווען עס איז א יעזוס, ווי ער שילדערט, יע געלעבט אָדער ניט געלעבט? ווען אפילו יע — געהט דאָך דיזעם לעבען פארלאָרען אין דעם מאָ־מענט, ווען מיר האָבען דאָס בילד פון מאלער פאר אונזערע אויגען. און ווען ער האָט אפילו קיינמאָל ניט געלעבט — טרעט ער דאָך יעצט א לעבעדיגער פאר אונזערע אויגען ארוים.

## 2.

עס וואָלט נאָך אפשר אויך פיל אמת אין דיזען געדאנק געוועז, ווען דאָ וואָלט זיך האנדלען וועגען שרייבען אפילו אַ פאָלשטענדיגע ביאָגראפיע וועגען יעזוס'ען. דער שרייבער וואָלט דאן געקאָנט זאָגען: אמת, מיר ווייסען ניט, צי האָט ער געלעבט, צי ניט. די גאנצע פראגע איז אָבער אויסער די ראמען פון מיין אויפגאבע. מיין אויפגאבע איז ניט צו געבען אַן ענטפער אויף דיזער פראגע. איך לאָז זי אין גאנצען אָפען. וואָס מיר אינטערעסירט איז אַ קלאָרער באגריף צו געבען וועגען זיין לעבען, אין פאל, אויב ער האָט יע עקזיסטירט. נאָר דאָס איז די אויפגאבע פון מיין ווערק איבער דעם לעבען פון יעזוס. און איך פארזיכער אייך, אַז אויב ער האָט יע געלעבט, האָט ער געמוזט דורכמאכען דאָס לעבען, וואָס איך גער אייך דאָ שילדערען.

האָט דאָך דער ראָמאניסט דאָס רעכט צו באשרייבען אויספירליך דאָס לעבען פון זיינע העלדען, נאָך אַן אָנדייטונג פון וועלכע ער האָט אין זיין לעבען באגעגענט, אָדער, וואָס ער האָט גאָר אין גאנצען קיינמאָל אין לעבען באגעגנט און זיי זיינען נאָר אַ פראָדוקט פון זיין פאנטאזיע. אַלץ, וואָס פאָדערט זיך פון איהם דעמאָלט, איז, אַז זיין באשרייבונג זאָל קינסטלעריש און פסיכאָלאָגיש פאַלש ניט זיין, אַז די גאנצע אומגעבונג, וועלכע ער שאפט פאר די העלדען זיינע, זאָלען פון אַ קינסטלערישען און פסיכאָלאָגישען שטאנדפונקט מעגליך זיין, אַז דאָס גאנצע געוועב פון דעם העלד'ס האנדלונגען און איבערלעבונגען, וואָס ער שפרייט פאנאנדער פאר אונז, זאָל פון די כאראקטער־פעדים פון דעם „איך" פון זיין העלד זיין געשפינט. עס באדארפען ניט זיין קיינע צופעליגקייטען, קיינע געבראָכענע ליניען. הארמאָניע און איינהייטליכקייט דארפען איבער דער גאנצער ליניע פון זיין שילדערונג הערשען. די אַלע פארשידענע אַקטען און טאטען פון העלד באדארפען זיין דער

טעקסט צו דער מעלאָדיע, וואָס זינגט פון זיין אינערליכען איך ארויס. עס באדארפען די פסיכאָלאָגישע שטריכען פון זיין כאַראַקטער, ווי דער קינסטלער שילדערט זיי אונז, הארמאָנירען מיט אַלעם דעם, וואָס דער קינסטלער הייסט איהם אין לעבען פּראָדוצירען.

פאר וואָס, אַלזאָ, זאָל אויך אָט יענער שרייבער ניט האָבען דאָס רעכט צו שרייבען די ביאָגראַפּיע פון יעזוס'ן טראָץ דעם, וואָס עס איז מעגליך, אז ער איז גאָר אין גאַנצען ניט קיין היסטאָרישע פּערזענליכקייט. ער געהט דאָך ניט שרייבען קיין וויסענשאפט. ער געהט דאָך קיין געשיכטע ניט שרייבען. מען באדארף זיין ווערק אַלס בעלעטריסטיק באטראַכטען. צי איז דען ניט אַלץ איינס, אויב דער העלד איז אַ פּראָדוקט פון דעם שרייבער'ס פאַנטאַזיע, אָדער אַ פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע פון מיליאָנען אנדערע מענשען? מען דארף זיין ווערק ווירקליך נאָר אַלס בעלעטריסטיש ווערק באטראַכטען. מיר באדארפען זיך צו דעם באַציהען, ווי צו יעדען אנדערען ראָמאַן פון וועלכען עס איז שרייבער. און מיט דעם זעלבען מאַסשטאַב, מיט וועלכען מיר געהען צו יענע צו, באַדארפען מיר אויך צו דיזען צוגעהן. דאָס איינציגע, וואָס מיר קאָנען פון שרייבער פאָדערען, איז — ער זאָל פון די איינצעלנע צואוואָרפענע מאָמענטען פון זיין — יעזוס'עם — לעבען, וואָס מיר געפינען אין דעם היסטאָרישען מאַטעריאַל וועגען איהם, אַ פאָלשטענדיג הארמאָניש בילד שאַפען, אז אויך אין זיין ווערק זאָל דער קינסטלערישער און פּסיכאָלאָגישער אמת הערשען, אז ער זאָל דעם גאַנצען היסטאָרישען מאַטעריאַל, מיט וועלכען ער באַנוצט זיך פאר זיין ווערק, אַזוי סאָרטירען און רעדאַגירען, עס זאָלען פון איהם די לאָגישע סתירות, וואָס ער האָט פריהער ענטהאַלטען, פארשווינדען, ער זאָל זיך פון די פּסיכאָלאָגישע אוממעגליכע עלעמענטען באַפרייען.

גאַנץ אנדערש איז עס אָבער, ווען מיר באַאַבזיכטען וויסענ־

שאפטליכע צוועקען מיט אונזער שרייבען; גאנץ אנדערש איז דאס, ווען מיר געהען שרייבען אונזער ווערק וועגען דער ענט־שטעהונג פון קריסטענטום. דא האט שוין די פראגע וועגען דער געוועזענער עקזיסטענץ פון יעזוס'ען גאר א געוואלדיגע באדייטונג. שוין אן און פאר זיך קאן זי דאן אלס ווערטלאז ניט באטראכט ווערען. פאר דער וויסענשאפט איז קיין זאך ניט ווערטלאז. זי איז צו קיין זאך ניט גלייכגילטיג. שטיף־קינדער זיינען ביי א שטיף־מוטער פאראן. ביי אן אמת'ער מוטער זיינען קיינע שטיף־קינדער פאראן. און אויך די אמת'ע וויסענ־שאפט ווייסט ניט פון קיינע שטיף־קינדער. אלעס האט פאר איהר א גרויסען ווערט, אלעס וויל זי געגוי ויסען. זי זאגט קיינ־מאל ניט: עס איז פאר מיר דיזער פונקט סיי ווי ניט וויכטיג, איך וועל מיך דאריבער איבער דעם גאר אין גאנצען „דעם קאפ ניט ברעכען". עס איז מיר אלץ איינס, צי איך וועל האבען וועגען איהם א קלארע פארשטעלונג, צי ניט. עס איז בכלל ניט אלץ איינס. זי „ברעכט" שוין דוקא יע „דעם קאפ" און גיט א שעהן ביסעל צייט און פליים אוועק, צו קאנען דערשלאגען זיך צו א באשטימטען ענטפער, ווען עס האנדעלט זיך אפילו וועגען א סך וועניגער וויכ־טיגע פראגען, ווי די פראגע וועגען דעם, צי איז יעזוס יע אדער ניט א היסטארישע פערזענליכקייט, שוין א כל שכן, אז זי קאן זיך ניט גלייכגילטיג צו דיזער פראגע באציהען. עס איז שוין גאר א גרוי־סער אינטערעס צו וויסען, צי האט יעזוס יע געלעבט, צי ניט געלעבט — אפגעזעהן דערפון, אויף וויפיל דאס וואלט אונז יע געקאנט אדער ניט געקאנט דינען אלס לייכט־טורם אויף אונזער וועג — די ענטשטעהונג פון קריסטענטום צו ערקלערען.

דאס פאזיטיווע וויסען, אז דאס לעבען און ווירקען פון יע־זוס'ען איז ווירקליך א היסטארישע ערשיינונג געוועזען, וואלט אן און פאר זיך אן אומשעצבארער היסטארישער אוצר געוועזען. סוף כל סוף זיינען דאך אזעלכע ערשיינונגען ניט קיין אלטעגליכע. מיר

פארמאָגען דאָך ניט קיין דוצענס פון דעם יעזוס־טיפּ, וואָס מיר זאָלען קאָנען זאָגען: מיט איינעם מעהר, אָדער מיט איינעם ווע־ניגער. יעזוס, ווי ער איז געשילדערט אין עוואַנגעליום, איז דאָך איינער אין זיין מין. א חוץ איהם האָט דאָך די מענשהייט קיין אַנדערען ניט ארויסגעגעבען, וואָס זיין ארט דענקען און טרוימען, זיין אָרט מיינונגען וועגען זיך און וועגען זיינע אויפגאַבען, זאָלען ענליך זיין צו די פון יעזוס'ען. אויב ער האָט דאַריבער ווירקליך געלעבט, איז דאָך דיזער פאַקט אַן און פאַר זיך — אָפּגעזעהן דער־פון, וואָס עס איז דורך איהם דאָס קריסטענטום ענטשטאַנען, אָפּ־געזעהן פון דעם גוואַלדיגען איינפלוס, וואָס דיזער פאַקט האָט אין אַ משך פון אזוי פיל דורות אויף דער מענשהייט אויסגעאיבט — אַ וואונדערבאַרע ערשיינונג געווען, פאַר וועלכער מיר מוזען בליי־בען שטעהן פאַרגאַפט. וואָס קאָן דאַריבער נאָך מעהר ווערטפולער זיין, ווי צו וויסען פאָזיטיוו, אז דיזע איין און איינציגע ערשיינונג אין דער געשיכטע איז טאַקע ווירקליך פאָרגעקומען?

און פאַרקערט ווידער. אַן אוצר, ניט ווייניגער אומשעצבאַר, וואָלט פאַר אונז אויך געווען דאָס פּאָזיטיווע וויסען, אז אַזאַ פּערזאָן, ווי יעזוס, האָט טאַקע קיינמאָל ניט געלעבט; און דאָס לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען איז די לעגענדע, וואָס קריסטענטום האָט געשאַפען. וואָרום אַ ניט ווייניגער וואונדערבאַרע ערשיינונג וואָלט פאַר אונז אויך דער לעגענדאַרער יעזוס געווען. פאַרגאַפט וואָלטען מיר געשטאַנען פאַר דעם וואונדער, ווי אזוי אַ מיטה, אַ לעגענדע איז דאָס געוואָרען דאָס לעבען און תמצית פון אַ רעליגיאָן, וואָס האָט כמעט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט באַהערשט. פאַרגאַפט וואָלטען מיר געשטאַנען פאַר די וואונדערליכע בילדער, וואָס די מענשליכע נשמה קאָן פון איהרע איי־נענע אוצרות ארויסברענגען. פאַרגאַפט וואָל־טען מיר געשטאַנען, צוזעהענדיג, וואָס פאַר ערשיינונגען די מענש־

ליכע פסיכיק קאָן מעגליך מאכען: **דעם גרעסטען אב־סורד פון זיין פאנטאזיע זאָל דער מענש פאר זיין גאָט ערקלערען.**

---

באזונדערס וויכטיג איז אָבער די פראגע אין צוזאמענהאנג מיט דעם פּראָבלעם, ווי אזוי די ענטשטעהונג פון קריסטענטום באדארף געשריבען ווערען. עס איז גרינג צו באהויפּטען, אז עס איז פאר אונז גאנץ עגאל, צי האָט אזא פּערזאָן ווי יעזוס יע געלעבט אָדער ניט געלעבט. ווען מיר קומען אָבער שרייבען די געשיכטע פון קריסטענטום, ווען מיר ווילען פאר זיך א קלאָר בילד שאפען וועגען דעם, ווי אזוי דאָס קריסטענטום איז ענטשטאנען, קאָנען מיר אפילו דעם ערשטען טריט ניט מאכען, ביז מיר זאָלען ניט האָבען וועגען איהם אַן ענטפער געגעבען.

עס איז קלאָר, אז אין פאל, אויב א יעזוס האָט יע געלעבט, מוז די געשיכטע פון קריסטענטום גאנץ אנדערש געשריבען ווערען, ווי אין פאל, אז ער זאָל נאָר א מיט זיין. אויב א יעזוס האָט יע געלעבט, שטעלען מיר איהם אין צענטער פון דער געשיכטע פון קריסטענטום, וואָס מיר געהען שרייבען. מיט איהם הויבט זיך די ענטשטעהונג פון קריסטענטום אָן און **אין איהם** און **מיט איהם** ווידער מאכט זי איהר ווייטערדיגע ענטוויקלונג. אין יעזוס'ען האָסטו דעמאָלט אָט יענעם פאָדים, ארום וועלכען מיר קאָנען און מוזען די אַלע פארשיידענע עטאפּען און מאָמענטען אין דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון קריסטענטום — אַלענפאַלס ביז גאָר די לעצטע — ארומוויקלען. אין איהם האָסטו דעמאָלט דעם פונדאמענט, אויף וועלכען דו באדארפסט די גאנצע געביידע דיינע בויען. דיין מעטאָד, מיט וועלכען דו באדארפסט זיך דעמאָלט אין דיין ארבייט באנוצען, — אין דעם גאנצען היסטאָרישען מאטעריאַל, וואָס געפינט זיך וועגען דעם לעבען און ווירקען פון יעזוס — וואָס דו נעמסט פאר ריכטיג אָן — צו באלייכטען, צו

גרופירען איהם ווי געהעריג און פאראייניגען איהם אין אן איינ־הייטליך, אויסגעהאלטען בילד. דאן בלייבט דיר נאָך דעם עפילאָג און פראָלאָג צו שאפען. עס בלייבט אונז נאָך דעם הינטערגרונד צו שילדערען. עס בלייבט אונז דעם „פאָן" צו מאָלען. מיר מוזען א קלאָר בילד שאפען וועגען דער היסטאָרישער סביבה, אין וועלכער יעזוס'ען איז אויסגעקומען זיין טעטיגקייט אָנצופיהרען, וועגען אָט יענעם „חומר היולי", וועלכער האָט שוין אין דער לופט ארומגע־שוועבט נאָך פאר דעם „בראשית" פון דער ענטשטעהונג פון קריס־טענטום — און פון וועלכען די געשיכטע האָט די יעזוס־ערשיינונג באשאפען — צוזאמען מיט דעם בילד וועגען די ווייטערדיגע עטאפען אין דער ענטוויקלונג פון קריסטענטום — שוין נאָך דעם טויט פון יעזוס'ען.

גאנץ אנדערש איז עס אָבער, אויב עס האָט קיינמאָל קיין יעזוס ניט געלעבט. אין דיזען פאל באדארפען מיר שוין די גע־שיכטע פון קריסטענטום גאָר אנדערש שרייבען. מיר באדארפען שוין דאן גאָר אנדערש דאָס בילד וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום שילדערען. יעזוס שטעהט שוין ניט דעמאָלט אין צענטער. מען מוז שוין ערגעץ וואו א סאָבסטיטוט פאר איהם זוכען און געפינען, וואָס זאָל דעם פלאץ זיינעם פארנעמען. מיר האָבען שוין דאן ניט אין יעזוס'ען אָט יענעם פונקט, פון וועלכען מיר זאָלען אונזער ליניע ציהען, אָנשטאָט וואָס אין ערשטען פאל וואָלטען מיר פאר זיך אַ אויסגאנג־פונקט געהאט, פון וועלכען מיר זאָלען קאָנען אונזער שטודיום אָנ־פאנגען און ביז צום שלוס פונקט עס צופיהרען — פארמאָגען מיר שוין נאָר א שלוס־פונקט איצט — און פון דיזען שלוס־פונקט וואָלטען מיר דאן מוזען א ליניע צו אן אויסגאנג־פונקט ציהען.

אלענפאלס, וואָלטען מיר דאָך אין יעזוס'ען דעם אויסגאַנג־פּונקט פאַרלאָרען. מיר וואָלטען דאַן פאַר דעם „לעיני כל ישראל" אין דער ענטוויקלונג פון קריסטענטום געבליבען שטעהן, פאַר דעם לעצטען אקט אין דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, דעמאָלט, ווען עס איז שוין פאַר אונז אין א פאָלשטענדיג פאַרענדערטער פאָרם ארויסגעטראָטען — און פון דיזען לעצטען אקט וואָלטען מיר דאַן מוזען א וועג צו די ערשטע געפינען, אַנשטאָט וואָס מיר האָבען פריהער אָט יענעם נאַטירליכען וועג פאַר זיך געהאַט — פון ערשטען אקט צו די לעצטע געהן.

און מערקט אייך, אַז דאָ האַנדעלט זיך דאָך ניט נאָר אין דעם, מיט וואָס פאַר א מעטאָד מיר זאָלען זיך פאַר אונזער ארבייט באַנוצען, וועגען דער ארט און ווייזע נאָר, ווי מיר זאָלען די גע־שיכטע פון קריסטענטום שרייבען. עס איז כלל גאָר ניט די פראַגע וועגען דעם, ווי מיר זאָלען דעם מאַטעריאַל אונזערען סאָרטירען, לויט וועלכען פּלאַן מיר זאָלען אויפשטעלען אונזער בנין וועגען דער ערקלערונג פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום.

די פראַגע, צי יעזוס איז א היסטאָרישע אָדער לעגענדאַרע פערזענליכקייט איז ניט וויכטיג נאָר דערפאַר, וואָס אין פאַל, אויב ער האָט יע געלעבט, האָבען מיר אין פאַקט פון זיין לעבען אָט יענעם פאָדים, דורך וועלכען עס קאָנען און מוזען די אַלע פאַר־שיידענע עטאַפּען און מאָמענטען פון דער ענטשטעהונג פון קריס־טענטום פאַראייניגט ווערען, דעמאָלט, ווען, אויב אַזאַ יעזוס האָט ניט געלעבט, באַדאַרפען מיר שוין אַן אנדער עלעמענט אַלס באַָדען פאַר אונזער געביידע אָוועקלעגען.

אָפּהענגיג פון דעם אָדער יענעם ענטפער, וואָס מיר קאָנען אויף דיזער פראַגע געבען, און ניט נאָר דער מעטאָד, מיט וועלכען מיר באַדאַרפען זיך אין אונזער שטודיום וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום באַנוצען, נאָר אויך דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס באַדאַרף אין אונזער דינסט געשטעלט ווערען. ע נ ד ע ר ט  ז י ך

דער ענטפער אויף דיזער פראגע, מוזען זיך ענדערען ניט נאָר די ראמען, אין וועלכע מיר באדארפען דאָס בילד איינפאסען, נאָר עס מוז זיך אויך דאָס גאנצע בילד ענדערען.

פארוואָרפסטו דעם גלויבען, אז אזא יעזוס, ווי דער עוואנגעליום שטעלט אין צענטער פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, האָט ווירקליך אמאָל געלעבט, פארוואָרפסטו צוזאמען דערמיט א באשטימטען היסטאָרישען און פסיכאָלאָגישען אינהאלט, מיט וועלכען דו וואָלסט דעם לעדיגען חלל פון דיין אויפפאסונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום געקאָנט אָנפילען, און דו מוזט אויף זיין פלאץ אן אנדער היסטאָרישען און פסיכאָלאָגישען אינהאלט צוזוכען.

וואָרום האָט יענער יעזוס יע געלעבט, האָסטו אין דיזען היסטאָרישען פאקט ניט נאָר דעם נויטיגען מעטאָד פאר דיין פאָרשען וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, נאָר דו האָסט אין איהם אויך דעם נויטיגען מאטעריאל פאר איהר. דו האָסט אין איהם ניט נאָר דעם פלאן פאר דער נויטיגער געביידע, נאָר אויך — אויב ניט די גאנצע געביידע, איז אלענפאלס — דעם גאנצען סקעלעט איהרען. דו האָסט אין איהם ניט נאָר דעם פונקט, פון וועלכען דו זאָלסט די נויטיגע ליניע ציהען, נאָר אויך די אלע איבעריגע פונקטען, וואָס בילדען דיזע ליניע. דאָס געבורט, לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען דינט אונז דאן אלס אינהאלט, מיט וועלכען מיר זאָלען די ענטשטעהונג פון קריסטענטום אָנפילען.

און אלעס איז דאן מעהר אדער ווייניגער קלאר פאר אונז. מיר ווייסען אלעס דאן וועגען דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון קריסטענטום דורך דעם, וואס מיר ווייסען דאס לעבען און טעטיג־קייט פון יעזוס'ען. מיר האבען דא דאן אין דעם גרויסען קאפיטעל יעזוס א גאנץ רייכען און גענוגענדען מאטעריאל. און אויף וויפיל ער וואלט אין גאנצען פאר אונז אפילו ניט גענוג געווען, וואלט אונז דאך אויך ניט שווער געווען דעם איבעריגען מאטעריאל צו געפינען. וואָרום דאס, וואס מיר נעמען אן דאס לעבען פון יעזוס'ען אלס געשיכטליכען פאקט, פאראורזאכט דאך — אדער, ווייניגסטענס, מאכט עס מעגליך פאר אונז — מיר זאלען אויך אננעמען די גאנצע גאלעריע פיגורען, וואס זאלען האבען מיטגעארבייט מיט איהם צו־זאמען און נאך איהם פאר דער פארשפרייטונג פון קריסטענטום. מיר האבען מיט וועמען און מיט וואס צום טיש צו געהן. מיר האבען דאן אויף דער האנט דעם פולען מאטעריעלען אינהאלט פון קריסטענטום אלס היסטארישע ערשיינונג. מיר געהען דאן אויף א קלארען, פרייען און ברייטען וועג.

אויב אבער יעזוס האט ניט געלעבט, ה א ב ע ן מ י ר ד א ן ד ע ם ג א נ צ ע ן ק א פ י ט ע ל י ע ז ו ס א י א ל ס מ ע ט א ד, א י א ל ס מ א ט ע ר י א ל פ א ר־ל א ר ע ן, האבען מיר דאן ניט אין דעם, וואס ווערט אונז אלס דאס לעבען פון יעזוס אנגעגעבען, ניט נאר דעם פונדאמענט, אויף וועלכען מיר זאלען אונזער געביידע וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום בויען; מיר האבען אין דעם אויך ניט קיין מאטע־ריאל פאר דער געביידע. מיר מוזען דאן א „מחק" איבערציהען איבער דעם גאנצען רייכען מאטעריאל, וואס מיר האבען וועגען דעם לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען. מיר קאנען איהם שוין ניט נעמען אלס אינהאלט פאר דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, און ניט נאר דיזען מאטעריאל אליין קאנען מיר פאר דיזען צוועק ניט נעמען. עס מוז שוין חרוב ווערען אויך דער איבעריגער מא־

טעריאל, וואס געהט מיט איהם צוזאמען. ווארום אין דעם מאָ־מענט, וואס מיר זאָגען זיך פון יעזוס'ען אָפּ אלס א פערזאָן, וואס זאָל האָבען וועןעס איז געלעבט, באדארפען מיר — אין א גרויסער מאָס אלענפאלס — זיך אויך אָפּזאָגען פון דער גאנצער גאלעריע פיגורען, וואס זאָלען האָבען — אויב ניט נאָך איהם, איז אלענ־פאלס צוזאמען מיט איהם — געהאט פארשפרייט דאס קריס־טענטום.

און מיר בלייבען דעמאָלט מיט לעדיגע הענט שטעהן. שוין דער ערשטער פונקט, פון וועלכען מיר באדארפען די נויטיגע ליניען ציהען, ווערט פאר אונז פון אומזיכטבארע וואָלקענס אין ווייטען און הויכען דיסטאנץ פארשוואומען. עס בלייבט פאר אונז דעמאָלט אין דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום דער גאנצער גרויסער שטח זיינער, פון דעם „בראשית" זיינעם ביז דעם „לעיני כל ישראל" א „טערא אינקאָגניטא". דער גאנצער און רייכער און פולער יעזוס־מאטעריאל ווערט פון אונזערע הענט פארשוואונדען, און מיר מוזען שוין אנדער מאטעריאל אויף זיין פלאץ שאפען.

.3

און ווירקליך טאקע נאָר די אלוויסענדע געטער וואָלטען אונז געקאָנט ערקלערען, ווי אזוי אָט יענע שרייבער זיינען עס געקומען צו דעם געדאנק, אז עס איז פאר אונז גאנץ ענאל, צי האָט יע געלעבט, אָדער ניט געלעבט אמאָל אזא פערזאָן, ווי יעזוס.

און דאס אינטערעסאנטסטע דערביי איז, וואס טראָץ דעם, וואס זיי מאכען פילע מאָל די באהויפטונג אין זייערע ווערק ווענען די ענטשטעהונג פון קריסטענטום, אז די גאנצע פראגע איז ניט פון גרויס וויכטיגקייט, איז ווען זיי קומען אָבער צום רעכטען מיטען פון זייער טעמא, ווען זיי באדארפען דירעקט איבערגעהן צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, נאָכדעם, וואס זיי זיינען פון דער פאָרבארייטונג פריי געוואָרען, ווען זיי זיינען פארטיג געוואָרען

מיט דעם אַלגעמיינעם בילד וועגען דער היסטאָרישער סביבה, וועלכע איז פאָרגעגאַנגען דער ערשיינונג פון קריסטענטום, ווי אויך וועגען דער סביבה, אין וועלכער דאָס לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען זאָל האָבען געווען פאָרגעקומען — קאָנען זיי אַליין אויך צו דער ארבייט ניט צוטרעטען, ביז זיי נעמען ניט אָן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו איינעם פון די צוויי מעגליכע ענטפערס, וואָס מען קאָן אויף דיזער פראַגע געבען. פון יענעם מאָמענט אָן איז ביי זיי די באַשרייבונג וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום — די באַשרייבונג וועגען דעם לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען. די פאַרשיידענע מאָמענטען און עטאַפּען אין דער ענטוויקלונג פון קריסטענטום זענען ביי זיי די פאַרשיידענע מאָמענטען, האַנדלונגען און פּאַסירונגען אין לעבען פון ערשטען. דער אינהאַלט פון קריסטענטום אַלס רעליגיאָן — זיינען די לעהרען, דאָקטרינען און פּרעדיגען פון יעזוס'ען. דערלאָזענדיג די מעגליכקייט, אַז אַזאַ פּערזאָן ווי יעזוס זאָל גאָר קיינמאָל האָבען עקזיסטירט, שטעלען זיי איהם דאָך אין צענטער פון דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, באַשרייבען זיי דאָך זיין לעבען און ווירקען מיט די קלענסטע דעטאַלען — און געבען אונז איהם מיט אַלעם דעם, וואָס געהט מיט איהם צוזאַמען, אַלס דעם אינהאַלט פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום.

אַפּנים, אַז ניט אַלע אונזערע באַהויפּטונגען קאָנען מיר מיט טאַטען דערווייזען, און דאַריבער, ווען עס איז געקומען צו טאַטען, ווען עס איז געקומען צו שרייבען די ענטשטעהונג פון קריסטענטום, האָבען זיי ניט נאָר ניט געקאָנט שרייבען אַזוי, אַז זי זאָל אַלס אילוסטראַציע פאַר זייער באַהויפּטונג דינען, נאָר זיי האָבען זי געמוזט שרייבען אויף אַזאַ אופן, זי זאָל דעם געגענזאַץ פון זייער באַהויפּטונג אילוסטרירען. זיי האָבען דאַן איינגעזעהן, אַז די פראַגע, צי האָט

אזא פערזאָן געלעבט, אָדער ניט געלעבט, איז שוין דוקא און דוקא זעהר וויכטיג פאר זיי. וואָרום אויב ער האָט יע געלעבט, האָבען זיי שוין גרייט אויף דער האנט די אלע נויטיגע בלעטלאך, וואָס באדאר־פען ארייינגעהן אין אָט יענעם טייל פון זייער ווערק, וואו זיי באַ־דארפען שוין דירעקט ווענען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום ריידען.

זיי האָבען דאריבער דעמאָלט שוין זייער באשטימטען ענטפער געגעבען, און האָבען דעם דאָזיגען ענטפער אלס אינהאלט פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום געגעבען. געלאָזט אָפען די פראגע האָבען זיי ערשט ווידער אמאָל דאן, ווען זיי האָבען א געוויסען ווידערשפרוך באדארפט פארגלעטען, ווען זיי האָבען א געוויסע קשיא באדארפט פארענטפערען, ווען זיי האָבען באדארפט ערקלערען א געוויסע היסטאָרישע אָדער פסיכאָלאָגישע רעטעניש, וואָס שווימט פאר אונז ארויף אין פארבינדונג דערמיט, וואָס מיר נעמען אָן דעם „גלויבען אין יעזוס׳ען". אין דיזע פעלע האָבען זיי זיך צו הילף געווענדעט צו דער מעגליכקייט, אז אזא יעזוס זאָל גאָר אין גאנצען ניט האָבען עקזיסטירט. און ווען די „מעגליכקייט" איז ניט גענוג געוועזען די קשיא צו פארענטפערען, האָבען זיי שוין דעם תירוץ אין דעם „געוויס" געזוכט.

נאטירליך, איך וועל אפילו אויף איין מאָמענט ניט דערלאָזען, אז זיי האָבען דאָס אלעס באוואוסטזיניג געטאָן. אומבאמערקבאר פאר זיך אליין האָבען זיי עס אָבער דאָך געטאָן. אומבאוואוסטזיניג פאר זיך אליין האָבען זיי זיך אזוי ארום גענומען די פריווילעגיע פון האלטען „דעם שטעקען בייביידע עקען", פון האלטען ביידע, אי דעם „יאָ", אי דעם „ניין" אין ארענדע און אויסנוצען יעדען איינעם, ווי עס לוינט זיך: לוינט זיך, צווייפלען מיר, צי האָט ווען עס איז אזא יעזוס געלעבט; לוינט זיך, גלויבען מיר, אז ער האָט יע געלעבט; און לוינט זיך ווידער, גלויבען מיר, אז ער האָט ניט געלעבט. שוין באלד, ווי שלום־עליכם׳ס אידענע, וועלכע האָט גע־

טענה'ט, אז ראשית האט זי דאס געליהענע טעפעל ביי דער שכנה איהר צוריק אפגעגעבען, און, צווייטענס, האט זי גאר קיינמאל קיין טעפעל גענומען, און, דריטענס, זאל זי, די שכנה, איהר טריפה'ן מויל ניט צועפענען. אט געהט זי שוין אפברענגען די טייערע מציאה איהרע.

און ווירקליך, ווען מיר זעהען די באנעמונג פון דיזע שרייבער צו דער דאזיגער פראגע, שיינט אונז דאן, אז זיי האבען שוין צו פיל געזוכט אין זייער ארבייט וואס מעהר באקוועמערע און גרינגערע וועגען פאר זיך, וואס מעהר לייכטע פויגעלאך זיך אין בוזעם צו לעגען. בשעת זיי האבען זייער פסק וועגען דעם אדער יענעם פונקט ארויסגעטראגען, האבען זיי כלל ניט אין זינען געהאט „לאסוקי שמעתא אליבא דהלכתא" מיט דעם פסק זייערען, און האבען אויך קיין איבעריג געוויכט געלעגט, אז די אלע מיינונגען, וואס זיי זאגען וועגען פארשיידענע פונקטען ארויס, זאלען זייער אורשפרונג אין איין מקור האבען, אז עס זאל איבער זיי איין גייסט שוועבען. זיי זיינען אויסען געווען נאר דעם פסק ארויסצוטראגען. די הויפט־זאך איז ביי זיי געווען פון דער פראבלעם לויז ווערען. זיי האבען דעם אדער יענעם ענטפער אויף דער אדער יענער פראגע געגעבען, לויט ווי עס האבען די אינטערעסען פון יעדען באזונדער מאמענט געפאדערט — אט יענעם ענטפער, וועלכער איז זיי אם לייכטסטען און גרינגסטען געווען צו געפינען.

און דאריבער, אנשטאט צו באהאנדלען ברייט און אויספיר־ליך די פראגע, צי האט ווירקליך אמאל אזא פערזאן ווי יעזוס געלעבט און קומען צו א באשטימטען ענטפער וועגען דעם — האבען זיי זיך בעסער א גרינגערען וועג אויסגעקליבען. זיי קומען אפ מיט דער פארזיכערונג, אז עס איז פאר אונז גאנץ עגאל, צי האט אזא פערזאן ווי יעזוס יע געלעבט אדער ניט געלעבט. און קומט מען צום הויפט־פונקט, באדארף מען שוין ריכטיג צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום צוטרעטען, קלייבט מען זיך ווידער

דעם גרינגערען וועג אוים. דאָס געשטאַלט פון יעזוס'ען טרעט שוין דעמאָלט מעהר ניט אַרוים פאַר אונזערע אויגען אין דעם פראַגע־מאַנטעל פון „געוועזן אָדער ניט געוועזן?" יעזוס איז שוין דאָן אַ זיכער־געשעהענער פאַקט. און דיזער פאַקט ווערט שוין אונז אַלס דער אינהאַלט פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום דערלאַנגט. ווערט אונז אָבער עטוואָס קשה, און מען קאָן די קשיא ניט פאַרענטפערען, אויב מען זאָל זיך נאָך אַלץ האַלטען פעסט אָן דעם גלויבען, אַז אַזאַ פערזאָן ווי יעזוס האָט יע אַמאָל געלעבט, און דאַגעגען, ווען מיר זאָלען אָננעמען, אַז יעזוס איז גאָר אַ לעגענדאַרע פערזאָן, וואָלט אונז לייכטער געווען דעם „כולו מוקשה" צו פאַרענטפערען — קלייבען זיי זיך ווידער דעם גרינגערען וועג אוים. זיי פאַרוואַרפען דאָן דעם אַלטען גלויבען און נעמען שוין אַ „נייעם גלויבען" אָן. מיט איינעם וואָרט, זיי טוען שטענדיג דאָס, וואָס זיי געפינען גרינגער, באַקוועמער און בעסער פאַר זיך צו טאָן. געפינען זיי פאַר באַקוועם אין אַ געוויסען מאָמענט, באַציהען זיי זיך מיט צווייפעל צו יעזוס'ען אַלס אַ היסטאָריש־געשעהענעם פאַקט. געהט אָבער אַ מאָמענט אַוועק און מען קאָן שוין מעהר מיט אַ „צווייפעלהאַפטען" יעזוס צום טיש ניט געהן — זעצט מען איהם שוין אַלס אַ לעבעדיגען מחותן אַוועק. געהט ווידער אַ מאָמענט אַוועק, און עס ווערט דאָן אונז צו ענג מיט אַ לעבעדיגען יעזוס ביים טיש צו זיצען, ערקלערט מען איהם שוין גאָר אינגאַנצען פאַר אַ „לא היה ולא נברא", פאַר אַ מיתוס, פאַר אַ לעגענדע. זיי באַנוצען זיך ווירקליך צו פיל מיט „טעפעל אַרגו־מענטען". אויב אָבער אַ שלום־עליכם אידענע קאָן זיך אַזעלכע פּריווילעגיעס ערלויבען, קאָן זיך עס אָבער אַ וויסענשאַפטלער און פאָרשער ניט ערלויבען.

---

נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב ביז יעצט געשריבען, זעהט דער לעזער, אַז די באַהויפּטונג פון יענע שרייבער איז אַבסאָלוט

פאלש. עס איז קלאָר, אז עס איז פאר אונז זעהר וויכטיג צו א באשטימטען ענטפער צו קומען, צי האָט אזא פערזאָן, ווי דער עוואנגעליום שילדערט אונז אין יעזוס'ען, אמאל יע געלעבט, אָדער ניט, איידער מיר קאָנען זיך א קלאָרע פּאָרשטעלונג בילדען וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום. עס איז קלאָר, אז דאָס באַ־דארף דער „אלף" פון אונזער שטודיום זיין, אז מיר קאָנען גאָר דעם ערשטען טריט ניט מאַכען, ביז מיר פאַרטיגען ניט אָפּ די פראגע מיט א באשטימטען יע אָדער ניין. מען קאָן די פראגע ניט לאָזען אָפען. מען מוז אויף איהר א באשטימטען ענטפער געבען.

טאָ לאָמיר זשע זיך יעצט מיט אָט יענע אנאליזען און פאָר־שונגען פארנעמען, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען צום געווינשטען ענטפער קומען.

און ראשית כל וועגען דער פּסיכאָלאָגישער מעגליכקייט, וואָס איז געווען אין יענער צייט, ווען יעזוס זאָל האָבען געלעבט, עס זאָל זיך געווען קאָנען באַווייזען דעמאָלט אזא פערזאָן, ווי דער עוואנגעלישער יעזוס.

# דריטע אבטיילונג

דאס קריסטענטום אין צוזאמענהאנג
מיט דער אידישער מיסטיק

## ג.

# דאָס קריסטענטום אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אידישער מיסטיק.

### 1.

מאַנכע שרייבער וועגען קריסטענטום באַמיהען זיך צו שאַפען אַן אילוזיאָן פאַר דעם לעזער, ער זאָל קאָנען קוקען אויף דער גאַנצער „געטליכער" טערמינאָלאָגיע פון יעזוס׳ען, מיט וועלכער ער באַנוצט זיך, ווען ער רעדט וועגען זיך און וועגען זיינע אויפגאַבען אין לעבען, אָט אויף יענע אַלע באַציהונגען, מיט וועלכע די אָנ־הענגער זיינע האָבען זיך צו איהם נאָך ביי זיין לעבען באַצויגען, ווי אויף אַ גאַנץ נאַטירליכער זאַך פאַר יענער צייט, ווי אויף אַ טייל פון אָט יענע אַלע מיסטישע שטימונגען און מעטאַפיזישע אידעען און געדאַנקען, וואָס האָבען באַהערשט אַ גוואַלדיג גרויסע טעריטאָריע פון דער גייסטיגער אידישער וועלט אין יענעם פעריאָד יאָהרען, אין וועלכען יעזוס זאָל האָבען געלעבט און געווירקט, און איבער אַ משך פון פילע פעריאָדען נאָך פריהער.

זיי פאַרזיכערען אונז, אַז אין יענעם פעריאָד יאָהרען, ווען דאָס קריסטענטום זאָל האָבען ענטשטאַנען, איז די פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייט געווען פאַר אַ יעזוס־ערשיינונג.

וואָרום צו יענער צייט זיינען שטאַרק פאַרשפּרייט געווען די מיסטישע באַגריפען און די געהיימע לעהרען פון דער אַלעסאַנדריער נייפּלאַטאָנישער אַקאַדעמיע, אַן דער שפּיצע פון וועלכער עס איז

ידידיה האלכסנדרוני געשטאנען. עס האבען זיך דאן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער אידישער קבלה באוויזען. א גאנצע רייהע פון „בעלי־סוד” האבען זיך שוין דאן געפונען, וועלכע האבען זיך מיט די קאסמאלאגישע לעהרען — מעשה־בראשית — און מיט די מעטאפיזישע לעהרען — מעשה־מרכבה — וועגען דער גאטהייט באשעפטיגט.

דאס אלעס איז אמת.

טאקע דערפאר אבער קאנען מיר די פסיכאלאגישע מעגליכ־קייט אין יענער צייט ניט געפינען פאר דער ערשיינונג פון אזא פערזאן, ווי יעזוס. ווארום די טענדענץ פון דיזע אלע לעהרען איז געווען, וואס מעהר צו פארפיינערען, וואס מעהר צו אבסטראגירען דעם אידישען באגריף וועגען דער גאטהייט, וואס מעהר דעם עלעמענט פון גייסט און אידעע אין איהם ארייצוטראגען, דעמאלט, ווען די טענדענץ פון יעזוסיזם האט געמוזט זיין וואס מעהר צו וואולגאריזירען דעם דאזיגען באגריף, וואס מעהר דעם עלעמענט פון „חומר” און „גשם” אין איהם ארייצוברענגען. אט יענע אלע מיסטישע שטרעמונגען, אט יענע אלע געהיימע לעהרען, זיינען געווען א שטאפעל העכער אין דער ענטוויקלונג פון ריינעם אידישען מאנאטעאיזם דעמאלט, ווען דער יעזוסיזם — וויפיל מיה דו זאלסט ניט אוועקלעגען, א מעהר ריינערען אינהאלט פון איהם ארויסצור־פשט׳לען, ווי דו זאלסט זיך ניט סטארען דעם פשוט׳ען פשט פון איהם ארויסצויאגען און אויף זיין פלאץ אן אנדער אינהאלט, א מעהר אלעגארישען, א מעהר „הימעלשען” אריינטראגען — האט געמוזט זיין מעהר ווי איין שטאפעל נידעריגער אין דיזער ענט־וויקלונג. דער צוועק, וואס מיר קאנען דעם יעזוסיזם צושרייבען, מוז באטראכט ווערען אלס דער געגענזאץ פון די צוועקען, וואס אט יענע געהיימע לעהרען האבען זיך געשטעלט.

מען ווארפט מיט „מראי מקומות” אויף באגריפען, וואס הא־בען געפונען פלאץ פאר יענער צייט — אדער נאך פריהער — אין

דער אידעען־וועלט פון אידישען פאָלק, וועלכע מיר באַדאַרפען, לויט ווי זיי — אַט יענע שרייבער — דענקען, באַטראַכטען אַלס דעם באָדען, פון וועלכען די גאַנצע וועלט פון יעזוס׳עס רעליגיעזע עמפינדונגען און קאָנצעפּציאָנען האָבען זייער יניקה געצויגען. מען ווייזט אונז אָן אויף געוויסע גרופּען אין דער טערמינאָלאָגיע פון דער שפּעטערדיגער קבלה, ווי אויך פון איהר פאָרגענגערין, די מעטאַפיזישע לעהרען פון די אַלעקסאַנדריער בעלי־הסוד, ווי זיי זיינען עהנליך צו דער טערמינאָלאָגיע, מיט וועלכער יעזוס האָט זיך באַנוצט, ווען ער האָט וועגען זיך גערעדט, און וועלכע האָט שוין גאָר פריי און ברייט אַלע איהרע גרענעצען פאַנאַנדערגעלאָזט אין די בילדער, וואָס דאָס קריסטענטום און זיינע גרינדער האָבען אונז וועגען איהם געשילדערט. דאָס באַדאַרף אונז, לויט דער מיינונג פון יענע שרייבער, באַווייזען, אַז די ערשיינונג פון יעזוס׳ען האָט גאַנץ מעגליך געקאָנט פאָרקומען דעמאָלט, אַז דאָס קריסטענטום — ווענינגסטענס, אין זיין ערשטער און צווייטער אויפלאַגע — איז אַ כשר׳ער צווייג פון כשר׳ען אידישען בוים.

עס ווערט אָבער געטאָן דאָס אַלעס פאַרבייגעהענדיג און אויבערפלעכליך, דורך וועלכען עס ווערט נאָר אַן „אבן נגף״ געגעבען פאַר די „עמי־הארצים״ און גראָבע יונגען, אין וועלכען זיי זאָלען קאָנען געשטרויכעלט ווערען. זיי האָבען זיך ניט גענומען די מיה צו אַנאַליזירען דעם אינהאַלט, וואָס די אידישע קבלה לעגט אין דיזער טערמינאָלאָגיע אריין און פאַרגלייכען איהם מיט אָט יענעם אינהאַלט, וואָס ווערט אין איהם דורך דעם קריסטענטום פאַרשטאַנען.

„מטטרון״ — זאָגט מען אונז — איז לויט דער אידישער קבלה דער פאַרמיטלער, דורך וועלכען גאָט האָט די וועלט באַשאַפען. „מענשען־קינד״ איז שוין ביי דער אידישער מיסטיק פון יענער צייט פאַראַן. אָט געפינט זיך ווידער — דערצעהלט מען אונז ווייטער — אין דער אידישער קבלה די מיסטישע פיגור „אָדם

קדמאה", וואָס לויט ווי זיי דענקען, באַדאַרף מען אין דיזען באַגריף פאַרשטעהן אַ פאָרשטעלונג, ווי וועגען אַ מין יעזוס. אַט דאָס אַלעס דערצעהלט מען אונז — און מען מוז מודה זיין, אַז אויבערפלעכליך מאַכט עס ווירקליך דעם איינדרוק, אַז ניט נאָר איז פסיכאָלאָגיש מעגליך געווען צו יענער צייט די ערשיינונג פון קריסטענטום, נאָר, אַז בכלל האָבען מיר אין אידענטום אָט יענע אַלע עלעמענטען, כמעט, פון וועלכע דאָס קריסטענטום באַשטעהט.

איז דאָס אָבער טאַקע נאָר אויבערפלעכליך.

וואָרום טוען מיר יע דאָס, וואָס זיי האָבען ניט געטאָן, ווערט פאַר אונז קלאָר, אַז דיזע אַלע באַווייזען רעדען ניט צום גונסטען פון דער מיינונג, אַז מיר קאָנען דאָס לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען פסיכאָלאָגיש מעגליך אין יענער צייט באַטראַכטען. נאָר פאַרקערט נאָך, עס באַווייזט גאָר דעם געגענזאַץ פון דיזער מיינונג.

זיי ווייזען אונז אָן, אַז די אויסדריקע „מענשען־קינד" אָדער „גאָט'ס זוהן" זיינען ניט געווען פרעמד דער אידישער מיסטיק צו יענער צייט. אומזיסט שטיצען זיי זיך אָבער אויף דער אידישער מיסטיק. אין די אויסדריקע „מענשען־קינד" און „גאָט'ס זוהן" אפילו איז גאָר ניט אַזוי פיל שרעקליכעס און שלעכטעס פאַראַן. מענשען־קינד אָן און פאַר זיך איז אַ גאַנץ אומשולדיגער אויסדרוק. און אומזיסט איז גאָר אינגאַנצען די אָנווייזונג צו זוכען איהם אין דער אידישער מיסטיק דווקא. עס איז מיט איהם דער גאַנצער תנ"ך פול.

דאָ האַנדעלט זיך אָבער ניט אין אויסדרוק. דאָ האַנדעלט זיך אין אינהאַלט, וואָס ווערט אהין אריינגעטראָגען. דער וואַנגעלישער יעזוס — אויב ער איז ווירקליך ניט קיין מיף — האָט געטאָן פונקט פאַרקערט, ווי דאָס אידענטום האָט צו יענער צייט געטאָן. דאָס אידענטום פלעגט דאַן פרעמדע פאָרמען אָננעמען און אַן אידישען אינהאַלט אַהין איינפאַסען. דאַגעגען, האָט יעזוס אידישע פאָרמען, אידישע אויסדריקע גענומען און האָט אין זיי

פרעמדען היידנישען אינהאלט איינגעפאסט. און אט אזוי האט ביי דעם עוואנגעלישען יעזוס דאס אומשולדיגע ווארט „בן־אדם", וואס באדייטעט איינפאך מענש, מענשען־קינד, און קאן זיך אויף יעדען איינעם מענשען באציהען, ביי איהם די באדייטונג פון מענשען־גאט באקומען און איז געווארען אן אויס־שליסליכער עפיטעט נאר פאר איהם אליין. דער געוועהנליכער בן־אדם האט זיך ביי איהם אין א בן־האדם פאר־וואנדעלט.

דאס זעלבע איז אפילו מיט דעם אויסדרוק „גאט'ס זוהן". אין דעם אויסדרוק אליין וואלט נאך אלץ ווי עס איז קיין בייז געווען. אין פרינציפ געפינט זיך דאך דיזער אויסדרוק אין תנ"ך ניט נאר אין באצוג צום כלל — צום גאנצען כלל ישראל — נאר אויך אין באצוג צום איינצעלנעם — זאל אבער בא־מערקט ווערען, אז זעהר אין א שעהנער און א פאסיגער פארם. אמת, ער געפינט זיך דארטען נאר איין מאל *). מיר וואלטען איהם אבער גאנץ לייכט געקאנט פארדייהען, ווען ער וואלט זיך דארטען אפילו אין באצוג צום איינצעלנעם זעהר אפט געפינען. מיר וואלטען ניט געווען געצוואונגען דעמאלט דעם עלעמענט פון היידענטום אין דיזען אויסדרוק צו זוכען. מיר וואלטען איהם ניט אנדערש ווי א פאעטישע פיגור באטראכט, אהן דעם קלענסטען פארזוך צו מאכען, אין איהם וועלכען עס איז קאנקרעטען אינהאלט אריינצולעגען.

גאט האט געוואלט — וואלטען מיר דאן די מיין פון דיזען אויסדרוק ערקלערט — אז דער אדער יענער אידישער העלד, וועגען וועלכען — אדער מיט — וועלכען ער רעדט, זאל וויסען, ווי טייער

*) „בני אתה, אני היום ילדתיך" — תהלים ב'.

און ליב ער איז איהם, האָט ער איהם מיט די ווערטער „מיין קינד", „מיין זוהן" געצערטעלט. פונקט, ווי ער טוט עס אָפט, ווען ער רעדט וועגען פאָלק ישראל. עס וואָלט אונז אפילו אויף קיין איין מינוט ניט איינגעפאַלען צו וואַרפען וועלכען עס איז „לאַ־תגאָף"־חשד אויף דעם „אַלטען".

אַלזאָ, די זאַך באַשטעהט ניט אין דעם אויסדרוק. ווי געזאָגט, געפינט זיך דיזער אויסדרוק אין גרעסטען פּראָצענט זיינעם ניט נאָר אין דער אידישער מיסטיק, נאָר אויך אין תנ"ך. אַן און פאַר זיך איז דיזער אויסדרוק כשר בתכלית הכשרות.

און דאַך, ווי ער ווערט אין עוואַנגעליום באַנוצט, איז ער טריף בתכלית הטרפות.

וואָרום עס וואָלט נאַטירליך און ערקלערבאַר געקאָנט אויס־זעהן, גאָט זאָל איינעם „מיין זוהן" רופען, כדי אַזוי אַרום איהם זיין ליעבע אַרויסוואייזען, כדי אַזוי אַרום איהם גרויס כבוד פאַרשאַפען, איז דאָס אָבער זעהר אומערקלערבאַר, אַז דער מענש אַליין זאָל זיך מיט דעם נאָמען גאָט'ס־זוהן רופען, אַז ער זאָל זיך אַזאַ כבוד נעמען. עס איז דאָ ניט די נאַטירליבע אורזאַכע דערפאַר פאַראַן.

און ווען דו זעהסט נאָך דערצו, מיט וואָס פאַר אַ גוואַלדיגער עקשנות, מיט וואָס פאַר אַ גוואַלדיגער ליידענשאַפט דיזער אויס־דרוק ווערט פון איינעם אַלע מאָל איבערגע'חזר'ט, קאָנסטו שוין בכלל איהם ניט אַלס פּאָעטישע פיגור באַטראַכטען און דו האָסט דאַן ניט די קלענסטע מעגליכקייט אפילו אירגענד וועלכען כשר'ען אינהאַלט אין דיזען אויסדרוק איינראַמען.

דו מוזט דאַן זאָגען צו זיך:

עפּעס איז ניט גלאַט מיט דיזען אידען. עפּעס אַ מאָדנע מאַניע האָט זיך צו איהם אין קאָפּ פאַרקליבען. ניט נאָר רעדט ער אין בילדער, נאָר אויך דענקט ער און פיהלט ער אין בילדער. דיזער אויסדרוק, וועלכען ער ווידער־האָלט מיט אַזאַ פאַרביסענער עקשנות, איז ניט גלאַט אַזוי אין דער

וועלט אריין, נאָר ל„תפארת המליצה". עפּעס פיהלט זיך, אז ער לעגט אין איהם צו פיל פערזענליכען, צו פיל ממשותדיגען אינהאַלט אריין. דיזער אויסדרוק דינט איהם נאָר אלס „כסות־עינים" פאַר עטוואָס אַנדערש, וואָס ליגט איהם אויפ'ן מויל און וואָס ער שעמט זיך נאָך דערוויייל און האָט מורא אין זיין פולער נאַקעטקייט אויסצורעדען.

יע — זאָגסטו צו זיך דעמאָלט — דיזער אויסדרוק, פון וועלכען ער קאָן זיך אפילו אויף קיין מאָמענט באַפרייען, איז ווירקליך אן אַלעגאָריע. אן אַלעגאָריע אָבער אין פארקערטען זין, ווי די אַלעגאָריע פון דעם זעלבען אויסדרוק וואָלט אין תנ"ך געהאַט: ווען דו וואָלסט דאָרטען אזא אויסדרוק באַגעגענט, וואָלסטו געמוזט פיהלען, אז דו מוזט איהם נאָר אלס פּאָעטישעס בילד באַטראַכטען און דו באַדאַרפסט איהם וואָס מעהר און מעהר פון „חומר" און „גשם" באַפרייען, דעמאָלט, וואָס דאָ פיהלסטו, אז דו באַדאַרפסט איהם נאָך מעהר „פשוטו כמשמעו" נעמען, אז דו באַדאַרפסט אין איהם וואָס מעהר מאַטעריעלען אינהאַלט אריינלעגען. דאָרטען וואָלט ער זיך בעטען, דו זאָלסט איהם וואָס מעהר „מקרב אל השכל" זיין און דאָ בעט ער זיך, דו זאָלסט איהם וואָס מעהר דוקא „מרחק מן השכל" זיין.

.2

ניין, דורך דעם, וואָס מ'קאָן די אויסדריקען בן־אָדם אָדער „בר־נש", וועלכער איז אויך ניט חס ושלום גאָט ווייסט וואָס פאַר א שרעקליכער אויסדרוק — ער איז ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי דער העברעאישער בן־אָדם, און אפילו אין דער שפּעטערדיגער קבלה האָט ער ניט קיין אויסשליסליך מעטאַפיזישען — א פשיטא שוין — מיטאָלאָגישען כאַראַקטער אָנגענומען. אין „זוהר" ווערט אויף שריט און טריט דאָס וואָרט בר־נש דערמאָנט און האָט דאָר־

טען אויסער דעם אונשולדיגען אינהאלט, וואס דער אויסדרוק בן־אדם האט, קיין אנדער אינהאלט — אין דער אידישער מיסטיק פון יענער צייט געפונען, ווערט זי נאך ניט דער פראטאטיפ פון דעם עוואנגעלישען יעזוסיזם. ווארום דיזע אויסדריקע זיינען גאר אינ־גאנצען ניט א נייער עלעמענט, וואס יענע צייט זאל איהם האבען באשאפען. ווי איך האב שוין פריהער געשריבען, געפינען זיך דיזע אויסדריקע ניט נאר אין דער אידישער מיסטיק אליין, נאר זיי זיינען אויך געוועהנליכע אויסדריקע כמעט אין תנ"ך. און פונקט ווי דאס אידישע רעליגיעזע סיסטעם פון תנ"ך ענטהאלט אין זיך גאר ניט אזוינס, וואס זאל קאנען שאפען א פסיכאלאגישע מעג־ליכקייט פאר א יעזוס־ערשיינונג — גאר א קליינינקייט. עס איז דאך הונדערט מאל הונדערט פראצענט „נביא השקר", ווענען די תורה הייסט פארשטיינערען — אזוי איז אויך אין דער אידישער מיסטיק פון יענער צייט קיין פסיכאלאגישע מעגליכקייט דערפאר געווען. ווארום עס איז דא גאר אינגאנצען „מעיקרא דדינא פירכא". עס איז קיין פארגלייך פארהאן אין דעם אינהאלט פון דער אידישער מיסטיק דאמאלס מיט דעם אינהאלט פון עוואנגעלי־שען יעזוסיזם. די שפראך, מיט וועלכער יעזוס רעדט וועגען זיך אין עוואנגעליום, איז די שפראך פון היידענטום. קיין איין קלאנג, קיין האלבען טאן אפילו געפינט זיך דארטען, וואס זאל אויף זיך א אידישען כאראקטער טראגען, וואס זאל דאס אידישע געהער ניט אויפרעגען.

און אפילו די מעטאפיזישע פארם פון „אדם קדמאה" — אלענפאלס קאן מען זי אין קיין צוזאמענהאנג מיט דער ענטשטע־הונג פון קריסטענטום ניט שטעלען. דאס איז א באגריף, וואס האט געפונען פלאץ פאר זיך אין דער אידישער קבלה ערשט אין די שפעטערדיגע יאהרען — איז אויך ניט אזוי גוואלדיג שרעקליך, נאך אלץ ניט אזוינס, אין וועלכען מען זאל קאנען א שטיק קריס־טענטום ארייןלעגען.

דאָס וואָרט „אָדם" האָט, לויט דער לעהרע פון דער קבלה,*) בכלל אַ פיל איידעלערען אינהאַלט, ווי לויט דער פילאָזאָפישער באַדייטונג זיינער. דאָס וואָרט „אָדם" לויט דער קבלה באַציהט זיך ניט אויף דעם גאַנצען מענשען. עס נעהמט ניט אַרום דאָס אַלעס, פון וועלכען דער מענש באַשטעהט, נאָר אַ טייל פון איהם, אַט יענעם טייל, וועלכער איז אַ „חלק אלוה ממעל", נאָר אַט יענעם טייל, וואָס טיילט אָפּ דעם מענשען פון די אַנדערע בעלי־חיים. מיט'ן וואָרט „אָדם" באַצייכענען מיר נאָר דעם גייסטיגען איך פון מענשען. דיזעס וואָרט באַציהט זיך נאָר אויף דער נשמה פון מענשען. נאָר זי רופען מיר אָדם, אָבער ניט דעם גוף. „אָדם קדמאה", אַלזאָ, זאָל הייסען דער „חומר היולי", וואָס איז פון יעדער צורה אויסגעטאָן, און קאָן אַלע מעגליכע צורות אָננעמען. „אָדם קדמאָה" זאָל הייסען אַט יענער חומר היולי, וואָס עקזיסטירט נאָר כמעט אינגאַנצען ניט, וואָס זיין עקזיסטענץ איז ניט ווייניגער נאָר בכח, ווי בפועל ממש, אַט יענער חומר היולי, וואָס האָט קיינע פאָרמען און קיינע דימענזיאָנען, אַט יענער חומר היולי, וואָס איז די נשמה פון דער וועלט, וואָס פון איהם איז די גאַנצע וועלט באַשאַפען געוואָרען.

און אינטערעסאַנט איז, וואָס פאַר מאַנכע מקובלים*) איז אפילו אויך דיזע דעפיניציאָן וועגען דעם אָדם קדמאָה צופיל הגשמה'דיג און זיי גיסען שוועבעל און פעך אויף די, וואָס אַקצעפּטירען זי. זיי לעגען אריין אין דיזער מעטאַפיזישער פאָרם נאָך אַ מעהר „גשם־אין־"־באַגריף.

און אומזיסט האָבען זיי אויך מטטרון דעם „שר הפנים" צו הילף גערופען. אויך אין דער אידישער פאָרשטעלונג וועגען איהם

*) הנשמה נקראת אדם, „זוהר", ויצא. ר' ברוך קאָסאָווער אין זיין „יסוד האמונה ועמוד העבודה".

— אפילו ווען ער זאָל שוין געווען גאַנץ פּאָפּולער זיין צו יענער צייט ביי אידען, — וואָס דאָס איז נאָך זעהר באַשטרייטבאר — קאָן מען אָט יענעם פּסיכאָלאָגישען פאַקטאָר ניט געפינען, וועלכער זאָל קאָנען מעגליך מאַכען די ערשיינונג פון אַ אידישען מיסטיקער צו יענער צייט, וועלכער זאָל זיין מארך מיט אזוינע געטליכע פּרע־טענזיעס שפּייזען, ווי די, וואָס ווערען צום עוואַנגעלישען יעזוס צוגעשריבען.

מאַנכע פאָרשער פון קריסטענטום באַציהען זיך זעהר גנעדיג צו אָט יענעם מלאָך און ערקלערען איהם אלס דער פּאַרמיטלער פון גאָט. זיי טוען עס אָבער אויף זייער אייגענער אחריות. ניט דער „רבונא של עולם" אזוי וויל איך גלויבען — האָט זיי דערויף אַ כח הרשאה געגעבען און ניט זיי האָבען עס געטאָן אויף דעם סמך פון דעם ריכטיגען אינהאַלט, וואָס די אידישע מיסטיק צו יענער צייט אָדער שפּעטער האָט אין איהר פאָרשטעלונג וועגען מטטרון איינגעפּאַסט. גאָט האָט ניט — לויט דער אידישער רע־ליגיעזער אנשויאונג אין אַלע שאַטירונגען און פאַרמען — ניט נאָר קיינע פּאַרמיטלער, וואָס די גאַנצע אר־בייט פון באַשאַפען די וועלטען זאָל דורך זיי געטאָן ווערען, נאָר אויך קיינע ארויסהעלפער. מט"ט איז לויט דער אידישער מיסטיק ניט קיין גאָט — זאָל זיין אפילו פון צווייטען ראַנג — און האָט קיינמאָל גאָט'ס ארבייט ניט געטאָן. ער איז ניט מעהר ווי אַ מלאָך, כאָטש, אמת, פון גרויסער באַדייטונג. ער האָט צו יענער גרויסער מדרגה דערגרייכט, ער זאָל אַ „רואה פני המלך" זיין — אויב מיר זאָלען לייענען „מטטרון שר הפנים" *) — און זאָל זיין

*) אין ערשטען פאַל לייענט זיך דער פּ"א מיט אַ קמ"ץ — פּאָנים. אין צווייטען פאַל מיט אַ שוו"א. ווי דו זאָלסט אָבער ניט לייענען — מאַכט עס אָבער דאָך ניט קיין גרויסען אונטערשייד אין דעם אינהאַלט, וואָס באַדאַרף אין דער פאָרשטעלונג וועגען איהם איינגעפּאַסט ווערען.

א בן־בית אין „קדשי־קדשים” פון דער גאָטהייט. ער האָט צו דער גרויסער מדרגה דערגרייכט, ד י פ א ר ו ו א ל ט ו נ ג פון אונזער וועלט — אויב מיר זאָלען לייענען שר הפנים — זאָל אין זיינע הענד איבערגעגעבען ווערען. אָבער טאָקי ניט מעהר, ווי די פ א ר ו ו א ל ט ו נ ג . דער אויסשליסליכער בעל־הבית איז נאָך אַלץ גאָט. מ י ט מ ט ט ר ו ן אָ ד ע ר אָ ה ן מ ט ט ר ו ן — ג ל ו י ב ע ן מ י ר א ל ץ א י ן ה ש ג ח ה פ ר ט י ת. און די השגחה פרטית ווערט נאָר א י ה ם צוגעשריבען. די השגחה ז י י נ ע נעהמט די קלענסטע דעטאַלען אין גאַנצען אוניווערזום ארום. זי פאַרשפרייט די ממשלה איהרע איבער די אַלע טאָטען און האַנדלונגען פון יעדען איינצעלנעם אינדיווידואום. מטטרון איז ניט מעהר ווי דער פאַרוואַלטער. ער איז דער „שרו של עולם”.

איהר האָט דאָ ניט מעהר, ווי נאָך א ביישפּיל, ווי דאָס אידענ־טום נעהמט פרעמדע רעליגיעזע פאָרמען איבער און לעגט אין זיי אידישען אינהאַלט אריין נאָכדעם, ווי זי טרייבט ארוים פון זיי זייער פריהעריגען אינהאַלט.

דאָס אידענטום האָט אין מט”טר’ען דעם פּערזישען גאָט מ י ט ר א איבערגענומען. דער ערשטער תנאי אָבער, וואָס דאָס אידענטום האָט איהם געשטעלט, איידער עס איז איינגעגאַנגען איהם אַלס איינעם מ„אנשי שלומנו” ערקלעהרען — איז געווען, ער זאָל פריהער די „שטעלע” זיינע אַלס גאָט אויפגעבען, אז דאָ, אויף דעם באָדען פון דער אידישער רעליגיאָן, זאָל ער זיך אָפּזאָגען פון די אַלע פּרעטענזיעס זיינע, אָן וועלכע ער האָט זיך אייזענפעסט געהאַלטען אויף דעם באָדען פון דער פערזישער רעליגיאָן. ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל דאָ, ביי אונז, קיינע „געטליכע שטיק” ניט וועלען פּראָווען. און ערשט דאַן, ווען ער האָט אויף דיזען תנאי מסכים געווען, האָבען מיר איהם אונזער גאַסטפריינדליכ־קייט ארויסגעוויזען, האָבען מיר איהם געוויזען, אז מיר זיינען סוף־כל־סוף ניט מעהר ווי אידישע גזלנים און מיר ווייסען ווי פיין און

שעהן מען באדארף א „געטליכען יורד" באהאנדלען. מיר האָבען איהם א בכבוד'יגען פּלאץ אין הימעל געגעבען און פאר דעם „פּרעמיער" פון רבונו של עולם געמאכט. און פון דאן איז אזוי געבליבען.

ניט מיר האָבען געדענקט ווען עס איז איהם אויף א העכערער שטעלע איבערצופיהרען — שוין א כל־שכן, אז עס האָט אונז גאָר קיינמאָל דער געדאנק ניט געקאָנט ארויפקומען, מיר זאָלען איהם אויף איין בענקעל מיט דעם „אלטען" זעצען. טענות ומענות האָבען מיר אפילו געהאט און איבערגענוג צום אלטען. מען קאָן ניט זאָגען, אז די ארט און ווייזע, ווי ער באהאנדעלט אונז זאָל זיין פון דעם ריכטיגען מין, וואָס זאָל פאר אונז געוואונשען זיין. מיר האָבען אָבער דאָך קיינמאָל קיינע רעוואָלוציעס געגען זיין אלייני־הערשאפט ניט געוואָלט מאכען — און ניט ווידער האָט ער עס פון אונז געפאָדערט, אָדער געבעטען. צום כבוד פון אונזער „פּרעמי־יער" מוז געזאָגט ווערען, אז ער האָט זיך די גאנצע צייט ווי אן אמת'ער אדעלמאַן געהאלטען. ער האָט דעם אפּמאַך ניט געבראָ־כען — און מען בעדארף האָפען, אז אויך דער פארזוך וואָס ווערט געמאכט איהם אויף א העכערער שטעלע „ארויפציהען", איהם אלס פארמיטלער צווישען גאָט און „אוניווערזום" צו ערקלעה־רען, ווערט אינגאנצען אָהן זיין וויסען געטאָן און ער האָט אבסאָ־לוט קיין שום האנד אין דעם.

מטטרון, אלזאָ, נאָכדעם, ווי ער איז גע„אידישט" געוואָרען, איז לחלוטין קיין פארמיטלער ניט. דערמיט, וואָס די אידישע רעליגיאָן האָט איהם אדאָפּטירט, האָט זי קיין שריט אזעלכען גע־טאָן, וואָס זאָל געווען קאָנען פיהרען דערצו, עס זאָל זיך פון דער העלער הויט א אידישער יונגערמאַן באוויייזען און זאָל ערקלעהרען, אז ער איז גאָט'ס־זוהן. די אידישע רעליגיאָן איז דורכדעם ניט מעהר היידנישער געוואָרען, ווי זי איז פריהער געווען. דאָס אָננעהמען פון מט"ט'רען האָט דעריבער ניט געקאָנט זיין קיין פונקט, וואָס

זאָל צו ווייטערדיגער היידנישער ענטוויקלונג פיהרען. נאָר די שמות המלאָכים האָבען די אידען מיטגע־בראַכט מיט זיך פון בבל, אָבער ניט די מלאָכים אליין. דערמיט וואָס זיי האָבען מט"ט'ן אדאָפּ־טירט איז אייגענטליך גאָרניט מעהר פאָרגעקומען, ווי דאָס, וואָס מען האָט די ביז איצט עקזיסטירענדע גאַלערעע מלאָכים נאָך מיט איינעם רייכער געמאַכט, נאָר דאָס, וואָס מען האָט דאָס הימלישע פאַמיליען־געזינדעל מיט נאָך איינעם פאַרגרעסערט. מען האָט ניט מעהר, ווי נאָך אַ „זיץ" אין דער „פמליא של מעלה" צוגעגעבען. דאָס אידענטום איז דערמיט קיין רעוואָלוציאָנערען אַקט ניט באַגאַנגען, וואָס זאָל מוזען צו רעוואָלוציאָנערע קאָנסעקווענ־צען פיהרען.

און על אחת כמה וכמה, אַז דער אַלעקסאַנדריער „לאָגאָס" האָט ניט געקאָנט זיין קיין פאָרגענגער און מיטהעלפער צו אַ יעזוס־ערשיינונג, על אחת כמה וכמה, אַז ניט ער האָט עם געקאָנט זיין דאָס קערענדעל, וואָס פאַלענדיג אויף דעם אידישען באָדען, זאָל עס פון זיך אָט יענע היידנישע פלאַנצונג ארויסברענגען — די פאָרשטעלונג וועגען אַ מענשען — און דערצו, ווען ער לעבט — ווי וועגען אַ גאָט אָדער אַ האַלבען גאָט אָדער זאָל זיין אפילו אַ משיח, וועלכער איז אָבער, אַזוי שטאַרק געטליך געפאַרבט.

און ווירקליך וואָס פאַר אַ שייכות האָט טאַקי באמת אָט די־זער שענער און טיפער מעטאַפיזישער באַגריף און אויסדרוק. וואָס פאַר אַ שייכות האָט דיזער אַלעקסאַנדריער „לאָגאָס" מיט אַ יעזוס־ערשיינונג? עס קאָן ווירקליך קיין גרעסערער טעות ניט זיין, ווי אָנצואווייזען אויף דיזען באַגריף, וואָס האָט דאָן אונטער דעם וואָרט לאָגאָס עקזיסטירט, ווי אויף אַ פאָרשטעלונג וועגען אַ פאַר־מיטלער.

ניין. לאָגאָס איז ניט קיין פערמיטלער. ער איז אפילו ניט

קיין מיטעל. ל א ג א ס א י ז נ י ט ע ט ו ו א ס ב א ז ו נ ־ ד ע ר פ ו ן ג א ט ע ק ז י ס ט י ר ע נ ד ע ס. מיט דעם אויס־ דרוק לאָגאָס ווערט באצייכענט א געוויסע פאזע אין דער טעטיג־ קייט פון דער געטליכער ענערגיע. א געוויסער צושטאנד — אויב עס קאָן ניט פארדעכענט ווערען פאר צופיל „הגשמה" וועגען גאָט, אזוי צו רעדען — אין זיין וועזענטליכקייט. ל א ג א ס א י ז נ י ט ק י י ן ע נ ט פ ע ר א ו י ף ד ע ר פ ר א ג ע: ו ו ע ר ה א ט ד י ו ו ע ל ט ב א ש א פ ע ן? ל א ג א ס א י ז א ן ע נ ט ־ פ ע ר א ו י ף ד ע ר פ ר א ג ע: ו ו י א ז ו י ה א ט ג א ט ד י ו ו ע ל ט ב א ש א פ ע ן?

.3

עס מאטערט זיך דער מענשליכער געדאנק דעם שעפפער זיינעם צו דערקענען, אין „סוד היצירה" אריינצודרינגען. וואָס פאר א געהיימע האנד האָט עס דעם גאנצען אוניווערזום באשאפען? ווער און וואו איז עס דער קוואל, פון וועלכען דאָס אייביגע לעבען שטראָמט ארוים? דורות און דורות קלאפט זיך די מענשהייט אין א בלינדער וואנד מיט דער האָפנונג, אפשר וועט זיך איהר איינגעבען, כאָטש אויף וויפיל עס איז זי דורכצוברעכען, אום כאָטש איין ליכטיגען שטראהל פון יענער זייט וואנד, אוואו די גרויסע ליכט מוז זיך געפינען, ארויסצו׳גנב׳ענען און מיט איהם איהר פינסטערען וועג צו באלייכטען. וואָס מעהר דורות אָבער עס געהען אוועק, וואָס מעהר קרבנות עס ווערען אויף דעם מזבח פון דער בלינדער וואנד געבראכט, אלץ מעהר דיקער און פעסטער ווערט די וואנט. וואָס מעהר און שטארקער דער פאר־ צווייפעלטער קאמף ווערט פון די אונענדליכע מענשליכע דורות אנגעפיהרט, אלץ מעהר בלינדער און אונדורכזיכטיגער ווערט זי. זי לעבט און וואקסט אויף דעם חשבון פון איהרע קרבנות. דאָס בלוט פון זייער מארך איז איהר שפייז און נאהרונג. וואָס מעהר

דער מענשליכער געדאַנק שטרענגט זיך אָן, ער זאָל דעם שלייער פון אייביגען סוד אָפּדעקען קאָנען, אַלץ מעהר הימעל־ווייט ווערט דער סוד פון איהם, אַלץ מעהר דיקער ווערט דער שלייער איבער איהם, אַלץ מעהר צוזאַמענגעוואַקסען ווערט ער מיט איהם.

עס וואַקסט אונגעהויער דער מענשליכער געדאַנק אין פאַרלויף פון די אוועקגעהענדע און קומענדע דורות. ער מאַכט ריזען שריט פאָראויס. וואָס מעהר ער וואַקסט אָבער, אַלץ מעהר וואַקסט דער דיסטאַנץ צווישען איהם און צווישען דער האָפנונג, ער זאָל ווען עס איז דעם סוד דערגעהן. וואָס מעהר ראַפינירט, פאַרשאַרפט און פאַרטיפט דער מענשליכער דענקונגס־אַפּאַראַט ווערט — אַלץ מעהר העכער, ווייטער, אונדערגרייכבארער און אונבאַגרייפליכער ווערט פאַר אונז גאָט.

עס מאַטערט זיך דער מענשליכער געדאַנק. ער וויל דעם שעפּפער דערקאָנען. דאָס איינציגע אָבער, וואָס ער קאָן דורך דיזען פּראָצעס דערגרייכען, איז נאָר אָט יענע פעסטע איבערצייגונג, אַז **אויף שטענדיג וועט פאַר איהם דער וואָלד פינסטער בלייבען.**

און מוז פאַר איהם דער שעפּפער אַן אייביגער סוד בלייבען, קאָן ער איהם קיינמאָל „פּנים אל פּנים" זעהען, וויל ער כאָטש די שעפּפונג זיינע „פּנים אל פּנים" זעהען, וויל ער כאָטש איהרע סודות אויסהיטען, איהרע געהיימניסע ענטפּלעקען. ווי אַזוי איז דאָס אַלעם צום לעבען געקומען? ווי אַזוי איז דאָס אַלעם באַ־שאַפען געוואָרען? קאָן ער דעם יוצר אין זיין פולער וועזענטליכ־קייט ניט זעהען — וויל ער איהם כאָטש אין איין **איינצעל־נעם מאָמענט** זעהען, אָט אין יענעם מאָמענט, ווען ער איז „על האבנים" געזעסען און האָט די וועלט באַשאַפען. ווייסט ער דאָך, אַז עס ווערט ניט גאָר — פון גאָר ניט געבוירען. ווייסט ער דאָך, אַז דערויף זאָלען אירגענד וועלכע נייע פאָרמען און נייע מאַטעריאַלען געשאַפען ווערען, מוזען פריהער אַלטע פאָרמען און

אלטע מאטעריאלען פארניכטעט ווערען. ווייסט ער דאך, אז אוי־
סער דעם מוזען מיר זיך נאך מיט דער הילף פון ניט פארענדערטע
מאטעריאלען און פארמען באנוצען אלס מיטעל, דורך וועלכען די
אלטע מאטעריאלען און די אלטע פארמען זאלען קאנען אין נייע
איבערגעהן. וואס־זשע אלזא איז געווען דער מאטעריאל, פון
וועלכען גאט האט דעם אוניווערזום געשאפען? וואס איז אלזא
געווען דאס געצייג, מיט דער הילף פון וועלכען ער האט דעם גאנ־
צען ריזיגען „יש" געשמידט?

מאטערט זיך דער מענשליכער געדאנק ער זאל אויף דעם
אלעם אן ענטפער באקומען. ער בלייבט אבער אויך דא, נאטיר־
ליך, פאר א בלינדער וואנד שטעהען. פארהוילען זיינען די וועגען
אויך פון דיזען גרויסען סוד.

איז אבער דער מענש ניט נאר א דענקער, נאר אויך א
קינסטלער. ער אליין איז דאך אויך א שעפפער. עס האט
אויף איהם דער גרויסער שעפפער פון זיין שעפפערישען גייסט
משפיע געווען. אויב ער קאן ניט מיט דעם געדאנק זיינעם זיין
הייס־געוואונשטען פארלאנג דערגרייכען, פרובט ער עס מיט זיין
קינסטלערישען אינסטינקט טאן. פארמאגט ער דאך אין זיך אן
עלעמענט וואס קאן אין אונמיטעלבארער באריהרונג
מיט דער גאטהייט קומען — דאס געטליכע, דאס שעפפערישע,
וואס געפינט זיך אין איהם. רופט ער פון זיך דאס געטליכע
ארויס און לאזט עס די געהיימע וועגען פון דער גאטהייט נאכ־
שפירען. אויב די שעפפונג קאן די סודות פון שעפפער ניט דורכ־
דריינגען, זאל דער שעפפער דעם שעפפער דערקענען. זאל די
גאטהייט פאר דעם געטליכען איהרע סודות אנטפלעקען. הויבט
דאן אן דער מענש מיט פאעטישע בילדער צו רעדען.

ווערט אזוי ארום אויך א לאגאס באשאפען.

איז דען ניט אויך זיין אייגענע וועלט מיט גוואלדיגע וואונ־
דער גרויסע פול? איז דען ניט זיין אייגענע נשמה אן אונבא־

גרייפליכער סוד א גרויסער? וואס קאן נאך א גרעסערער סוד, ווי דאס ווארט זיין? שאפט ער דען ניט אוצרות גאנצע מיט דער הילף פון ווארט? איז דען ניט טויט און לעבען אין רשות פון ווארט געשטעלט? איז דען דאס ווארט ניט אימשטאנד צו בויען און צושטערען וועלטען גאנצע? קומט דען ניט זיין גאנצע אינערליכע וועלט לידי התגלות דורך דער הילף פון ווארט? איז דורך גאט'ס ווארט אויך דער אוניווערזיום, וואס איז אין דער גאטהייט איינגעוויקעלט געלעגען, לידי „התגלות" געקומען.

דאס אממעהרסטען אבסטראקטע, וואס דער מענש טראגט אין זיך, דאס אונזעהבארסטע, פיינסטע און איידעלסטע, וואס ער פארמאגט, שענקט ער גאט אוועק ער זאל האבען מיט וואס די וועלט צו באשאפען. ביז צו גאר שטרענגט ער זיך אן, אז ער זאל כאטש אויף וויפיל עס איז, זיין דורשטיגען גייסט קאנען בארוהיגען, ער זאל כאטש וועלכע עס איז באפרידיגונג פאר זיין אויסגעמאטערטען מארך ברענגען קאנען. קאן זיין אויג ניט דורך און דורך דעם „סוד היצירה" דורכנעמען — זאל כאטש זיין אנ־בליק אין זיין אויג זיך אפשפיגלען. קאן ער קיין גענויען ענט־פער אויף דער פראגע: „ווי האט גאט די וועלט באשאפען?" ניט קריגען — זאל ער כאטש האבען א רמז אויף דעם אינהאלט, וואס אט יענער ענטפער דארף ענטהאלטען. ציהט ער אנאלאגיען צווישען די וואונדער זיינע, מיט דער ארט און ווייזע, ווי די גאטהייט שאפט איהרע וואונדער, ווי אזוי האט גאט די וועלט באשאפען? ער האט ג ע ז א ג ט און די וועלט איז געווארען. מאטעריע שאפט מיט דער הילף פון מאטעריע. גייסט אבער שאפט מיט דער הילף פון גייסט. מיט — אדער דורך — דעם ווארט — ז י י ן  ו ו א ר ט , עס איז ניט א זאך, וואס איז אויסער איהם — האט ער די וועלט באשאפען.

אט דאס אלעס איז די באדייטונג פון „לאגאס". וואס פאר א פערמיטלער אלזא איז ער דאס? צווישען איהם און גאט איז

אפילו אָט יענע שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישען מענשליכען מארך און זיין געדאנק ניט פארען. ווארום גאָט און זיין וואָרט, גאָט און זיין רצון זיינען אַלע איינס. דאָס וואָרט איז ניט אַ באַזונדער זאַך. ער איז דאָס וואָרט און דאָס וואָרט איז ער. ער איז דער רצון און דער רצון איז ער. ווען מיר זאָגען, אַז די וועלט איז דורך דעם לאָגאָס באשאַפען געוואָרען, מיינט עס, אַ דורך דעם, וואָס גאָט'ס רצון, אַז די וועלט זאָל באשאַפען ווערען, וואָס איז שטענדיג אין דער גאָטהייט איינגעהילט געלעגען, איז ליד התגלות געקומען — איז די וועלט באשאַפען געוואָרען.

און אויב דער גאַנצער לאָגאָס מיט זיין גאַנצען פילאָזאָפישען הינטערגרונד און מיט זיין גאַנצער פילאָזאָפישער פאָרמולירונג איז דאָך אַ באגריף, וואָס ער איז פון דער פרעמד גענומען, איז ער אָבער אין עצם אינהאַלט זיינעם, אויך אַ ריין אידישער באגריף. „בדבר ה' שמים נעשו", מיט גאָט'ס וואָרט זיינען די הימלען צושטאַנד געקומען, און עהנליכע אויסדריקע וועסט דו אין אַ גרויסער צאָהל אין תנ"ך געפינען. נאָר פיינער ווערט דיזער באגריף איבערגעגעבען אין „ויאמר" מיט וועלכען די ביבעל באנוצט זיך, ווען זי רעדט וועגען „מעשה בראשית", ווארום „ויאמר" האָט אַ מעהר העכערען אינהאַלט. ער איז מעהר פון אבסטראַקטען כאַראַקטער. ער איז שטאַרק פאַרוואַנדעט מיט דעם וואָרט רצון. אין דער זעלבער פיינער פאָרם געפינען מיר איהם אויך ביי די חז"ל, ווען זיי זאָגען: „בעשרה מאמרות נברא העולם".

וואָס פאַר אַ מחותן איז אַלזאָ דער נאָך מעהר ווי „כולו רוחני"-באגריף וועגען „לאָגאָס" מיט דעם בלוט-און-פלייש באגריף פון עוואַנגעליום וועגען אַ גאָט יעזוס — עס קען דאָך דאָ קיין פשט'לען זיך ניט העלפען. דער עוואַנגעליום ערקלערט איהם פאַר אַ גאָט און לויט דעם עוואַנגעליום האָט אויך יעזוס אַליין זיך אַלס גאָט באטראַכט — וואָס איז אין שום פון פאַטער — עס בלייבט געגוג אומגעלומפערטע הגשמה אין דיזער פאָרשטעלונג ווי דו זאָלסט

זי ניט אלעגאריזירען — געלעגען, מ י ט א ב א ג ר י ף ו ו ע ג ע ן א י ע ז ו ס, ו ו א ס ה א ט ד י א ל ע ו ו ע ל ט ע ן ב א ש א פ ע ן א ו ן א ו נ ע נ ד ל י כ ע י א ה ר ע ן ז י ג ע פ י ה ר ט א ו ן א י ז נ א כ ד ע ם א ו י ף א מ ש ך פ ו ן א מ ע נ ש ל י ך־ל ע ב ע ן ל א נ ג א י ן ב ל ו ט א ו ן פ ל י י ש פ א ר ק ע ר פ ע ר ט ג ע ו ו א ר ע ן.

צו וואס פאר א שייכות האט דאס אלעס מיט דעם, וואס דאס אידישע מיסטיק זאגט, אז גאט האט מיט דער — ריכטיגער: מיט — חכמה די וועלט באשאפען. עס איז דאך אויך א ריין־אידישער, זאגאר א ריין־ביבלישער באגריף: „ה׳ בחכמה יסד ארץ".

גאט איז דער קוואל פון חכמה. דאס איינציגע, וואס מיר קע־נען זאגען וועגען איהם — איז, אז ער איז די וויזהייט. ער איז די אונענדליכע שלימות פון חכמה, וועגען וועלכער מיר קענען אפילו די קלענסטע פארשטעלונג ניט האבען, און ווען מיר זאגען, אז גאט האט מיט חכמה די וועלט באשאפען, מיינען מיר כלל ניט דערמיט, אז די חכמה איז פאר זיך א סובסטאנץ געווען און מיט איהר — אדער דורך איהר — הילף האט ער די וועלט בא־שאפען. וואס מיר מיינען דערמיט צו זאגען איז, אז זיין חכמה האט זיך אין דער וועלט פארקערפערט. דורך דעם, וואס די חכמה זיינע איז צו טעטיגקייט געקומען, איז דער יוניווערזום צו שטאנד געקומען.

און נאטירליך האט גאט די וועלט מיט זיין חכמה באשאפען. פון וואס דען האט געקענט ארויסקוועלען די גאנצע צויבערהאפטע הארמאניע, וועלכע האלט דעם גאנצען אוניווערזום אויף, אויב ניט פון גאט׳ס חכמה? פון וואנען דען האט זיך געקענט נעהמען אט דיזע וואונדערבארע צוועקמעסיגקייט, וואס הערשט אין דעם גאנצען ברייטען און גרויסען יש? פון וואנען דען זיינען צום לעבען ארויסגערופען געווארען אט יענע אלע וואודערבארע אינ־

סטינקטען און געזעצען אין דער אָרגאַנישער און ניט־אָרגאַנישער וועלט, וועלכע שאַפען אָט יענעם גרויסען און געהיימניספאָלען וואונדער, וואָס מיר רופען דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון אוני־ווערזום? פון וואַנען דען ציהען זיי עס זייער יניקה אָט דיזע אַלע געהיימניספולע אינסטינקטען איז געזעצען, וועלכע פאַרוואַנדלען אַלע און אַלעם אין קינסטלער גרויסע, זיי זאָלען זיך שטענדיג אונטער דער ממשלה פון דראַנג צו שאַפען געפינען, און אינסט־רומענטען, דורך וועלכע אַלץ מעהר און מעהר נייע פאָרמען זאָלען געשאַפען ווערען? און וואָלט דען אויף איין מאָמענט אפילו די גאַנצע אוניווערזום-געביידע געקענט שטעהן בלייבען, ווען גאָט זאָל דעם פונדאַמענט איהרען — די חכמה זיינע — צונעהמען, ווען עס זאָלען אפילו אויף איין מאָמענט נאָר די געזעצען פון זיין ווייזהייט, צוועקמעסיגקייט, האַרמאָניע, אויסגעהאַלטענקייט, דראַנג צו שאַ־פען אויפהערען צו הערשען אין איהר?

וואָס־וואָס, נאָר עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל אין זיך קערפּער־בילדליבעם אַנטהאַלטען, קען מען אָט אין יענעם שעהנעם אויס־דרוק, אָט אין יענע שעהנע מעטאַפיזישע פאָרם ניט געפינען. אויב דאָס אונטערשטרייכען פון דיזען מעטאַפיזישען אויסדרוק האָט עפּעס בעאַבזיכט צו יענער צייט, איז דאָס געווען דער גע־גענזאַץ פון וועלען אריינטראָגען — זאָל זיין — אפילו דעם קלענ־סטען עלעמענט פון הגשמה אין דער אידישער פאָרשטעלונג וועגען גאָט, איז דאָס געווען נאָך מעהר צו לייטערען זי, נאָר מעהר פיינ־קייט, נאָך מעהר טיפקייט אין איהר אריינצוטראָגען. פונקט, ווי עס זיינען ניט געווען קיינע אבזיכטען אַזוינע — אויסער די אב־זיכטען פון צווייטען כאַראַקטער — ווען מען האָט דעם „מספר" באַגריף איבערגענומען. ווען די אידישע מיסטיק האָט אָנגעהוי־בען צו לערנען, אַז גאָט האָט מיט דעם „מספר" די וועלט באַשאַ־פען, האָט עס אויך כלל קיין הגשמה געמיינט, האָט עס אין זיך

אויך ניט דעם קלענסטען שאָטען פון אירגענד־וועלכער היידנישער פאָרם אנטהאַלטען.

דאָס אידענטום האָט איבערגענומען אָט יענע פיינע אידעע, וואָס געפינט זיך אין דיזען בילדליכען געדאַנק, און האָט זי אויף איהר באָדען פארפלאַנצט.

דער אינהאַלט וואָס ליגט אין דיזען באַגריף איז פאָלגענדער:

איידער גאָט האָט די וועלט באַשאַפען איז קיין מספר געווען. עס האָט דאַן דער באַגריף וועגען צאָהל ניט עקזיסטירט. וואָרום ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל צעהלען און וואָס צו צעהלען. דאָס איינציגע לעבען און עקזיסטענץ איז נאָר די גאָטהייט געווען. „עד שלא נברא העולם לא היה דבר אלא הוא ושמו בלבד" — זאָגט רבי אליעזר הגדול: איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען איז גאָר ניט געווען אויסער איהם און דער נאָמען זיינער. אויף דער גאָטהייט דאַן האָט אָבער דער מספר ניט געקאָנט חל זיין — אפילו דער מספר אחד, וועלכען מיר ווענדען יעצט אָן אויף גאָט. וואָרום דער באַגריף אחד קאָן עקזיסטירען נאָר דאַן, ווען עס זענען שוין אויך די איבעריגע מספרים פאַראַן. אזוי איז שוין די תכונה זיינע. ער איז דער קוואַל, פון וואַנען די איבעריגע מספרים שעפען זייער לעבען. דורך זיין עקזיסטענץ ווערט די עקזיסטענץ פון די איבעריגע מספרים מעגליך. צוזאַמען אָבער דערמיט ווערט אויך זיין עקזיסטענץ נאָר דורך זייער עקזיסטענץ מעגליך. ער מוז פון זייער קוואַל פאַר זיך לעבען שאַפען. ווען ניט דער איינס, וואָלט קיין צוויי ניט געקאָנט זיין. ווען ניט אָבער דער צוויי, וואָלט אויך דער באַגריף איינס ניט עקזיסטירט.

און אויסער דעם קאָנען מיר דאָך אויך יעצט נאָר מיט גוואַלדיגע מאַטערנישען דעם מספר אחד אָנווענדען אויף גאָט. איידער מיר באַנוצען זיך מיט איהם, מוזען מיר איהם מיט פאַר־

שידענע באַגרענצונגען ארומשטעלען. וואָרום יעדער געגענשטאַנד — ווען אפילו איינער, איז ער אָדער **איינער אַלס אַ מין** אָדער **איינער פון זיין מין**. די איינהייט זיינע איז אַלזאָ ניט קיין אבסאָלוטע. עס זיינען אין דער אונענדליכקייט עקזיסטירענדע זאַכען פאַראַן. די איינהייט זיינע איז אויך ניט קיין פאָלקאָמע, קיין איינפאַכע. **יעדער איינצעלנער געצעהלטער געגענשטאַנד איז פון פאַרשידענע צוזאַמענגעשטעלט.** אַנדערש איז דאָס אָבער מיט דער איינהייט פון גאָט. זיין איינהייט איז אַן אבסאָלוטע. עס איז קיין זאַך אויסער איהם פאַראַן. אויסער איהם עקזיסטירט אבסאָלוט גאָר ניט. אַלעס, וואָס לעבט און עקזיסטירט איז מעהר ניט ווי פענאָמענען פון זיין עקזיסטענץ. „התגלות"ען פאַרשידענע פון דעם געטליכען לעבען. זיין איינהייט ווידער איז אַ פאָלקאָמענע און איינפאַכע. מען קען אויף איהם ניט זאָגען, אַז ער לעבט, אַז ער איז קלוג, אַז ער ווייסט, ווארום דער עיקר לעבען איז ער, דער עיקר וויזהייט איז ער. ער איז ניט אַ באַזונדער זאַך און זיין לעבען ווידער אַ באַזונדער זאַך — ווי ביי אַלע לעבעדיגע וועזענס. ווארום ער איז זיין לעבען און זיין לעבען איז ער. ער איז זיין וויזהייט און זיין וויזהייט איז ער. ער איז זיין ווילען און זיין ווילען איז ער. **זיי זיינען אַלע אין איהם און מיט איהם אין איין פאָלקאָמע, איינפאַכע איינהייט פאַראייניגט.** זיינע אַטריבוטען קענסט דו ניט טיילען. זיין חכמה איז אויך די גבורה. זיין גבורה איז אויך דאָס וויסען. נאָר אונז שיינען זיי צו זיין באַזונדערע זאַכען, באַזונדערע אַטריבוטען, באַזונדערע השפעות. זיי זענען עס אָבער ניט. **דער משפיע און די השפעה זענען אין מקור איינס. די השפעה איז דעריבער דער משפיע און די השפעה, און די אַלע**

**פארשידענע באזונדערע השפעות זיינע זענען אין גרונד נאר איין השפעה.**

איידער די וועלט איז באשאפען געוואָרען, איז אלזאָ קיין מספר געוועזן. דורך דער וועלט איז דער מספר געבוירען געוואָרען. ווען עס זאָל אָבער נאָך פריהער די אידעע וועגען מספר ניט געוועזן עקזיסטירען, ווי וואָלט די וועלט געוועזן געקענט באשאפען ווערען? דער אוניווערזום האָט געמוזט דאָך אין דער קאָנקרעטער פאָרם פון מספר זיך רעאליזירען.

**האָט דער מספר טאקי נאָך פריהער אלס אידעע געלעבט.**

ער האָט עקזיסטירט **בכח** און ווען די וועלט איז באשאפען געוואָרען איז ער **מן הכח אל הפועל איבערגעגאנגען**, מיט דעם, וואָס די וועלט איז באשאפען געוואָרען, האָט די אידעע איהר פאַרקערפּערונג אָנגענומען. און דעריבער זאָגען מיר, אז גאָט האָט מיט דעם „מספר" די וועלט באשאפען. דורך דעם, וואָס די אידעע, וואָס איז געלעגען פון דער אונענדליכקייט אָן — עס קומט דאָך קיין שנוי אין דער גאָטהייט פאָר — אין דער גאָטהייט איינגעהילט, ווי אלע אנדערע כחות און אידעען, וועגען וועלכע מיר האָבען אירגענד וועלכע פאָרשטעלונג, ווי אויך אָט יענע אלע אידעען און כחות וועגען וועלכע מיר וועלען קיינמאָל קיין פאָרשטעלונג ניט האָבען — איז לידי התגלות געקומען, איז די וועלט אנטשטאנען. די אידעע האָט א קאָנקרעטע פאָרם אָנגענומען. **דורך דעם מספר בכח איז די וועלט באשאפען געוואָרען. און דורך דעם באשאפען פון דער וועלט איז דער מספר בפועל צושטאנד געקומען.**

## 4.

און נאטירליך זענען חלילה ניט אויך די „עשר ספירות" עט־וואס אזוינס, וואס זאל ניט גאט אליין זיין, עטוואס אזוינס, וואס מען זאל פון זיי ארויסטייטשען קענען כאטש וועלכען עס איז רמז דערויף, אז דער רבונו של עולם האט — אדער ער האט ווען עס איז געהאט — אירגענד וועלכען פארמיטלער.

ער, דער „כביכול", האט ניט זיין גאנצע „שלימות" אין או־ניווערזום רעאליזירט. ניט דאס גאנצע געטליכע געשטאלט שפי־געלט זיך אין איהם אפ, נאר איינינגע שטריכען פון זיין אנבליק. ניט די גאנצע גרויסע ליכט זיינע רוהט אויף דער יצירה, נאר איינ־צעלנע ליכטיגע שטראהלען זיינע. עס זענען געננג געוועז נאר צעהן מדרגות פון דער געט־ליכער שלימות, דער אוניווערזום זאל קענען צו שטאנד קומען. די וועלט זאל איהר ענדגילטיגען „תיקון" באקומען.

און דעריבער זעהען מיר, ווי אין „זוהר" ווערען די „ספירות" טאקי אויך מיט דעם נאמען „תיקונין" באצייכענט. „אנת הוא דאפיקת" — ווערט דארטען געזאגט — עשר תיקונין, וקרינן לחון עשר ספירין". דו האסט ארויסגעבראכט — זאל עס אין דער אי־בערזעצונג הייסען — צעהן פארמען פון אנטוויקלונג, וואס מיר רופען צעהן ספירות, צעהן פארמען פון אנטוויקלונג, דורך וועלכע די יצירה איז דורכגעגאנגען, ביז זי האט איהר פולע שלימות דערגרייכט. זי האט צעהן מאל איהר „תיקון" באדארפט באקו־מען, ביז זי איז צו איהר ענדגילטיגען „תיקון" דערגאנגען.

די ספירות זענען ניט מעהר, ווי די עלעקטרישע פונקען פון דער געטלי־כער ענערגיע אויף דעם אונענדליכען וועג פון איהר שאפען, אט יענע עלעקט־

רישע פונקען, וועלכע זענען פאר אונז לידי התגלות געקומען, דאמאלס, ווען דער גאנצער איבעריגער שאפונגס־פראצעס פון דער גאטהייט — די גאטהייט רוהט דאך קיינמאל ניט. זי האלט דאך אין איין שאפען — איז פאר אונזער אויג ניט דערגרייכבאר. זיי זענען די שטראהלען ליכט פונ'ם גרויסען „אור המאור".

און צעהן זענען זיי נאר פאר אונז. אויך זיי זענען אונטער דעם באגריף פון צעהלען ניט אונטערגעווארפען. ווי אלעס, וואס שטראהלט פון דער גאטהייט ארויס, איז דאך ניט עטוואס אזוינס, וואס זאל זיין טיילבאר פון איהר, אזוי זענען אויך זיי אונטייל־באר פון דער גאטהייט. די גאטהייט איז זיי און זיי זענען די גאטהייט. די איינפאכע, פאלקאמע איינהייט פון דער גאטהייט שליסט אויך זיי איין.

און דעריבער זאגט דער „זוהר" אויף דעם אייגענעם פלאץ ווייטער: „ואנת הוא דקשיר להון ומיחד להון" — דו בינדעסט זיי צוזאמען און פאראייניגסט זיי. „ובגין ראנת מלגו", דערפאר, וואס דו ביזט פון אינווענינ, ווייל זיי זענען ניט עטוואס אזוינס, וואס זאל זיין אויסער דיר, וואס זאל ניט דו אליין זיין, ווייל זיי זענען דאך פון דער גאטהייט אונטיילבאר, איז „כל מאן דאפריש חד מן חבריה כאילו אפריש בך", איז ווער עס טיילט זיי פאנאנ־דער, ווער עס באטראכט זיי, ווי באזונדערשטעהענדע מאמענטען, ווער עס ווארפט זיי אונטער דער צאהל אונטער איז גלייך, ווי ער וואלט דיך פאנאנדערגעטיילט, ווי ער וואלט דיין איינפאכע איינהייט אפגעלייקענט. פי־לע ליכט־פארבען פארמאגט דער רעגענבויגען. דאס ליכט אבער אין דער זון איז ניט אין מעהרצאהל. עס איז דער פונס, וואס

רייסט זיך פון פייער אָפּ און ווערט אין מעהרערע פונקען פּאַנאַנ־דערגעשיידט. עס איז דאָס וואַסער, וואָס מען גיסט פון איין גע־פאַרבטער כלי אין אַ צווייטער איבער. עס ענדערט זיך אַלע מאָל די פאַרב פון וואַסער. דאָס וואַסער איז אָבער דאָך אַלע מאָל די אייגענע און זעלבע. שטעלט זיך פאָר, גאָט האָט אייך מיט אַ טיפען און שאַרפען קאָפּ באַשענקט. איהר זענט אימשטאַנד אַ טיפען „ויש לישב בדוחק" אין „מהרש"א" צו פאַרענטפערען, אַ שעהנע און טיפע שטעלע אין ניעטשע צו ערקלערען, און אַ האַלב בלעטעל קאַנט צו שטודירען. איהר האָט ניט צוליב דעם דריי פאַרשידענע שכל'ען. איין שכל פאַרמאָגט איהר, וועלכער פאַר־קערפּערט זיינע פענאָמענען אין דריי פאַרשידענע פאָרמען, אין דריי פאַרשידענע ריכטונגען. אייער כח שכלי בלייבט אַלע אונ־טיילבאַר, ער בלייבט אַלע דער אייגענער און זעלבער.

---

נײַן. די אידישע מיסטיק צו יענער צייט האָט גאָר ניט געהאַט אין זיך אַזוינס, וואָס זאָל קענען באַטראַכט ווערען אַלס די עמבריאָ פון קריסטענטום, טראָץ דעם, וואָס די אידישע וועלט האָט דאַן אמת פילע פרעמדע עלעמענטען פון פרעמדע ספערען איבערגענומען. זי האָט מעהר די פאָרמען איבערגענומען, ווי די באַגריפען זעלבסט. זי האָט נאָר די בילדרייכע און פילפאַר־ביגע טערמינאָלאָגיע איבערגענומען — און האָט אין איהר אַ גענענגעזעצטען און אויסשליסליך אידישען אינהאַלט אריינגעלעגט. און דאַן אפילו, ווען זי האָט אין זיך אויך דעם פרעמדען אינהאַלט איינגעזויגען, האָט זי עס געטאָן ערשט דאַן, ווען זי האָט פריהער פון איהם ארויסגעטריבען דאָס ספּעציפיש פרעמדע, וואָס שטעהט אין קאָנטראַסט מיט די הויפּט־עיקרים, אויף וועלכע די אידישע רעליגיאָן איז געבויט, האָט זי עס נאָר געטאָן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי האָט געקענט דעם פרעמדען עלעמענט אין אַ שעהנעם דימאַנט פאַרוואַנדלען, אין אַ שעהנעם דימאַנט, וואָס זאָל איהר

קרוין באַפּוצען, אָבער ניט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער זאָל אין איהר אַ פרעמדער עלעמענט בלייבען, אויף וויפיל ער זאָל קענען פאַר איהר אין אַ וואָרים פאַרוואַנדעלט ווערען, וואָס זאָל זי פון אינוועניג „עסען". דאָס גאַנצע פרעמדע, וואָס דאָס אידענטום האָט אין זיך דאַן אריינגענומען, האָט נאָר געקענט נאָך מעהר דעם אידישען מאָנאָטעאיזם פאַרשטאַרקען, נאָך מעהר טיפער, געדאַנקען־רייכער איהם צו מאַכען, נאָך מעהר נשמה איהם צו געבען. דיזער פרעמדער עלעמענט האָט איהם באַדאַרפט געבען דאָס, וואָס איהם האָט געפעהלט — דעם פילאָזאָפישען עלעמענט, די פילאָזאָפישע באַגרינדונג. דאַמאָלס, ווען דער אידישער מאָנאָטעאיזם איז פריהער געווען נאָר אינטואיציאָן, נעבעלהאַפטער אינסטינקט, איז ער יעצט אַ קלאָרער פילאָזאָפישער באַגריף דורך דעם געוואָרען. אַן אידעע, וועלכע איז פון דעם פולען און גרויסען ליכט פון מענשליכען געדאַנק דורכגענומען געוואָרען. דורך דעם אַלעם, וואָס דאָס אידענטום האָט אין זיך דאַמאָלס אריינגענומען, איז אין דעם קיין „שבירת הכלים" ניט פאָרגעקומען, קיין „נפילה", קיין „ירידה". דער אידישער באַגריף וועגען דער גאָטהייט איז דורך דעם ניט מיט קיינע שטאַפּלען נידעריגער געשטעלט געוואָרען, נאָר פאַרקערט, מיט פילע שטאַפּלען העכער געשטעלט געוואָרען. זי האָט דורך דעם אַ גרעסערען „תקון" באַקומען, ווי זי האָט בעפאָר פאַרמאָגט.

## 5.

בכלל דאַרף מען זעהר און זעהר פאָרזיכטיג זיין, ווען מען נעהמט ציהען פאַראַלעלען צווישען דעם קריסטענטום און צווישען דער אידישער מיסטיק. די ווערטער אַליין זיינען דאַן נאָך ניט גענוג. לעבען יעדען וואָרט באַדאַרף מען אַן אַנדער וואָרט אַלס שומר אוועקשטעלען. מען מוז די אַלע באַהויפּטונגען, וואָס מען מאַכט דאַמאָלס מיט פאַרשידענע באַגרעניצונגען ארומצוימען, מיט

פארשידענע „במה דברים אמורים'ס" ארומשטעלען. עס איז, ווי דער „פרי מגדים" האט זיך ליב אויסצודריקען אין אזוינע פעלע „והענין דק וקלוש", און ליתר תוקף גיט ער נאך די ווערטער „עד למאד" צו.

און דאס מוז געטאן ווערען אפילו אין באצוג צו דער גאר שפעטערדיגער קבלה טראץ דעם, וואס מען מוז מודה זיין, אז זי האט אין זיך א סך באגריפען־פארמען פון היידענטום — דורך דעם קריסטענטום אריינגענומען.

ווארים טראץ דיזען אומבאשטרייטבארען פאקט, קאן מען נאך אלץ ניט רעדען וועגען דעם כלומרשט'ען שייכות, וואס עקזיסטירט צווישען קריסטענטום און אידענטום דורך דער פארמיטלונג פון דער קבלה.

ווארים, ראשית, האט די קבלה קיינמאל ניט געקראגען די סאנקציע, ווי א הויפט־עיקר אין אידענטום, ווי א וויכטיגער טייל זיינער. זי איז שטענדיג כמעט ווי „מחוץ למחנה" געבליבען. פאר דעם גרעסטען טייל אידען איז זי ווי א „ספר החתום" געווען. מען האט זיך מיט איהר ניט באשעפטיגט. א „סדרה חומש" אדער א „פרק משניות" האט, כמעט, יעדער איד געלערענט — אליין אדער דורך דעם מגיד, וואס האט מיט די „שאינם יודעים" שבת אדער אין א אירגענד־וועלכען אווענט געלערענט. ווער האט אבער פון די גרויסע מאסען קבלה געלערענט? עס איז צו איהר ניט קיינער צו־נאהענט צוגעגאנגען. אפילו די העכערע קלאסען, די לומדים, האבען פאר איהר אין זייער וועלט קיין פלאץ געהאט. נאר פון צייט צו צייט האט זי אין פארשידענע פעריאדען א בליה געטאן. אויך דאן אבער האבען זיך מיט איהר נאר איינצעלנע, נאר „יחידי סגולה" באשעפטיגט. סוף כל סוף זיינען אט אזוינע צייטען, ווי די צייט פון רמ"א, וועלכער קלאגט זיך אין זיין „תורת העולה" דערויף, וואס עס האבען זיך פאר דעם „למוד הקבלה" גענומען אויך גאר פשוט'ע „בעלי בתים", וואס קענען כמעט ניט א

פרשה חומש מיט רש״י ריכטיג אפלערנען, זעהר, זעהר זעלטענע אויסנאהמען געווען. דאס אפיציעלע אידענטום האט די קבלה מעהר געדולדעט, ווי אנערקענט. און אויך דאס נאר אויף וויפיל זי האט זיך באשיידען געהאלטען, אויף וויפיל זי האט ניט די הארמאניע גע־שטערט, אויף וויפיל זי האט ניט צופיל בריית די טויערען פון הימעל פאנאנדערגעעפענט. אויף וויפיל מען האט אבער יא גע־קענט מורא האבען, זי זאל ניט צופיל טומעל שאפען, זי זאל ניט צופיל אונארדנונג אריינטראגען — אויף אזוי פיל האט אין איהר דאס אפיציעלע אידענטום „גוער בנזיפה״ געווען. און מעגליך, אז זיי וואלטען איהר געווען נאך מעהר „אונצירליך־מאניערליך״ באהאנדעלט, איז איהר אבער בייגעשטאנען דער זכות פון איהרע אנהענגער, וועלכע זענען ניט נאר גרויסע מקובלים געווען, נאר זענען אויך גרויסע לומדים, גרויסע יראי־שמים און צדיקים געווען אזוי, אז אייניגערמאסען האט ניט די קבלה די מקובלים גרוים גע־מאכט, ניט זיי האבען זיך ביי איהר פייער געווארימט, נאר פאר־קעהרט, עס איז דא פארגעקומען דאס אייגענע, וואס מיט דעם „מורה נבוכים״ פון רמב״ם. ווי ער איז ניט א גרויסען טייל פון די פארשטעהער פון אפיציעלען אידענטום, ווי א דארן אין אויג געשטאנען, האבען זיי דאך איהם געמוזט אלס הייליג ערקלערען. זיי האבען פאר איהם מורא געהאט. עס האט דאך איהם דער הייליגער רמב״ם, דער מחבר פון „יד החזקה״ געשריבען.

און נאך אלעם דעם פלעגט זיך דאך פון צייט צו צייט א שטארקע פערזענליכקייט געפינען, אן אויטאריטעט א גרויסער, וואס פלעגט אין זיך געגוג מוט געפונען צו טאן אין נאמען פון אפיציעלען אידענטום דאס, וואס אנדערע האבען אין זיך ניט געהאט קיין מוט צו טאן. ער האט זיך דאן מיט קיין זאך ניט געוואלט רעכענען און האט די גאנצע קבלה גאר אינגאנצען מיט

דער האנד אוועקגעמאכט. קומט צוגעהן דער רשב"ש *) און גיט זיך א זאָג, אז די מקובלים געפעלען איהם ניט און אז ער וויל זיך גאר אינגאנצען דעם קאָפּ ניט ברעכען אויף דעם אונטערשייד, וואָס צווישען די דאָקטרינען פון דער אידישער מיסטיק און די דאָקטרינען פון קריסטענטום — דאָרטען אוואו עס זעהט זיך ווי אן עהנ־ליכקייט צווישען זיי. ער נעהמט די זאך פון אויבען־אויף, זעהט ער, אז עס קען חלילה צו שלעכטע וועגען פיהרען. וואָרום „אלה אומרים שלשה ואלה אומרים עשרה" — די זאָגען דריי*) און די זאָגען צעהן**).

על אחת כמה וכמה, אז די אידישע קבלה — אויף ווי וויים זי זאָל ניט ליגען איינגעוויקעלט אין די יסודות פון דער אידישער רעליגיאָן — האָט — לויט איהרע פאָרמען, וואָס קענען שלעכט אויסגעטייטשט ווערען — זיך קיינמאָל צו דער מדרגה פון א דאָגמא אויפגעהויבען. עס איז פון איהר אויסשליסליך גאר ניט אריינגענומען געוואָרען אין די אָנגענומענע אידישע תפלות. נאָך די אלע „שיעור קומה'ס" און עהנליכע אויסדריקע איז דאָך די דאָגמא געבליבען „שאין לו גוף ואין לו דמות הגוף". די דאָגמא איז מלא כל הארץ כ ב ו ד ו; די גאנצע ערד איז מיט זיין כ ב ו ד פול. ו ו י ע ר א ל י י ן אָבער איז — ווייסען מיר שוין אינגאנצען ניט. די דאָגמא איז „ה ק ד ו ש ב ר ו ך ה ו א מ ק ו מ ו ש ל ע ו ל ם": נ אָ ט א י ז ד אָ ס אָ ר ט פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט, א ב ל „א י ן ה ע ו ל ם מ ק ו מ ו ש ל ה ק ד ו ש ב ר ו ך ה ו א":

---

*) אין זיינע שאלות ותשובות סימן קפ"ט. און זעה אויך די שאלות ותשובות פון זיין פאָטער — שו"ת הריב"ש.

*) די קריסטליכע דריי־איינציגקייט.

**) די צעהן ספירות.

**די וועלט איז אָבער ניט דאָס אָרט פון גאָט.**

אזוי האָבען מיר א פאָלשטענדיג רעפּאָרט וועגען די אַלע „שבעה רקיעים", וועגען די אַלע זיבען הימלען. מיר ווייסען געננוי, וואו דער „כסא הכבוד" געפינט זיך און ווייסען אויך גענוי וועגען אַט יענעם פּלאַץ אין כסא־הכבוד, אַוואו כביכול זיצט. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען מיר ווילען זיין נאָמען הייליגען, אין דעם מאָמענט וואָס מיר ווילען זיך אין בורא מתדבק זיין, ווערען אַלע ידיעות אונזערע ווי רויך פארשוואונדען, ווערען אַט יענע אַלע פאָרשטעלונגען פון אונזער געדאנק ארויסגעטריבען.

אונבאהילפיג בלייבען מיר אין יענעם מאָמענט שטעהן. אונבאהילפיג אין אונזער אונוויסענהייט כאָטש וועלכען עס איז וועג געפינען, אונזער לעבען זאָל קענען פון זיך זיין שירה צום גרויסען קוואל פון לעבען ארויסזינגען.

און אונזער איינציגע טרייסט איז, אַז אויך אַט יענע לעגיאָנען מלאכים, וועגען וועלכע מיר האָבען שטענדיג אזוי פיל געוואוסט צו דערצעהלען, אַט יענע אַלע לעגיאָנען מלאכים, וועגען מאַנכע פון וועלכע מיר האָבען אפילו געוואוסט וויפיל שטח ערד א שפּאַן פון זייערע פיס פארנעהמט — פונקט ת"ק מאות פרסא על ת"ק מאות פרסא — אַז אויך אַט יענע אַלע „שרפים", „חיות" ו„אופני הקודש", וועגען וועלכע מיר ווייסען דאָך אזוי זיכער, אַז זיי רינגלען כסדר כביכול אַרום, אַז יעדער איינער שטעהט שטענדיג נעבען כסא־הכבוד אויף זיין וואַך, און עס געהט גאָר קיין סעקונדע ניט אוועק, וואָס כביכול זאָל זיך מיט דעם אָדער יענעם מלאַך ניט שאפען, ער זאָל יעדען מאָמענט אירגענד־וועלכע שליחות פאר איינעם פון די „רואי־פני־המלך" ניט האָבען — אַז אויך זיי געפינען זיך אין דער איינענער פארצווייפעלטער לאַגע, אויך פאר זיי הערשט דער חושך איבער די וועגען, וואָס באַדאַרפען צום דערקענען פון גאָט פיהרען. דאָס, וואָס מיר

ווייסען אין אונזערע תפלות וועגען די מלאכים צו זאָגען איז שוין ניט מעהר ווי נאָר „משרתיו שואלים זה לזה: איה מקום כבודו להעריצו?״ פאַרצווייפעלט פרעגען איינער דעם צווייטען די מלאכים, אוואו איז דאָס אָרט, אוואו גאָט'ס כבוד געפינט זיך, זיי זאָלען איהם זייער העכסטען לויב קענען ברענגען.

נאָר דאָס און ניט מעהר.

„דרי מעלה״ און „דרי מטה״ געהען אוים אין בענקעניש „פנים אל פנים״ זייער עקסטאַז צום אַלמעכטיגען שעפּפער אויס־דריקען. עס רייסט זיך אַ קוואַל פון שירה אין די הימלען, די גאָטהייט זאָל אין איהם כאָטש איינעם פון איהרע שטראַהלען טובל'ען.

עס קאָן אָבער ניט דער וואונדער געשעהן.

פאַרהוילען איז גאָט און פאַרהוילען זיינען די וועגען, וואָס פיהרען צו איהם. אַ גאַנצע וועלט געהט אוים פון „כלות הנפש״, פון פיינליכען באַגעהר, די מעגליכקייט „לראות פני אלהים חי״ צו האָבען, דעם אָנבליק פון לעבעדיגען גאָט אָנצוזעהן. די גאַנצע יצירה שטאַרבט פון ליידענשאַפט מיט דעם שעפּפער זיך מתדבק צו זיין. עס וויל דאָס קינד אין די אַפּאַר־טאַמענטען פון פאָטער אַריינקומען, אום זיין נשמה פאַר זיינע פיס אָוועקצו־לעגען אַלס צייכען פון גרויסען דאַנק און גרויסער ליבע, אין וועלכער ער ווערט פאַרצעהרט, ווען ער דערמאָנט דעם נאָמען זיינעם. עס בלייבען אָבער די טויערען פאַרריגעלט. מען קאָן צו איהם ניט צוקומען. אומזיסט די פיינ־ליכע אָנשטרענגונגען פון די וועלטען. דער גרויסער באַגעהר, צו האָבען די מעגליכקייט כאָטש אויף איין מאָמענט זייער אויג אויף דעם אָביעקט פון זייער גרויסער ליבע אָנצושטעלען, מוז אומ־באַפרידיגט בלייבען.

פלאצט דאס הארץ פאר גרויס בענקשאפט. נידערגעשלאגען בלייבען די אלע וועלטען אין גרויס פארצווייפלונג שטעהן. די ניט־באפרידיגטע ליבע ווערט נאך ווילדער, נאך שטארקער. אי־בערפילט ווערט דאס הארץ פון די וועלטען פון דעם גרויסען געזאנג, וואס רייסט זיך פון דארטען צום בורא ארויס. און ניט זייענדיג מעהר אימשטאנד איינצוהאלטען אין זיך דעם גוואלדיגען עקסטאז וואס די גרויסקייט פון גאט רופט ביי זיי ארויס, נעמען זיי זיך מיט זייערע לעצטע כחות און שרייען אלע, די דרי מעלה מיט די דרי מטה אין איין כאר אויס:

ברוך כבוד ה׳ ממקומו.

**געבענשט זאל ער פון זיין ארט זיין. זאל איהם אונזער געזאנג און לויב אוואו ער געפינט זיך דערגרייכען*).**

אט דיזע קאנצעפציאן פון דער גאטהייט איז די דאגמא פאר יעדען אידען געווארען. אט דיזע קאנצעפציאן וועגען גאט האט ער אין די הייליגע תפלות איינגעוועבט.

פריי האט ער געלאזט די פאנטאזיע זיינע צו שפילען זיך מיט דעם הימעל און בויען דארטען פארשיידענע פארבען־רייכע וועלטען. דער „אני־מאמין״ אבער, וואס ער מוז אלע טאג זאגען, די אלע הייליגע תפלות זיינע האבען יעדען עלעמענט, וואס האט אויף איהם דער קלענסטער שאטען פון הגשמה — זאל זיין אפילו נאר לויט דער פארם זיינער — געקאנט פאלען — פון זיך דערווייטערט און האבען איהם אומאויפהערליך דערמאנט, אז ער באדארף אט אויף יענע אלע בילדער־רייכע „רעפארטען״ וועגען הימעל און גאט, מיט וועלכע ער שפייזט די פאנטאזיע זיינע, טאקע ניט מעהר ווי א פאנטאזיע־שפיל באטראכטען.

*) זעה זוהר בראשית אין די חשמטות סימן מ״ו און אין ״חיוט״, נ״ב, דעם פירוש אויף דעם מאמר פון זוהר.

## 6.

ניט נאָר אָבער קאָן מען ניט דורך דער פאָרמיטלונג פון דער קבלה — אפילו פון גאָר דער שפּעטערדיגער צייט — צווישען אידענטום און קריסטענטום קיינע פּאַראַלעלען ציהען, מען קאָן אויך דירעקט אפילו צווישען קריסטענטום און דער אידישער שפּע־טערדיגער קבלה קיינע פּאַראַלעלען ציהען.

וואָרום נאָך אַלעמען האָט אויך די שפּעטערדיגע קבלה, ווי גאָר די ערשטע אידישע מיסטיק נאָר די פרעמדע טערמינאָלאָגיע איבערגענומען, אָבער ניט דעם אינהאַלט זייערען. דער נסיון איז געוועזען צו גרויס, אז נאָך דעם, ווי דיזע אַלע באַגריפען זיינען דורך דעם קריסטענטום באַשאַפען געוואָרען, נאָך דעם, ווי זיי זיינען שוין אַלס אַלטגעזעסענע בירגער אין דער וועלט פון אידעען און באַגריפען פאַררעכענט געוואָרען; דער נסיון איז געוועזען צו גרויס, אז די אידישע קבלה, וועלכע האָט זיך אין דער שטרעבונג איהרער אַלץ מעהרער אויסדרוקס־פאָרמען צו ערווערבען, כדי זי זאָל דורך זיי כאָטש אויף וויפיל עס איז פאַר זיך אַ באַקוועמע לאַנג שאַפען, כדי זי זאָל כאָטש אויף וויפיל עס איז פרייער אומגעהן קאָנען מיט דעם מעטאַפיזישען מאַטעריאַל איהרען, אויף דיזע קריסטליכע באַ־גריפען און פאָרמען אָנגעשטויסען — דער נסיון, זאָג איך, איז צו גרויס געוועזען פאַר דער אידישער קבלה, זי זאָל זיך מיט די דאָזיגע ג ר י י ט ע פאָרמען ניט באַנוצען. זי האָט די רייכע טערמינאָ־לאָגיע איבערגענומען און האָט פון איהר איהר אַלטען אינהאַלט ארויסגעטריבען און האָט אין איהר אַ נייעם און אויסשליסליך אידישען אינהאַלט אריינגעבראַכט. זי האָט פון דעם „קנקן ישן" דעם אַלטען וויין אויסגעגאָסען און האָט אהין נייעם וויין אריינ־געגאָסען. און נאָך זעהר זעלטען זיינען נאָך אין דעם „קנקן ישן" נאָך וועלכע עס איז שפּורען פון אַלטען וויין געבליבען. א ו ן ו ו ע ן ז י ה אָ ט א פ י ל ו ק י י ן „ י י ן ח ד ש"

פאר דעם קנקן ישן ניט געהאט, האט זי אלץ דעם אלטען וויין פון דארטען אויסגעגאסען און האט נאר דעם קנקן אליין פאר זיך געלאזען: אן עבירה א שעהנע כלי ארויסצואווארפען.

די קבלה האט קיינמאל ניט אויפגעהערט דעם דאזיגען גע־דאנק אונטערצושטרייכען. זי האט קיינמאל ניט אויפגעהערט אונטערצושטרייכען, אז די דאזיגע אלע עלעמענטען, וועלכע גע־פינען זיך אין איהר, וואס קאנען אלס הגשמה אויסגעטייטשט ווע־רען, זיינען פאר איהר ניט נאר קיין „גופי־תורה” ניט, נאר אז זיי טארען אויך ניט לויט זייער פשוט'ען „פשוטו של מקרא” פאר־שטאנען ווערען.

דאס אייגענע, וואס איז פארגעקומען מיט דער תורה, איז אויך מיט דער קבלה פארגעקומען. פונקט ווי אויף דער תורה האבען די אידישע פילאזאפישע דענקער פירושים אויף פירושים געשריבען, צו ערקלערען אלע שטעלען אין איהר, וואס קאנען שלעכט אויסגעטייטשט ווערען, אויף אזא אופן, וואס זאלען אין זיך קיין הגשמה ענטהאלטען, אזוי זיינען אויך אויף די קלאסישע קבלה־ספרים פירושים אויף פירושים געשריבען געווארען צו ער־קלערען זיי אזוי, עס זאלען אין זיי קיינע כוונות פון הגשמה ניט קאנען אריינגעבראכט ווערען.

די אידישע שפעטערדיגע קבלה טראץ דעם, וואס זי איז ביל־דער־רייכער געווארען, טראץ דעם, וואס זי האט זיך אפשר מעהר מיט פערזאניפיצירענדער שפראך באנוצט, איז זי דאך אין עצם־עיקר איהרען אויף דעם אייגענעם מעטאפיזישען פילאזאפישען יסוד געשטאנען, אויף וועלכען די גאר־פריהערדיגע אידישע מיס־טיק איז געשטאנען. אין אלגעמיין האט זי זיך אויך די אייגענע צוועקען און ציעלען געשטעלט, וואס אט יענע אידישע מיסטיק האט זיך געשטעלט — אויסצואורבייטען אן איינהייטליך פילאזאפישעם

סיסטעם, אין וועלכען די אידישע רעליגיעזע אנשויאונג זאָל זיין איינגעפּאסט, געפונען אָט יענע פאָרמולאַ פאַר דער אידישער קאָנ־צעפּציאָן וועגען דער גאָטהייט, אין וועלכען דער אידישער מאָנאָ־טעאיזם זאָל זיין שעהנסטען און העכסטען אויסדרוק געפינען.

זי האָט זיך די אייגענע צילען געשטעלט, וואָס אויך די אי־דישע רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע האָט זיך געשטעלט. וואָרום אין איהר שורש־נשמה איז די אידישע קבלה דאָס זעלבע, וואָס די אי־דישע פילאָזאָפיע איז. אין טיפען גרונד זייערען זיינען זיי ניט פאַנאַנדערגעטיילט. טראָץ דעם, וואָס די שפּראַך זייערע איז מאַנ־כעס מאָל שטאַרק פאַרשידען, זענען זיי דאָך פאַראייניגט, קומען זיי דאָך צוזאַמען אין די אויפגאַבען און צילען, וואָס זיי שטעלען זיך און די מסקנות און הנחות, צו וועלכע זיי קומען און פון וועל־כע זיי געהען אַרויס.

ניט איינמאָל קען זיך דיר דאַכטען, ווען דו לערענסט דעם ראב״ד׳ס פירוש אויף דעם „ספר יצירה״, אַז דו האָסט דאָ דעם „מורה נבוכים״ פאַר זיך. נאָר דער „כתר עליון״ און דער „אָדם קדמאה״ צעשטערען פון צייט צו צייט די אילוזיע דיינע און פיהרען דיך פון דיין טרוים אַרויס. ניט אומזיסט געפינסט דו ביי אַ „שומר אמונים״ אָדער ביי ר׳ ברוך קאָסאָווער אויף שריט און טריט פון רמב״ם ציטאַטען. יעדען מאָל, ווען זיי באַדאַרפען עפּעס אַ שטעלע פון „האר״י הקדוש״ ערקלעהרען, מאַכען זיי ווייטע און טיפע עקסקורסיען אין „מורה נבוכים״ און אין די אַנדערע עהנליכע ספרים פון דיזען מין, וואָרום די העברעע אידישע קבלה און די אידישע מעטאַפיזיק געהען צוזאַמען.

יאָ, נאָר יענער טיפער און פילאָזאָפישער עלעמענט זענען עס די גופי־תורה פון דער קבלה, זענען עס אָט יענער אינהאַלט איהרער, אויף וועלכען זי לעגט געוויכט. די אַלע איבעריגע עלעמענטען איהרע הערט זי אַליין ניט אויף אונטערצושטרייכען, אַז זיי זענען ניט מעהר, ווי אָרנאַמענטען, ניט מעהר, ווי בלומען שעהנע, וועל־

כע זענען נאָר אויף אַ מאָמענט פאַר דעם אויג באַשאַפען געוואָרען. זי שטעהט מיט דעם פענזעל איהרען און ברענגט מיט דעם פראַכט־פאָלע וועלטען ארויס. פון צייט צו צייט גיט זי אָבער איבער דעם לייוועגד אַ פיהר און מיט איהר אייגענער האנד פאַרוואַנדעלט זי אין חורבות די אַלע וועלטען שעהנע, וואָס זי האָט צום לעבען ארויסגערופען.

גאַנצע ספרים וואָלט זי געקענט פאַרשרייבען מיט די ידיעות, וועלכע זי האָט וועגען דער „מתיבתא דרקיעא". אַלעס, וואָס געהט דאָרטען אָן, ווייסט זי. ווילסט דו, ווייסט זי דיר צו דער־צעהלען וועגען דעם, ווי די צדיקים זיצען דאָרטען מיט די ש"ס'ען איבער די טישען צוזאַמען און מען האַמפּערט זיך וועגען סוגיות פאַרשידענע, ביז דער רבונו של עולם מוז זיך אריינמישען דעם ריכטיגען פשט צו ערקלערען, מיט זיין וואָרט דעם סכסוך צו ענט־שיידען, זיין פסק ארויסצוטראָגען. ווילסט דו, ווייסט זי אויך, אַז מאַנכעס מאָל געפינט זיך צווישען די צדיקים און קדושים אַ ביטערער יונג, וואָס בלייבט נאָך אַלץ ניט צופרידען. ער וויל בשום אופן אויך זיין אויטאָריטעט ניט אנערקענען. ער פאַרטייטשט אַ געוויסע שטעלע אין „זוהר" און דער „האר"י הקדוש" געהט זיך נאָך אַלץ מיט זיין שיטה, מיט זיין גאַנג. מיט אָפענע אויגען קוקט זי דאָרט און זעהט ווי ר' עקיבא זיצט און פלעכט פון די אותיות פון דער תורה קרוינען פאַר דעם רבונא של עולם.

און ווי עס רודערט זיך אזוי און טומעלט זיך אין אייגען וועלטעל, קומט איינער פון זיי, דער „מדרש שמואל" — פון האר"י הקדוש'ס תלמידים, און זאָגט זיך אָפּ אזוי קורץ און קאַלט:

פאַר וואָס שטעהט ניט „הקדוש ברוך הוא נתן תורה למשה", אַז גאָט האָט געגעבען די תורה צו משה'ן, ווי עס שטעהט אי־בעראַל ווייטער: „ומסרה ליהושע, ויהושע מסרה לזקנים", אָדער זאָל כאָטש שטעהן „משה קבל תורה מהקדוש ברוך הוא" — משה האָט די תורה פון גאָט מקבל געווען —

און ענטפערט זיך אזוי קורץ און שארף. עס שטעהט ניט „הקדוש ברוך הוא נתן תורה למשה" גאר פשוט, ווייל גאט האט משה'ן די תורה ניט געגעבען. ער האט זי אליין גענומען. און דעריבער שטעהט אויך ניט: „משה קבל תורה מהקדוש ברוך הוא", ווייל ער האט זי פון גאט ניט גענומען. גאט האט אויף משה'ן א גרויסען „אור שכלי" משפיע געווען, האט ער מיט דיזען גרויסען כח די תורה משיג געווען.

מיט איין מאך פון דער האנד האט ער, אלזא, ניט נאר די אלע ישיבות אויף דעם הימעל אומגעשטירצט, ניט נאר אין א רויך פארוואנדעלט די אלע קרוינען, וואס ר' עקיבא האט פאר כביכול אויסגעפלאכטען, נאר אויך דאס גאנצע קאפיטעל פון „מתן־תורה" פון דער וועלט אומגעבראכט. מיט איין מאך פון דער האנד האט ער אט יענעם קארדינאלען הויפט־זייל פון אידישען גלויבען אומגעשטירצט. אוים „קולות וברקים", אוים „לוחות", וואס גאט זאל האבען געגעבען משה'ן. ניט משה איז ווען־עס־איז אויפ'ן הימעל געווען — אן עהנליכער געדאנק געפינט זיך אויך אין תלמוד — און ניט גאט האט ווען עס איז אויף דעם בארג סיני אראפגענידערט. אין א מאמענט פון גרויסען עקסטאז האט משה די אידען די תורה געגעבען. אין א מאמענט פון גרויסען רעליגיעזען עקסטאז האבען די אידען פון משה'ן די תורה מקבל געווען.

## 7.

און באדארף מען מעהר, ווי די קבלה אין דער לעצטער אויפ־גאבע איהרער — אין חסידות — האט פאר יעדען איינעם ברייט די טויערען פון הימעל פאנאנדערגעעפענט און מיט די קלענסטע

דעטאלען בילדער אויף בילדער דארטען געוויזען. דער בעל שם־טוב מיט דעם רבונא של עולם האבען זיך דאך ביי איהר טאג־טעגליך מעשה־חבר איבער די פלייצעס געקלאפט. ער איז דאך מעהר אויפ'ן הימעל ווי ביי זיך אין דער היים געוועזן. באדארף מען מעהר קלאר און דייטליך און אויספיהרליך, ווי אט יענער „דין־וחשבון", וואס ער גיט אפ וועגען דער „עלית-נשמה", וואס ער האט אין דעם „ראש השנה" פון תק"ז געהאט. ער האט דארטען גאנץ „שחרית" און „מוסף" פארבראכט. און אלעס, וואס ער האט דארטען געזעהן און געהערט האט ער מיט די אלע „פרטי־פרטים" דערצעהלט, מיט אזא פאלשטענדיגער אויספיהרליכקייט, וואס, אסור, אויב דער אויספיהרליכסטער באריכט פון א קהל'שער אסיפה קען זיך מיט איהם פארגלייכען.

אין מיטען אבער, ווי עס ווערען אט דיזע אלע מעשיות דער־צעהלט, קומט איינער פון זיי, וואס וואלט באדארפט, דאכט זיך, אמשטארקסטען אין דעם אלעם גלויבען, קומט צוגעהן דער ער־שטער אפאסטאל פון חסידות, די רעכטע האנד פון דעם אייגענעם בעל־שם — דער „תולדות", וואס האט מיט אזא ווילדען פאנא־טיזם פאר דעם חסידות געקעמפט, וועלכער האט מיט אזוינע שארפע באק־צייהן אין די מתנגדים זיך איינגעגעסען, און זאגט זיך אפ א מאמר, וועלכער באדארף פאר אונז אונמעגליך מאכען ניט נאר אט יענע אלע מיט ווילדען־אימפעט אין הימעל־פליהענדע פאנטאזיעס צו גלויבען, נאר אויך אין פילע אנדערע, פיל מעהר גלויבליכע.

און דאס — זאגט ער — וואס שטעהט געשריבען אין ש"ם „בכל יום יוצאת בת־קול מהר חורב", אז אלע טאג געהט ארויס א בת־קול פון בארג חורב און רופט אויס און זא ווייטער, איז ניט

---

*) דער מאמר געפינט זיך אויך אין „כתר שם טוב" אין נאמען פון בעל שם אליין.

מעהר ווי על דרך משל. וואָרום, ווער וועט עס זאָגען, אז ער האָט געהערט, ווי מען רופט אוים פון אויבען. און ווען אפילו עס זאָל זיך געפינען ווער, וואָס זאָל זאָגען, אז ער האָט יאָ געהערט — וואו איז דאָס אָט יענער נאַר, וואָס זאָל איהם גלויבען? מיט דעם כרוז אָבער מיינט מען די מחשבות, דעם גערדאַנק. דער מענש האָט יעדען טאָג „הרהורי-תשובה". איז דאָס דער כרוז וואָס קומט פון אויבען. וואָרום עס איז קיין רעדען און קיינע ווערטער פון אויבען פאַרהאַנען. דאָרטען איז דער „עולם-המחשבות", די וועלט פון געדאַנקען, און הערען דעם „כרוז" פון הימעל הייסט, ווען אַ גוטער געדאַנק באַזוכט דעם מענשען.

קיין בת-קול אַלזאָ קען מען קיינמאָל ניט הערען. גאָט'ס שטימע האָט קיינמאָל די ערד ניט דערגרייכט, שוין כל-שכן אז דער בעל-שם קען דעם הימעל ניט דערגרייכען, און די אַלע מעשיות, וואָס ווערען וועגען די „עליות-נשמות" דערצעהלט זענען, הייסט עס, „לא היה ולא נברא", נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. דאָס זענען אַלץ אזוינע מעשיות, וואָס מען באַדאַרף זיך צו זיי טאקע נאַר, ווי צו שעהנע מעשיות באַציהען. זיי זענען נאָר צום הערען, אָבער ניט צום גלויבען.

---

ווי דער לעזער זעהט, אַלזאָ, איז דיזע פּסיכאָלאָגישע מעג-ליכקייט צו יענער צייט, עס זאָל זיך געווען קענען אזא פּערזאָן, ווי יעזוס באַווייזען, מעהר ניט ווי אַ מיט. עס איז דאַן ניט מעהר פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייט דערפאַר געווען, ווי פריהער מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר. פאַרקעהרט, זי איז נאָך דאַן ווייניגער געווען. דורך די מיסטישע באַגריפען, וואָס האָבען זיך דאַן אין דער אידישער רעליגיעזער אַטמאָספערע געטראָגען, איז גאָר ניט געווען עטוואָס אזעלכעס, פון שוים פון וועלכען עס זאָל זיך געווען קענען אַ יעזוס-שלאַנג אויסבריהען. פאַרקעהרט, לויט זייער נאַטור, לויט זייערע טענדענצען, וואָס זיי האָבען אין זיך געטראָגען,

און לויט די צוועקען, וואס זיי האבען זיך געשטעלט, זיינען זיי סם־המות פאר אזא יעזוס־ערשיינונג געוועזן. דער אידישער רייי־נער מאנאטעאיזם איז דורך זיי ניט מיט היידענטום פארפלעקט געווארען, וואס דאס זאל געווען קענען ווייטערע היידנישע אנט־וויקלונג מעגליך מאכען. נאר פארקעהרט. ער איז דורך זיי נאך מעהר געלייטערט געווארען, ער איז דורך זיי נאך צו מעהר ריינ־קייט געקומען — צו דער העכסטער מדרגה פון ריינעם און געליי־טערטען אינהאלט, וואס דאס האט נאך מעהר, ווי ווען עס איז בעפאר זיינע טויערען פאר דעם היידענטום באדארפט געשלאסען האלטען.

עס איז דאן קיין פלאץ געווען, עס זאל זיך דאמאלס א אידי־שער יונגערמאן געפינען, וואס זאל וועגען זיך פאר א אידישען פובליקום ווי וועגען א גאט רעדען, וואס זאל האלטען אין איין דערצעהלען וועגען זיך, אז „ער איז עס די זאלץ פון דער ערד", אז „טויט און לעבען איז ביי איהם אין די הענד", אז ער איז דער בעל־הבית איבער אלעם און אלעם, אז ער האט שוין געלעבט בעפאר אלעם איז געווען, און אויך דאן, ווען קיין זאך וועט שוין מעהר ניט זיין, וועט ער נאך אלץ לעבען און געוועלטיגען". ער האט דאך אזוי פיל גערעדט וועגען דעם, מען זאל אין איהם גלויבען, אזוי, אז דאס גלויבען אין גאט אליין האט שוין גאר איינגאנצען, ווי אן איבעריגע זאך באדארפט באטראכט ווערען. אלענפאלס איז דאס דורך איהם ניט מעהר ווי אויפ'ן צווייטען פלאן גע־שטעלט געווארען. ער האט געטאן פונקט פארקעהרט, ווי די אלע אידישע נביאים האבען געטאן. זיי זענען שטענדיג ווי אין דער זייט געשטאנען. זיי האבען שטענדיג גאט אין פראנט ארויסגע־שטעלט. און האבען זיי אמאל גערעדט וועגען זיך, איז דאס געווען נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זיי האבען דאמאלס גאט פארטראטען, אויף וויפיל זיי זענען דאמאלס מיט גאט'ס ווארט צום אידישען פאלק געקומען. זיי האבען שטענדיג נאר אין גאט'ס

נאָמען גערעדט. זיי האָבען שטענדיג נאָר דאָס גלויבען אין איהם געפּרעדיגט. און אויב זיי האָבען זיך פאר וויכטיג באַטראַכט, איז דאָס נאָר געוועזען אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל גאָט האָט זיי פאר זיינע שלוחים געמאכט.

אַנדערש איז דאָס אָבער מיט איהם.

ער וועגדעט אָן אַלע מעגליכקייטען, ער זאָל קענען אויסקומען אָהן דעם, ער זאָל באַדאַרפען גאָט'ס נאָמען דער־מאָנען. און דערמאָנט ער איהם שוין יאָ — מאכט עס דעם איינדרוק, אַז ער טוט נאָר אויף אַזוי פיל, ער זאָל קענען דורכדעם זיין אייגענעם פּרעסטיזש דערהויבען. ער שטעהט אין פראָנט כסדר. גאָט זעהט שטענדיג ווי אַ זייטיגע פיגור אויס. ער רעדט כסדר אין זיין אייגענעם נאָמען. הערסט דו נביאים וועגען גאָט רעדען, פיהלסט דו שטענדיג, ווי זיי האָבען זיך נאָר אַלס מיטעל באַטראַכט, דורך וועלכען זיין נאָמען זאָל גרויס ווערען. דאַגע־גען אָבער, ווען דו הערסט איהם רעדען וועגען גאָט, איז דאָ נאָט מעהר ניט ווי אַ מיטעל, דורך וועלכען ער וויל זיין אייגע־נעם נאָמען גרויס מאכען. ער איז דער עיקר און גאָט איז דער טפל. ער דולדעט איהם אויף וויפיל ער קען פון איהם אינגאַנצען ניט פּטור ווערען. ער זעהט אין איהם אַ קאָנקורענט זיינעם — אַ קאָנקורענט אָבער, וועלכען מען קען ניט פון מארק אַראָפּטרייבען, פּרובט ער זיך איהם אויסנוצען: זאָל ער מיר פאר אַ שופר דינען, דורך וועלכען מיין גרויסקייט זאָל „אויסגעטרובעט ווערען".

# פינרטע אבטיילונג

דאס קריסטענטום און צוזאמענהאנג מיט
דער משיח-אידעע ביים אידישען פאלק אין
דער צייט פון חורבן בית שני.

## ד.

# דאָס קריסטענטום אין צוזאַמענהאַנג מיט דער משיח־אידעע ביים אידישען פאָלק אין דער צייט פון פאַר חורבן בית שני.

## 1.

געהען מיר איצט איבער פון דער פסיכאָלאָגישער אונמעגליכ־קייט, וואָס איז געווען אין יענער צייט, ווען יעזוס זאָל האָבען געלעבט און געווירקט, אין די אידישע רעליגיעזע באַגריפען און פאָרשטעלונגען וועגען גאָט פאַר אַ יעזוס־ערשיינונג, ווי דער עוואַנגעליום שילדערט אונז — אויף וויפיל מיר מוזען זי ערקלערען אַלס אַזעלכע, וואָס האָט באַדאַרפט אין זיך טראָגען דעקאַדאַנס פאַר דעם ריינעם אידישען מאָנאָטעאיזם, אַלס אַזעלכע, וואָס האָט געמוזט דעם אַנטי־טעזיס זיינער זיין — צו דער פסיכאָלאָגישער אונמעגליכקייט, וואָס די משיח־אידעע, וואָס האָט דאַמאָלס גע־לעבט אין אידישען פאָלק, האָט אין זיך אַנטהאַלטען פאַר אַזאַ ערשיינונג — ווען מיר זאָלען זי אפילו וועלען הויפּטזעכליך נאָר אַלס משיח־ערשיינונג באַטראַכטען און נאָר אַלס אַזעלכע זי נעה־מען אין אונזער שטודיום אין אַנבאַטראַכט.

מען דערצעהלט אונז, אַז דאָס קריסטענטום איז אויף דעם באָדען פון דער אידישער משיח־האָפנונג אויסגעוואַקסען, אַז די משיח־אידעע, וואָס האָט באַהערשט דאַמאָלס די אידישע וועלט,

האט זי צום לעבען ארויסגערופען, אז דער געגארטער אידישער משיח דאמאלס האט יעזוס'ען אויף דער וועלט געבראכט.

נאך א קליינעם אנאליז זעהען מיר אבער איין, אז אויך אין דיזען עלעמענט פון אידענטום צו יענער צייט האט אזא ערשיי־נונג, ווי דאס לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען, ניט געקענט איר־גענד־וועלכען באדען פאר זיך געפינען, אז אויך דא האט די פסי־כאלאגישע סיטואציאן באדארפט א נעגאטיווע זיין פאר אזא ער־שיינונג.

דער גאנצער רייכער קאמפלעקס פון די אידישע האפנונגען, טרוימען און שטרעבונגען, דער גאנצער כאראקטער פון דער קאנ־צעפציאן וועגען דער אידישער גאולה, וואס האט די מוחות פון אידישען פאלק דאמאלס באהערשט, האט ניט נאר ניט געדארפט פיהרען דערצו, אז עס זאל זיך א משיח, ווי יעזוס — אנגענומען אפילו, אז ער זאל האבען געוואלט נאר די ראלע פון א משיח שפילען — דאמאלס ביי די אידען באווייזען, נאר פארקעהרט, האט באדארפט דורכאויס אונמעגליך מאכען דאס ערשיינען פון אזא טיפ משיח — אבסאלוט אונמעגליך מאכען.

מען דערצעהלט אונז אפילו זעהר פיל וועגען דעם, ווי אזוי דער משיח־געדאנק האט זיך ביי אידען אנטוויקעלט, מען דער־צעהלט אפילו זעהר פיל וועגען דעם, אז צו יענער צייט האט שוין דער משיח־געדאנק זיין ענדגילטיגע מיסטישע פארם געהאט אנ־גענומען, אז ער האט זיך שוין דאן פארנומען ניט אזוי פיל מיט דעם גליקליכען לעבען, וואס משיח וועט אויף דער וועלט ברענ־גען, ווי מיט די גליקען, וואס ער וועט האבען פאר אונז אויף יע־נער וועלט אנגעגרייט. מען דערצעהלט אונז אפילו זעהר פיל וועגען דעם, אז דאס ארויסקוקען אויף משיח'ען צו יענער צייט איז שוין מעהר געווען צוליב דעם, וואס מען וועט זיך דאן מיט די טויטע קרובים זעהן, ווי צוליב דעם, וואס מען וועט דאס אידישע פאלק פון פרעמדען יאך זעהן באפרייט דאמאלס. מען דערצעהלט

אונז אויך זעהר פיל וועגען דעם, אז די אידישע משיח־אידעע האט צו יענער צייט ברייט פאנאנדערגעעפענט איהרע נאציאנא־ליסטישע ראמען און האט א גרויסען עלעמענט פון קאסמאפאלי־טישען און אוניווערזאלען כאראקטער אהין ארייגנעמען.

דאס אלעס איז אבער ניט מעהר ווי טעאריען שעהנע. דאס איז זעהר ווייט פון אמת.

דער אמת איז, אז דער אינהאלט, וואס דאס אידישע פאלק האט דאמאלס אין דער משיח־אידעע ארייגעלעגט, האט זיך אין עצם-עיקר זיינעם ניט אונטערשיידעט פיל פון דער זעלבען אינ־האלט, וואס זי האט אין זיך פריהער אנטהאלטען. אין דעם הויפט־אינהאלט איהרען וועט איהר דאמאלס קיינע נייע עלעמענ־טען אזוינע געפינען, וואס זיי זאלען אין איהר פריהער קיין פלאץ נים געווען האבען. דער אמת איז, אז אויך דאמאלס — ריכטי־גער: ערשט דאמאלס — האט זי א שטרענגען און אויסגעשפרא־כענעם נאציאנאל־אידישען כאראקטער געטראגען, אז אויך דא־מאלס איז איהר תמצית־לעבען געווען נאר די ערלייזונג פאר דעם אידישען פאלק צו ברענגען.

דער הויפט־אינהאלט פון דער משיח־אידעע איז שטענדיג געווען דאס שטרעבען, האפען און ווארטען אויף דעם מאמענט, אין וועלכען דאס אידישע פאלק וועט זיין פאלשטענדיגע פאלי־טישע זעלבסטשטענדיגקייט באקומען — באגלייט פון דער האפ-נונג, אז זי וועט שוין ביי איהם קיינמאל ניט אוועקגערויבט ווערען.

און טראץ דעם, וואס דער גלויבען איז געווען, אז דיזען געגארטען מאמענט דארף דעם אידישען פאלק איינער פון זיינע גרוי־סע פערזענליכקייטען ברענגען, אט יענער גרויסער העלד, וואס וועט פון דער באליבטער דינאסטיע „בית דוד” ארויסקומען, איז דאך אפילו אט דיזער פונקט ניט דער עיקר אין משיח־גלויבען געווען. דער עיקר איז געווען דער ערשטער פונקט.

און דעריבער זעהען מיר, אז די אידען האבען באטראכט דעם

מאָמענט פון שיבת גלות־בבל דאַמאָלס, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געקענט פאַר זיך שאַפען אַן אילוזיאָן פון צוריק ערוואָרבע־נער פאָליטישער זעלבסשטענדיגקייט, פון וועלכער זיי וועלען שוין קיינמאָל בארויבט ווערען, אַלס דעם מאָמענט, אין וועלכען זייער משיח־האָפנונג איז רעאַליזירט געוואָרען, טראָץ דעם, וואָס דיזע פאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס זיי זאָלען האָבען גע־ווען ערוואָרבען — ווי זיי האָבען געגלויבט — איז פאַר זיי אָהן אַ אידישען משיח געקומען און פרעמדע הענד האָבען זי פאַר זיי ערוואָרבען. זיי האָבען אין דיזען מאָמענט די רעאַליזירונג פון דער משיח־האָפנונג געזעהן — און אויב זיי האָבען די משיח־קרוין אויף דעם קאָפּ פון אַן אייגענעם, פון איינעם, וואָס איז „מקרב אחיהם" ניט געקענט ארויפלעגען, האָבען זיי מיט איהר די קאָפּ פון אַ פרעמדען באַקרוינט. זיי האָבען זיך גאָר ניט אָפּגעשטעלט דעם גוי „כורש", וואָס האָט פאַר זיי די גאולה געבראַכט, אַלס משיח צו ערקלערען.

און דאָס אייגענע איז געווען פאַר דעם גאַנצען פעריאָד יאָהר־רען פון פאַר דעם „חורבן בית שני". די אידען האָבען אויך דאַן נאָר אַ **פּאָליטישען משיח** געזוכט. אויך דאַן האָ־בען זיי נאָר אַ **אידישען משיח** געזוכט, נאָר **פאַר זיך האָבען זיי דעם משיח געזוכט.**

יעדער איינער, וואָס האָט דאַמאָלס צום קאַמף גערופען און וואָס האָט געוויזען, אַז ער קען האַלטען אַ שווערד אין האַנד, יעדער איינער, וואָס האָט דאַמאָלס אַן אָרגאַניזירטען קאַמף אָנגעפיהרט, האָט אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די אידישע מאַסען געפונען. יעדער איינער, וואָס האָט מיט טאַטען און פאַקטען באַוויזען, אַז ער איז גרייט זיין בלוט צו פאַרגיסען פאַר דער באַפרייאונג פון זיין פאָלק, האָט געקענט דאַמאָלס מחנות גרויסע פון אנהענגער נאָך זיך פיהרען, מחנות פון אָנהענגער, וואָס זאָלען אָבער ניט זיצען און בטל'ענען וועגען „מלכות־שמים" און וועגען אונענדליכע

ליבע צום שונא, וואָס שענדעט און פארניכטעט די טייערסטע היילינקייטען זייערע, נאָר וואָס זאָלען זיך און דעם שונא זייערען אין דעם גרויסען פייער פון זייער ליבע צו זייער לאַנד און פאָלק פארצעהרען. יעדען אזא איינעם האָבען די אידישע מאסען דאַמאָלס, אויב ניט אָלס אידעאַלען ענד־גילטיגען משיח באטראַכט, האָבען זיי אָבער דאָך געקוקט אויף איהם ווי אויף א משיח, וואָס וויל די גאולה פאר זיי ברענגען און זיי באדארפען איהם דעריבער זייער הילף און שטיצע געבען.

ווען מיר לייענען וועגען אלעם דעם, וואָס איז דאַמאָלס אויף דעם באָדען פון ארץ־ישראל פאָרגעקומען, באוואונדערען מיר דאַ־מאָלס ניט די גרויסע גבורות, די וואונדערליכע העלדען־טאַטען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אין יענער צייט ארויסגעוויזען, נאָר אָט יענעם געוואַלדיגען אינערליכען כח, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז דאַמאָלס באזעסען, אָט יענעם געוואַלדיגען כח, וואָס האָט די דאָזיגע גבורות מעגליך געמאכט.

מיט אנטציקונג שטעהען מיר פאר אָט יענער ערשיינונג, ווי אזוי די אונענדליכע צרות, וואָס די אידען זיינען דאַמאָלס אויס־געשטאַנען פון אינווענינ און פון דרויסען, האָבען דאָן אזוי וועניג שליטה געהאַט אויף דעם גייסט פון אידישען פאָלק. אוואו האָט זיך אזא געוואַלדיגער אויסדויער צו זיי גענומען? ווי אזוי זענען זיי דאָך פון פארצווייפלונג באשיצט געבליבען? ווי אזוי זענען זיי דאָך אזוי פעלזענשטאַרק אין זייער קאַמפּס־לוסטיגקייט געבלי־בען? ווי אזוי האָט זיך דאָך דער וואורם פון יאוש, פון אָפּגע־לאָזענקייט און אָפּהענדיגקייט צו זיי ניט אריינגע'גנב'עט? ווי אזוי איז זיי אָט יענעם גיהנום־לעבען דאָך ניט נמאס געוואָרען און האָבען ניט אויף אלעם גאָר אינגאַנצען מיט דער האַנד א מאַך געטאָן? וואָס זענען אָט יענע אלע גבורות און העלדענטאַטען, וואָס זיי האָבען דאַמאָלס ארויסגעוויזען איז פארגלייך מיט דיזע אלע גייסטיגע ריזען־ערשיינונגען?

## 2.

ניין, די אידישע משיח־אידעע האט זיך קיינמאל ניט „אויס־געלעבט" אין דער אלגעמיינער משיח־אידעע. און דאן אודאי ניט. און ניט מיט דעם בלאסען שיין פון פאסיווען גלויבען און מיסטישען טרוימען האט די משיח־האפנונג דאמאלס געלעבט. זי איז אין שטאהל און אייזען געפאנצערט געווען דאמאלס. ביז אין האלז האט זי דאן אין בלוט געשפאנט. און דאס ערשטע, וואס יעדער איינער, וואס האט געוואלט דאמאלס די משיח־קרוין טראַ־גען, האט באדארפט טאן, איז געווען, ער זאל א אידישער — און נאר א אידישער משיח זיין. ער זאל מיט זיין גאולה־בשורה צו ז י י ן פ א ל ק קומען. און האט ראשית־כל געמוזט אליין אין קאמף געהן און אויך אנדערע צום קאמף רופען. ניט אזוי גיך האט דאס אידישע פאלק איינגעשטימט אויף א משיח־אידעע, וואס זאל אן אידעאל פון אייביגען שטרעבען בלייבען, וואס זאל זיין אן אידעאל, וואס קען קיינמאל ניט דערגרייכט ווערען. ניט אזוי גיך האט זיך פארמירט דער באגריף פון אידישען פאלק וועגען דער רעאליזירונג פון זיין משיח־האפנונג ווי וועגען אן אקט, וואס באדארף מיט די אלע קלענסטע דעטאלען זיינע פון גאט אליין אפגעטאן ווערען, אהן וועלכען עס איז אנטייל פון זיין זייט, אזוי, אז אפילו די חורבות פון אלטען ירושלים וועלען ניט מיט זיינע הענד באדארפען צוריק געבויט ווערען: גאט וועט פאר איהם פון הימעל א נייע, פארטיגע ירושלים אראפלאזען. דאמאלס איז נאך די משיח־אידעע מיט פרוכטבארער טעטיגקייט געבענשט געווען. זי איז ווי קיין אנדער פאקטאר אין אידישען לעבען טעטיג געווען. די גאולה איז דאמאלס פאר דעם אידען פון אן אקטועלער באדייטונג געווען. די משיח־אידעע האט פון איהם אקטיוויטעט און טעטיגקייט געפאדערט. ער האט באמת דאן נאך ניט מיט אזוי פיל זיכערהייט, ווי ער טוט עס היינט, אלע טאג דעם „אני

מחכה לו בכל יום שיבוא" וועגען משיח'ן געזאגט. דערפאר האבען זיי „בכל יום" פאר זיין קומען געקעמפט. די משיח־אידעע איז ביי זיי אן אידעע געווען, אין וועלכער זיי האבען א קאנקרעטען אינהאלט אריינגעלעגט, אן אידעאל, וואס זיין דערגרייכונג איז ניט נאר ניט אונמעגליך געווען, נאר אויך ניט זאגאר א זאך פון דער גאר ווייטער צוקונפט.

אמת, אויף וויפיל עס האבען זיך דאן מיסטישע באגריפען אין דער אידישער רעליגיעזער וועלט אריינגעריסען, האט דער גייסט פון יענער צייט א מיסטישען שטעמפעל אויך אויף דער אי־דישער משיח־אידעע ארויפגעלעגט. דאס גלויבען אין משיח פלעגט דאמאלס ווירקליך זעהר אפט אין דער באגלייטונג פון גלוי־בען אין „תחית המתים" און פון ערווארטונג פון „יום נקם ושלם", וואס באדארף קומען, זיך באווייזען. דיזע אלע מאמענטען אבער זיינען סוף־כל־סוף ניט מעהר ווי ביי־מאמענטען אין דער משיח־אידעע געווען. זיי האבען איהר נאר א געוויסע נייע פארבונג, א געוויסען נייעם קאלאריט צוגעגעבען. סוף־כל־סוף איז די הויפט־באדייטונג פון דער משיח־אידעע אויך דאמאלס ניט פון זיי באַ־שטאנען. זי האט זיי ביי זיך נאר אויף אזוי פיל פלאץ געגעבען, אויף וויפיל זיי זאלען ניט קענען פרעטענדירען, איהר הויפט לע־בענס־נערוו צו פאראליזירען, אויף וויפיל זי האט געקענט זיכער זיין, אז זיי וועלען קיין פארזוך מאכען דעם הויפט־אינהאלט איה־רען צו פארטרייבען.

אלע טיילען פון פאלק, אפגעזען דערפון, ווי מאנכע פון זיי האבען זיך די גאולה שלימה פארגעשטעלט, אפגעזעהן דערפון, אין וואס פאר א מיסטישען מאנטעל מאנכע פון זיי האבען די משיח־אידעע איינגעהילט, זיינען אבער דאך פאראיי־ניגט געבליבען אין זייערע שטרעבונגען און האפנונגען, וואס אנ־באלאנגט **דעם נעגענווערטיגען מאמענט**. די אלע ברייטע האריזאנטען, די אלע בילדער־רייכע אילוזיאנען, מיט

וועלכע זיי האָבען זייער פאַנטאַזיע געשפּייזט, האָבען זיי פון רע־
אַלען באָדען ניט אַראָפּגעפיהרט. איז די משיח־אידעע אויך דאָן
געבליבען ביים אידישען פאָלק דער אידעאַל — די פּאָליטישע
זעלבסטשטענדיגקייט פאַר זיך צו ערווערבען, דעם פרעמדען יאָך
פון זיך אַראָפּצואוואַרפען. און ווי גרויס זייער גלויבען איז ניט
געוועזען, אַז ווען גאָט זאָל וועלען וואָלט דיזע שטרעבונג זייערע
רעאַליזירט געוואָרען, אָהנע זיי זאָלען אירגענד־וועלכען קאַמף
דערפאַר אָנפיהרען, איז זיי דאָך גאָר קיינמאָל אויפ'ן געדאַנק
אַרויפגעקומען, זיי זאָלען זיך ווירקליך אויף נסים פאַרלאָזען,
האָבען אַפילו אויף קיין איין מאָמענט ניט געצווייפעלט, אַז דער
וועג, וואָס קען זיי צו זייער באַפרייאונג פיהרען, איז דער וועג
פון בלוט און פייער און אַז, ווי שטענדיג, וועט ער — גאָט —
זיי נאָר אין זייער נויט זיין הילף שיקען. און יעדען מאָמענט,
אין וועלכען עס וואָלט דיזע שטרעבונג זייערע פאַרווירקליכט
געוואָרען, וואָלטען זיי אַלס דעם מאָמענט פון זייער גאולה באַ־
טראַכט, ווען מיר זאָלען אַפילו צוגעבען,
אַז זיי וואָלטען נאָך אַלץ געבליבען וואַרטען אויף נאָך אַ גרע־
סערער גאולה, מעהר פאָלקאָמע, מעהר אוניווערזאַלע, און פון מעהר
מיסטישען כאַראַקטער.

און יעדען איינעם, וואָס דורך איהם וואָלט דער מאָמענט גע־
קומען, וואָס וואָלט דיזע באַפרייאונג פאַר זיי געבראַכט, וואָלטען
זיי אַלס משיח באַטראַכט, ווען מיר זאָלען אַפילו צוגעבען, אַז זיי
וואָלטען איהם אַלץ נאָך ניט אַלס דעם אידעאַלען משיח באַטראַכט,
ווען מיר זאָלען אַפילו צוגעבען, אַז זיי וואָלטען נאָך אַלץ געבליבען
וואַרטען אויף דעם אָנקומען פון אַ מעהר געטליכען, אַ מעהר פאָל־
קאָמענעם משיח.

איך האָב אונטערגעשטראָכען די ווערטער, ווען מיר זאָלען
אַפילו צוגעבען. וואָרום עס איז זעהר מעגליך, אַז די דאָזיגע אַלע
מיסטישע און שווערמערישע עלעמענטען, וואָס האָבען פאַר זיך

פלאץ געפונען אין דער משיח־אידעע צו יענער צייט, איז געווען נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל די רעאליזירונג איהרע איז נאך אן אידעאל געווען. אין דעם מאמענט אבער, וואס איהר הויפט־אינהאלט וואלט דערגרייכט געווארען, וואלט זי זיך פון די בייד־מאמענטען איהרע אינגאנצען באפרייט, וואלט זי אינגאנצען זיי אויפגעגעבען. עס זיינען דער נוית די אויגען גרוים. זי וואלט די גאנצע וועלט וועלען איינשלינגען. באקומט זי אבער דאס, וואס איהר ווירקליך פעהלט, ווערט זי באפרידיגט. זי פארלירט דעמאלט די גרויסע „יצר־הרע"־אויגען איהרע און מיט זיי צוזאמען פארשווינדט אויך איהר גרויסער „אפעטיט". די שטרעבונג, וואס ווייטער זי איז פון ציעל איהרען, אלץ גרעסערע, אלץ מעהר פאנטאסטישע פליגלען פאר־מאגט זי. וואס מעהר אבער זי דערנעהענטערט זיך צום ציעל, אלץ מעהר אונטערגעהאקט ווערען די פאנטאסטישע פליגלען איהרע. א שעהנעם ביישפיל קאנט איהר געפינען אין דער גע־שיכטע פון מאדערנעם ציוניזם. איז געקומען דער יעצטיגער מא־מענט, וואס מען קאן איהם באטראכטען אלס גינסטיג, עס זאלען אין איהם די ציוניסטישע שטרעבונגען און האפנונגען רעאליזירט ווערען, האט דאס אפיציעל ארטאדאקסישע אידענטום — די רבנים — דאך זייער הסכמה געגעבען אויף דעם ציוניזם — דאס, וואס זיי האבען ניט געוואלט טאן, ווען דער ציוניזם האט נאך ניט געהאט די „אנווייזונג", ער זאל זיין שטרעבונג קאנען רע־אליזירען.

ווי די זאך זאל אבער ניט זיין, אויב עס זאל אפילו מעגליך זיין דערלאזען דעם געדאנק, אז אויך נאכדעם, ווי די אידען וואל־טען האבען געזועהן דעמאלט זייער הייסען וואונש — דעם פרעמדען יאך פון זיך אראפווארפען — בדרך הטבע — אין לעבען פאר־ווירקליכט, וואלטען זיי אויך אויף נסים נאך געווארט, וואלטען זיי

נאָך אַלץ ניט דענקען דעמאָלט, אַז דער גאַנצער אינהאַלט פון זייער משיח־האָפנונג איז שוין רעאַליזירט געוואָרען — איז אַלענפאַלס אויך דאָס זיכער, אַז דאָס „וואַרטען אויף נסים" אַליין האָט דאָן קיינמאָל ניט געקאָנט אויפגענומען ווערען פון זיי אַלס דער אויס־שליסליכער אינהאַלט פון דער משיח־אידעע, אַלס דער איינציגער וועג, וואָס באַדאַרף פיהרען צו דער רעאַליזירונג פון איהרע האָפ־נונגען. אויב עס איז אפילו מעגליך צו דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז אפילו אַזאַ איינעם, וואָס וואָלט זיי געוועזען דאָן די געווינשטע גאולה זייערע דורך אָן אָרגאַניזירטען קאַמף ברענגען, וואָלטען זיי נאָך אַלץ אַלס דעם ענדגילטיגען משיח ניט געקאָנט באַטראַכטען, איז אַלענפאַלס אויך דאָס זיכער, אַז עס וואָלט ניט געווען געקאָנט אָנגענומען ווערען פון זיי אַלס משיח אַזאַ איינער, וואָס זאָל גע־ווען פרעטענדירען דעם נאָמען משיח צו טראָגען נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט נסים צו ווייזען.

וואָרום די דאָזיגע אַלע מיסטישע עלעמענטען, וואָס זיינען דאָן אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער משיח־אידעע, זיינען די „נשמה יתירה" פון איהר געווען. דער „בתורת נוסף". ניט שטענדיג אָבער לעבט די נשמה יתירה אין מענשען. נאָר אין די שבת־מאָמענטען לעבט זי אין איהם. און אויך דאָן שעפּט ניט דער גוף זיין עיקר לעבען פון דער נשמה יתירה. זיין עיקר לעבען שעפּט ער אויך דאָן פון דער געוועהנליכער, פון דער אַל־טעגליכער נשמה. נאָר דעם „תוספות חיים" זיינעם שעפּט ער פון דער נשמה יתירה.

דער הייסער וואונש דאָן, מען זאָל זעהן פון זיך דעם פרעמ־דען יאָך אַראָפּגעוואָרפען, האָט אַלע אידען פאַראייניגט און האָט די ברייטע אידישע מאַסען אין קאַמף געטריבען.

אפילו די איסיים זיינען כלל ניט גלייכגילטיג, ווי עס קאָן זיך פון אויבען־אויף דאַכטען, צום קאַמף פון אידישען פאָלק געווען. זייער פאַרצווייפלונג איז נאָר גרעסער געווען. דער מיסטישער

טאָן אין זייער קאָנצעפּציאָן וועגען משיח האָט זיך נאָך שטאַרקער געפּיהלט. די אידישע צרות האָבען זיי נאָך מעהר טרוימעריש געמאַכט. דאָס אַלעס האָט אָבער בשום אופן ניט געפיהרט דערצו, אַז זיי זאָלען דעם גאַנצען קאַמף פאַר דער אידישער באַפרייאונג ניט אַלס זייער קאַמף באַטראַכטען. אפילו אין די רייהען פון די קנאים, די זעאַליטען, די פאַנטאַסטישע קעמפער פאַר דער אידישער באַפרייאונג דעמאָלט, זיינען זיי שטאַרק פאַרטראָטען געווען. נאָך מעהר. הויפּטזעכליך זיינען עס — לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען — די קנאים פון די רייהען פון די איסיים ערוואָרבען געוואָרען.

און אפילו אַזאַ פערזענליכקייט, ווי רבן יוחנן בן זכאי, דורך וועמען אַלע אונזערע קולטוריסטען און נאַציאָנלאָזע גלויבענס־גענאָסען בטלנ׳ען אַלע זייערע וויסטע און פוסטע חלומות אויס וועגען אידישען גייסט און וועגען דער אידישער מיסיאָן, אפילו ער און די עהנליכע צו איהם האָבען *מיט זייער אינסטינקט דעם באַפרייאונגס־קאַמף מיטגעקעמפט* און האָבען אין זיין ענדליכען זיעג געגלויבט, טראָץ דעם, *וואָס זייער פאַרשטאַנד האָט זיי נעצוואונגען דעם גאַנצען קאַמף אַלס אַ פאַרלאָרענעם באַטראַכטען.* דיזער אינסטינקט האָט איהם — רבן יוחנן בן זכאי — קיין יבנה פאַרפאָלגט און שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיין גאַנצער דאָרטיגער טעטיגקייט. ביי יעדער תקנה, וואָס ער האָט דאָרטען ארויסגעגעבען, האָט פאַר איהם די האָפנונג געשוועבט, אַז דער אידישער קאַמף וועט זיך נאָך מיט אַ זיעג פאַרענדיגען. זי איז איהם שטענדיג פאַר די אויגען געשטאַנען און *לויט דעם גייסט פון דיזער האָפנונג האָט ער די תקנות מתקן געווען.* ער האָט מיט אַלע כחות געשטרעבט דערצו, אַז דאָס גאַנצע פּראַקטישע רעליגיעזע סיסטעם פון אידישען פאָלק זאָל ניט

געענדערט ווערען, זאָל ניט זיין פארשידען פון דעם פראקטישען רעליגיעזען סיסטעם אין דער צייט, ווען דער בית־המקדש האָט עקזיסטירט, כדי מען זאָל ניט באדארפען ענדערען נאָך אמאָל, ווען „גאָט וועט העלפען און מיר וועלען איבער א יאָהר נאָך אמאָל דעם בית־המקדש האָבען אויפגעבויט". ווארום דאָס וואָלט צור־טומעלט די אידישע מאסען. זיי וואָלטען דאָן זאָגען: „פאר־איאָהרען האָט מען ניט אזוי געטאָן". יעדען מאָל, ווען עס קומט איהם אוים אין תלמוד זיין מיינונג צו באגרינדען, אָפּערירט ער מיט דעם מאָטיוו „שמא יבנה המקדש". אויף אזוי פיל האָט ער נאָך די „גאולה" בחוש געזעהן, אז עס איז ביי איהם רעכט געווען צו גלויבען, אז ניט מעהר, מעגליך, ווי איין יאָהר גאנג איז צו איהר. אויף אזוי פיל האָט ער נאָך דעם פאקט פון אידישען גלות ניט געוואָלט אנערקענען, אויף אזוי פיל האָט ער אויך אפילו ניט געוואָלט שלום שליסען מיט איהם. אויף אזוי פיל האָט נאָך אויך אין איהם די האָפנונג אויף דער אידישער באפרייאונג געלעבט.

.3

אויסער דעם אלעם מוז אָבער אויך דאָס באמערקט ווערען, אז אויך אפילו אָט יענע אלע זייטיגע מאָמענטען זיינען ניט גאָר אינגאנצען נייע מאָטיווען אין איהר געווען. אלענפאלס זיינען זיי ניי נאָר אין זייער אויסגעשפּראָכענער פאָרם געווען, אָבער ניט אין זייער אינהאלט. מיסטישע אהנונגען געפינט איהר שוין נאָך פריהער אין דער משיח־אידעע. נאָך אין די גאָר ערשטע צייטען ווערט שוין דער משיח־פעריאָד אלס „יום הגדול והנורא", אלס „יום נקם ושלם", אלס דער טאָג, וועגען וועלכען גאָט זאָגט: „הנני נשפט באש עם כל הגויים" — געשילדערט. שוין מיט פילע פעריאָדען יאָהרען פריהער איז שוין די פאָרשטעלונג וועגען משיח'ן ניט נאָר ווי וועגען א גרויסער קעמפער, א גרויסער העלד געווען, נאָך אויך ווי וועגען דעם „אדם השלם", וועלכען גאָט האָט מיט

אַלע גוטע מעלות געבענשט. זי האָט אויך שטענדיג דעם אוני־ווערזאַלען כאַראַקטער געטראָגען. שוין דער ערשטער ישעיהו רעדט וועגען משיח'ן, ווי וועגען דעם יעניגען, וואָס וועט ברענגען דאָס גליק ניט נאָר פאַר דעם אידישען פאָלק אליין, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער מענשהייט. שוין דער ערשטער ישעיהו רעדט וועגען דער פאַרבריִדערונג פון די פעלקער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אידישער גאולה.

אפילו אין דיזער הינזיכט, אַלזאָ, קאָן מען בכלל ניט מיט אַזוינע שאַרפע ליניען אָפּגרענעצען די פאַרשיידענע פאַזען פון אַנטוויקלונג פון דער משיח־אידעע ביי אידען ביז אַ גרויסען פּעריאָד יאָהרען נאָך דעם צווייטען חורבן. די משיח־אידעע ביי אידען איז, ווי איך האָב שוין פריהער אָנגעוויזען, כמעט שטענדיג פון צוויי נשמות באַשטאַנען, פון אַ נשמה יתירה, וואָס האָט זיך נאָר פון צייט צו צייט, אין אַ מאָמענט פון „גדלות המוחין" מיט איהר גייסט אָנגעהויבט און פון אַ געוועהנליכער אַל־טעגליכער נשמה, וועלכע האָט זי אין דעם מאָמענט אפילו פון „כנות עליה הרוח" ניט פאַרלאָזען. די נשמה יתירה איז געווען אוניווערזאַל און קאָסמאָפּאָליטיש, טרוימיש און פּאַסיוו, דעמאָלט, ווען די לעצטע איז געווען נאַציאָנאַליסטיש און רעאַל, אויסשליסליך אי־דיש און אַקטיוו.

וואו איז אָבער די פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייט געווען אין יענער צייט, ווען די אידען האָבען נאָר משיחים געזוכט און באַ־דאַרפט, אָבער ניט קיין געטער, עס זאָל זיך דאָן אַזאַ משיח־גאָט, ווי יעזוס, באַווייזען? וואו איז פּלאַץ געווען אין אידישען לעבען דעמאָלט, ווען די משיח־אידעע איז אין אַזוינע אויסשליסליך אידישע ראַמען איינגעפּאַסט געווען, ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט אויף **זיין** משיח געוואַרט און אַזוי ליידענשאַפט־ליך אויף **אידישער** גאולה אַרויסגעקוקט פאַר אַ משיח, ווי יעזוס, וואָס זאָל מיט אַזוינע פיינע אַבזיכטען פאַר

דער גאַנצער מענשהייט אַרויסטרעטען, וואָס זאָל די ראָלע פון אַן אַלמענשליכען ערלעזער וועלען שפּילען? אוואו איז ווידער די פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייט געווען צו יענער צייט, אַז דער קאָנקרעטער און ממשות'דיגער אינהאַלט, וואָס דער באַגריף גאולה האָט ענטהאַלטען אין זיך דעמאָלט, זאָל פון אַ אידישען משיח אויף אַזאַ פּאַסיווען און מיסטישען אינהאַלט פּאַרביטען ווערען? אַז אַנשטאָט צו רעדען וועגען ערדיש גליק צו דער מענשהייט, זאָל ער איהר גאָר דאָס „טעלערעל פון הימעל" דערלאַנגען? אַנשטאָט צו וועלען פּאַרזאָרגען די מענשען מיט סאָציאַלער גערעכטיגקייט און מיט בעסערע לעבענס־פאָרמען, זאָל ער גאָר וועלען פּאַרזאָרגען זיי מיט אַ חלק אין „הימעל־רייך". אוואו איז ענדליך די פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייט געווען דעמאָלט פאַר אָט יענער הונדערט מאָל הונדערט פּראָצענט ניט־אידישער קאָנצעפּציאָן, פאַר אָט יענער דורך און דורך היידנישער קאָנצעפּציאָן וועגען דעם, ווי אַזוי די ערלייזונג פון דער מענשהייט קאָן און באַדאַרף קומען: ניט דורך דעם, וואָס די „חוטאים" און „חטאים" זאָלען באַקעמפּט ווערען, דורך דעם, וואָס דאָס שלעכטע און די שלעכטע זאָלען אויסגעראָטען ווערען, קאָן די מענשהייט אויסגעלייזט ווערען, נאָר דורך דעם, וואָס עס זאָל נאָך אַ גוואַלדיגער פּאַרברעכען — דער גרעסטער פּאַרברעכען, וואָס מיר קאָנען זיך פּאָרשטעלען — באַגאַנגען ווערען. נאָר דורך דעם, וואָס דאָס אומשולדיגע בלוט פון משיח וועט פאַרגאָסען ווערען. ווי אַזוי האָט זיך צו יענער צייט אַזאַ „מאָדנע" קאָנצעפּציאָן ביי אַ אידישען יונגען מאַן געקאָנט בילדען וועגען דעם, ווי אַזוי די אַל־מענשליכע גאולה באַדאַרף קומען? ווי אַזוי האָט ער זיך צו אָט יענע פּאַרברעכערישע וועגען, צו אָט יענעם „בלוטיגען" מיטעל געקאָנט דערטראַכטען?

## 4.

אמת, אייניגע פארשער פון קריסטענטום פרובען זיך איינ־טיילען די טעטיגקייט פון יעזוס'ען אין צוויי באזונדערע פעריאָדען. אין איין פעריאָד יאָהרען, אין ערשטען, זאָל ער האָבען געלעבט און געווירקט נאָר אלס אידישער משיח, און ערשט נאָכדעם, וואָס ער איז גאנצע צוואנציג יאָהר אלס אידישער משיח אין דינסט געשטאנען, האָט ער די ראָלע פון א גאָט, פון אן אלמענשליכען ערלייזער, אָנגעהויבען צו שפּילען. ערשט דאן איז ער אלס אוני־ווערזאלער משיח ארויסגעטראָטען.

דער אמת איז אָבער ,אז אויב יעזוס איז געווען אויף אזוי פיל גוט און וואויל און האָט זיך קרייציגען געלאָזט, לאָזט ער זיך אָבער בשום אופן ניט אויף דער העלפט צושניידען. דו קענסט בשום אופן ניט מיט קיינע שארפע — אָדער ניט קיין שארפע זאָגאר — ליניען אָפּגרעניצען איין פעריאָד יאָהרען פון זיין טעטיגקייט פון דעם צווייטען פעריאָד. דו קענסט ניט איינטיילען זיין לע־בען און ווירקען אין צוויי באזונדערע טיילען. ווי ווייט ער ווערט געשילדערט אין עוואנגעליום, זעהען מיר ניט איין די מעגליכ־קייט, מיר זאָלען איהם קענען צושרייבען א גרויסען רעוואָלו־ציאָנערען קריזיס אין זיין לעבען, מיר זאָלען קענען אָננעהמען, אז אין איין העלפט פון זיין לעבען זאָל ער פון גאָר אנדערע שטרעבונ־גען און חלומות, אידעען און געדאנקען באהערשט געווען זיין, ווי ער איז געווען אין דער צווייטער העלפט. עס זעהט זיך בשום אופן ניט די מעגליכקייט, מיר זאָלען קענען אָננעהמען די מיינונג, אז די געטליכקייט, וואָס ער האָט זיך צוגעשריבען, איז א פּראָדוקט פון א רעאלען באָדען, אויף וועלכער ער זאָל האָבען געווען פריהער געשטאנען, אז די הימעל־פליהערייַ זיינע איז א צווייטער עטאַפּ אין זיין טעטיגקייט געווען, אז פריהער זאָל ער האָבען געווען זיין טעטיגקייט אין ענגע ראַמען איינגעפּאַסט. איין טאָן, איין גייסט

הערשט אין די אלע געטליכע עפּיטעטען זיינע, מיט וועלכע ער האָט זיך מיט אזא פרייער האנד מזכה געווען. אין זיין אַרט רעדען און האלטען זיך איז כמעט גאָר קיין אונטערשיד ניטאָ צווי־שען גאָר די ערשטע טעג פון זיין טעטיגקייט און צווישען גאָר די לעצטע. שוין גאָר אין די ערשטע יאָהרען האָט ער מעהר גע־רעדט וועגען דעם, וואָס ער איז, ווי וועגען דעם, וואָס ער האָט צו טאָן. שוין אין די ערשטע יאָהרען האָט ער מעהר גערעדט ווי געטאָן. שוין אין די ערשטע יאָהרען האָט געטראָגען זיין פאָר־שטעלונג וועגען זיך, ווי וועגען אַ ערלייזער, אָט יענעם קאָסמאָ־פּאָליטישען און אוניווערזאַלען כאַראַקטער, וואָס מען הייסט אונז נאָר אין די לעצטע יאָהרען פון זיין טעטיגקייט זעהן. די ווידער־שפּרוכען, וואָס מיר געפינען דאָ און דאָרט אין דער שילדערונג, וואָס דער עוואַנגעליום גיט אונז וועגען איהם, זענען ניט פון אזא כאַ־ראַקטער, מיר זאָלען קענען דורכדעם זיין לעבען אויף צוויי באַזונ־דערע טיילען שפּאַלטען. ז י י צ י ה ע ן ז י ך א י ב ע ר ד ע ם ג א נ צ ע ן ל ע ב ע ן ז י י נ ע ם.

אין דעם זעלבען מאָמענט, וואָס ער האָט געזאָגט, כי „לא נכון לקחת את לחם הבנים ולהשליכו לפני הכלבים“, אז עס איז ניט רעכט צונעהמען דעם ברויט פון די קינדער און וואַרפען איהם פאַר די הינט — אין זעלבען מאָמענט האָט ער אליין זיינע דינסטע אַנגעבאָטען דער „שומרונית“, ער זאָל איהר אייביג לעבען שענקען, ער זאָל איהר לאָזען „פון קוואַל, פון וועלכען עס פליסט די לעבע־דיגע, פרישע וואַסער — אַרויסטרינקען“, אין דעם זעלבען מאָ־מענט האָט ער אויך גוואַלדיגע „התפעלות“ באַקומען, ווען עפּעס אַ שטיקעל רוימישער באַאַמטער האָט זיין גלויבען אין איהם אויס־געדריקט. דאָס האָט איהם אין אזא התפעלות אַריינגעבראַכט, אַז ער האָט שוין פאַר זיך דאָס בילד געזעהן, ווי פון אלע זייטען קומען די פ ר ע מ ד ע און זיצען ביי איין טיש מיט די אי־

דישע אבות אין הימעל־רייך. עס האָט אויף אזוי פיל זיין אייגען־ליבע געקיצעלט, אז ער איז גרייט געווען שוין אוי'ף דעם מאָמענט די העכסטע פרייז פאר דעם קאָמפּלימענט באַצאָהלען — פון זיין אייגען פאָלק זיך אָפּזאָגען. דער אידישער משיח, וואָס מיט איין מאָמענט, פריהער אָדער שפּעטער, האָט דעם ברויט פון די קינ־דער די הינט ניט געוואָלט אוועקגעבען, זאָגט דאָרטען אין דער אייגענער שטעלע, אוואו ער האָט פאר א קאָמפּלימענט די גאַנצע הימעל־רייך די גויים אוועקגעגעבען, פאָלגענדעס וועגען די אידען: „די בני־המלכות — די אידען — וועלען אין חושך פארוואָרפען ווערען. עס וועט דאָרטען א געוויין זיין און א צייהן־קריצעניש". און אפילו דער אינצידענט מיט דער „אשה כנענית" מאכט אויך דעם איינדרוק, אז עס איז איהם מעהר אין כבוד געגאַנגען, ווי אין דעם, ער זאָל ווירקליך געווען באַטראַכטען דאָס העלפען איהר, ווי א זאַך, וואָס שטימט ניט מיט זיין מיסיאָן, וואָס ער האָט זיך אין לעבען צוגעשריבען. נאָר דערפאר, וואָס זי האָט איהם אין אָנ־הויב מיט ווייניג עפּיטעטען טיטולירט, האָט זי פון איהם דאָן א שווארצען סוף געבאַפט. א סימן, אז שפּעטער, נאָכדעם, וואָס זי איז צו איהם שטארק צוגעשטאַנען און האָט אין איהם א שעהנע פּאָרציע חניפה אריינגערעדט, איז ער טאַקי בעסער און ווייכער געוואָרען, און האָט פאר איהר געטאָן דאָס, וואָס ער האָט פריהער ניט געוואָלט טאָן.

נאָך מעהר:

טראַכסט דו זיך גוט איין אין עוואַנגעליום, זעהסט דו, אז די גאַנצע ווענדונג, וואָס פּאול זאָל האָבען געגעבען דאָס קריס־טענטום, ליגט שוין איינגעוויקעלט נאָך מעהר, ווי נאָר אלס אן עמבריאָ אליין, אין יעזוס' פּרעדיגען פון גאָר דער ערשטער צייט. דער גאַנצער האַס צום אידענטום, דער וואונש אינגאַנצען זיך אָפּצו־פרעמדען פון אידישען גלויבען און אויף די חורבות פון אידענטום

א נייעם בנין אויפצושטעלען, וואס געפינט זיך אין פאוליזם — ליגען שוין די קערענדלאך פון דעם אלעם אין זיינע מערקוויר־דיגע שטארקע און שעהנע שטעלען—אין די זייטען 82־81־80 פון עוואנגעליום און נאך אין אנדערע פלעצער—אוואו ער טענה'ט זיך מיט די פרושים אוים און וואו גלייכצייטיג מיט דיזען גיפט און גאל ערקלערט ער זיך אין ליבע און לאיאליטעט — אינטערע־סאנט איז, וואס די איינלייטונג צו אט יענע גיפטיגע שטעלען איז אויך א ליבע־ערקלערונג צו די פרושים. און עס מאכט א מאדנעם קאמישען איינדרוק, ווען דו געהסט פון דיזער ליבעס־ערקלערונג צו די וויטערדיגע שטעלען איבער. עס דינט דיר נאר אלס אן איבעריגער ביישפיל פון דער צביעות און פאלשקייט, מיט וועלכע דער עוואנגעליום איז דורך און דורך פול — צו די פרושים און פארזיכערט, אז ער איז ניט געקומען חלילה מבטל זיין אפילו איין אות פון תורת־משה אדער פון די פרושים.

אלענפאלס טראגען מעהר אויף זיך אט יענע אלע ווידער־שפרוכען, וואס געפינען זיך אין עוואנגעליום א כאראקטער פון מאמענט קאפריזען, פון פארבייגעהענדע שטימונגען, ווי א כאראק־טער פון רעוואלוציאן, פון א טיפער זעעלען־קריזיס, פון נשמה־בריקען, וואס פיהרען פון איין וועלט אין א צווייטער איבער. די אלע ווידערשפרוכען זענען גענוג דערויף, מיר זאלען איינזעהן, אויף ווי ווייט די שרייבער און צוזאמענשטעלער פון עוואנגעליום זענען ניט אייניג געווען אין זייער אויפפאסונג וועגען דעם לעגענ־דארישען יעזוס — אדער נאך ריכטיגער — ווי ווייט זיי זיינען ניט אייניג געווען אין דעם, וואס פאר א בילד מען באדארף וועגען דעם לעגענדארען יעזוס געבען, עס זאל וואס מעהר פראפיט פאר די אינטערעסען פון דער קירכע ברענגען, עס זאל וואס מעהר שאנ־סען פאר דער פארשפרייטונג פון קריסטענטום אין זיך אנטהאל־טען. דאס באווייזט נאר, ווי ווייט שווער עס איז זיי געווען צור־

זאמענצושטעלען א פאלקאם בעמישע צוזאמענמישונג פון אט יענע אלע פארבען, מיט וועלכע זיי האבען באטראכט פאר נויט־ווענדיג דאס בילד פון גרינדער פון קריסטענטום צו מאלען. זיי האבען דעם פילפארביגען מאטעריאל ניט געקאנט באהער־שען — אין א פלאסטישער פארם איהם אויסצוגיסען. עס איז אונגעלונגענע מאזאאיק ארויסגעקומען. זיי זיינען אבער ניט גענוג, מיר זאלען אין זיי זעהען א באווייז, אז עס זיינען צוויי יעזוס׳ען אין איינעם אין באזונדערע צייטען געווען. זיי זיינען אבער ניט גענוג, מיר זאלען זיי פאלשטענדיג קענען אין צוויי באזונדערגעהענדע גרופען סארטירען און אלס צוויי באזונ־דערע איינהאלטען פון צוויי פארשידענע פעריאדען אין דעם לעבען פון יעזוס׳ען צו ערקלערען.

## 5.

ניין. די דאזיגע מיינונג קען קיין גרונד ניט האבען. באזונדערס, ווען דו נעהמסט נאך אין אנבאטראכט די באהויפטונג, וואס זי אליין מאכט — און מוז זי מאכען — אז דער ערשטער פעריאד יאהרען האט צוואנציג יאהר געדויערט. צוואנציג יאהר אידישער משיח — וואלטען זיך די שפורען פון דיזען משיח־פעריאד שטארק געמוזט פיהלען אין עוואנגעליום. ווי זיי זאלען זיך ניט געוועזען מיהען צו שילדערען יעזוס׳ען מעהר אלס מענשליכען ערלייזער, ווי אלס אידישען ערלייזער, ווי זיי זאלען ניט געוועזען באזערשט זיין פון דער טענדענץ מעהר דעם אלגעמיינעם משיח אין איהם קלאר ארויסצוברענגען, ווי דעם אידישען משיח — האבען צוואנציג יאהר לעבען און ווירקען אלס אידישער משיח א גוואלדיגען שטעמפעל אויף דעם עוואנגעליום באדארפט געוועזען ארויפלעגען.

אין אמת'ען אָבער, וואָס האָבען מיר אַזעלכעס אין עוואַנגעליום וועגען יעזוס'ען אַלס אַ אידישען משיח, וואָס זאָל אונז צווינגען גאָר אין גאַנצען, אַז מיר זאָלען פאַר זיך אַ מיינונג בילדען, אַז ער האָט אפילו, ווען עס איז און אויף וויפיל עס איז די ראָלע פון אַ אידישען משיח געשפּילט.

יעזוס אַליין רעדט דאָרטען קיינמאָל ניט אין אַזאַ שפּראַך, דורך וועלכער מיר זאָלען זעהן, אַז ער האָט טאַקע ווירקליך ווען עס איז, ווי אויף אַן אויסשליסליך אידישען משיח געקוקט אויף זיך. דאָ און דאָרט געפינען מיר איהם נאָך מיט אַ רמז אָנדייטען דערויף, אַז ער באַטראַכט זיך אַלס דער משיח, וואָס באַדאַרף פאַר דעם אידישען פאָלק זיין געגאַרטע גאולה ברענגען — און אויך דאַן געהט די אידישע גאולה צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער. די שרייבער און צוזאַמענשטעלער גיבען אונז סתם באַהויפּטונגען וועגען דעם, אַז יעזוס איז עס געווען דער משיח, וואָס גאָט האָט די אידען צוגעזאָגט, און געבען אונז ניט קיין אינהאַלט אַזעלכען, וואָס זאָל מוזען ארויפצווינגען אויף אונז די מיינונג, אַז יעזוס האָט טאַקי ווירקליך ווען עס איז די ראָלע געשפּילט. יעזוס אַלס אידישער משיח ווערט דאָרטען ניט אין דער אילוסטראַציאָן פון אירגענד־וועלכע רעאַלע בילדער פאָרגעשטעלט. און באַרעכענט נאָר. איין יאָהר בסך־הכל — העכסטענס צוויי אָדער דריי יאָהר — איז יעזוס אַן אוניווערסאַלער משיח געווען — איז מיט דיזער ראָלע זיינער איז דער גאַנצער עוואַנגעליום פול און לעזטו דעם עוואַנגעליום אויפמערקזאַם, מוזטו קומען צום באַשלוס, אַז אויב עס איז בכלל אַזאַ יעזוס טעטיג געווען, האָט געמוזט זיין טעטיגקייט זיין אין דער ריכטונג, די מענשען פון זיין דור זאָלען איהם אַלס דערלייזער פון דער גאַנצער מענשהייט באַטראַכטען. עס געפינט זיך אָבער דאָרטען גאָר קיין אינהאַלט אַזעלכער, וואָס איהר זאָלט איהם קענען צופּאַסען צו אַ יעזוס, וואָס זאָל האָבען זיין טעטיגקייט

געפיהרט אין דער ריכטונג, אז דאָס אידישע פאָלק זאָל איהם אלס משיח דערקלערען. אויף וויפיל מיר האָבען דאָרטען מאַ־טעריאל וועגען יעזוס'ען אלס אידישען משיח, איז דאָס נאָר גענוג דערויף, מיר זאָלען קענען קומען צו דער איבערצייגונג, אז זיי — די פאָרשטעהער פון קריסטענטום — האָבען עס דורכאויס נויט־ווענדיג פאר זייערע צוועקען באטראכט, איינצופלאנצען דעם גלויבען אין זייערע אנהענגער, אז מיט דער יעזוס־ערשיינונג זיינען מקוים געוואָרען אויך די נבואות פון די אידישע נביאים וועגען דאָס קומען פון דעם משיח. זיי זיינען אָבער ניט גענוג דערויף — אונז מאכען צו גלויבען, אז יעזוס — אין פאל אפילו ער זאָל האָבען געלעבט — זאָל ווירקליך געוועז האָבען די ראָלע פון א אידישען משיח געשפילט — און נאָך גאַנצע צוואנציג יאָהר דערצו. זיי האָבען נאָר דעם אויסדרוק — אידישער משיח — באדארפט. האָבען זיי איהם גענומען. פאר דעם אינהאַלט אָבער — ניט האָבען זיי זיך וועגען איהם געקימערט און ניט האָבען זיי געקענט צוטראכטען אזעלכען, וועלכער זאָל אין זיך קיין חורבן אנטהאל־טען פאר די הויפט־צוועקען, וואָס זיי האָבען פאַרפאָלגט, וועלכער זאָל אין קיין קאָנפליקט ניט שטעהן מיט די טענדענצען, פון וועלכע זיי זיינען באהערשט געווען, ריידענדיג וועגען יעזוס'ען.

6.

דאָ קומען מיר אָבער צו דעם זעלבען פונקט פון אן אנדער זייט.

לאָמיר זיך שוין מיט דעם עוואנגעליום ניט רעכענען. לאָמיר שוין יאָ פרובען יעזוס'ען אויף דער העלפט צושניידען. לאָמיר יאָ פרובען זיין טעטיגקייט אין צוויי באזונדערע פעריאָדען איינ־טיילען. לאָמיר שוין אננעהמען, אז אין פרינציפ קען יאָ אָנגע־נומען ווערען די מיינונג, אז עס איז אין זיין לעבען און ווירקען אן ערשטער פעריאָד געווען, אין וועלכען ער האָט זיך אויסשליס־

ליך אלס אידישער משיח באטראכט, אין וועלכען ער האט נאר די ראלע פון א אידישען גואל געשפילט און א צווייטער פעריאד, ווען ער האט די קרוין פון אן אוניווערסאלען משיח אויף זיין קאפ געלעגט, ווען ער האט זיך אלס דער ערלייזער פון דער גאנצער מענשהייט ערקלערט. אין דעם מאמענט אבער, ווען מיר געהען איבער צו באשעפטיגען זיך מיט דעם אנאליז וועגען דעם אינ־האלט, וואס דיזע מיינונג מוז די צוואנציג יאהר פון זיין משיח טעטיגקייט צושרייבען, ווערט זי ווידזנר אמאל ווי רויך פאר־שוואונדען.

צי דער מאטעריאל איז יא דא אדער ניטא אין עוואנגעליאום, מוזען מיר דאך פארט א געוויסען אינהאלט צושרייבען אט דיזע צוואנציג יאהר פון זיין משיח'יזם, אזא אינהאלט וואס זאל זיין צו יענער צייט צוגעפאסט, אזא אינהאלט, וואס זאל אונז ווייזען, אז אויך ער האט זיך די גאנצע צוואנציג יאהר אויפגעפיהרט, ווי די אלע אנדערע, וואס האבען פרעטענדירט די ערלעזער פון אי־דישען פאלק צו זיין — אבגעזעהן דערפון, צי זיי האבען יא פרעטענדירט אדער ניט פרעטענדירט אויף דעם נאמען משיח. ליידער קענען מיר דאס אבער ניט טאן איבער פארשיידענע פילע און וויכטיגע טעמים, איינער פון וועלכע איז אויך דאס, וואס עס וואלט ערשט דאן דער צווייטער פעריאד פון זיין טעטיגקייט פסיכאלאגיש אבסאלוט אונמעגליך געווען. צי מיר ווילען, צי מיר ווילען ניט, מוזען מיר אננעהמען די מיינונג, אז סיי ווי איז ער קיין גרויסער קעמפער ניט געווען. אפילו די, וואס שענקען איהם צוואנציג יאהר טעטיגקייט אלס אידישער משיח, גיבען צו, אז ניט ער אליין האט געקעמפט און ניט ער האט אנדערע צום קאמף גערופען. בארעכענט־זשע אבער, וואס דאס הייסט. עס איז גרינג צו זאגען, אז יעזוס האט צוואנציג יאהר די ראלע פון א אידישען משיח געשפילט. מען [illegible] דאך אבער פארט אין דיזע

צוואנציג יאָהר א געוויסען אינהאלט אריינלעגען. אויסער אָבער אָט יענעם אינהאלטסלאָזען אינהאלט, וואָס געפינט זיך בכלל וועגען זיין טעטיגקייט אין עוואנגעליאום, קענסטו אין דיזע צוואנציג יאָהר משיח׳יזם גאָר ניט אריינלעגען. צי מיר ווילען, צי מיר ווילען ניט — איז אין דעם מאָמענט, וואָס מיר וועלען זיך א מעהר אָדער ווע־ניגער קלאָר בילד שאפען וועגען דער טעטיגקייט זיינער אין דיזע צוואנציג יאָהר, וואָס ער האָט זיך אלס אידישער משיח באטראכט — קענען מיר ניט קיין אנדער טעטיגקייט פאר איהם צוטראכ־טען, ווי די, וואָס זאָל אין אלגעמיי־נעם ניט עהנליך זיין אויף דעם, וואָס ווערט איהם אין עוואנגעליום צוגע־שריבען.

אוואו זשע איז — פרעגט זיך אלזא ווידער — די פסיכאָ־לאָגישע מעגליכקייט געווען צו יענער צייט, ווען יעדער איינער, וואס האָט דאמאָלסט נאָר וועלכע עס איז פרעטענזיעס אויף דעם נאָמען משיח געהאט, האָט מיט שטאָל און אייזען געקעמפט פאר דאָס ערוועהלונג פון דיזען נאָמען, האָט מיט זיין פארגאָסען בלוט אין קאמף מיט דעם שונא די פרייז פאר דיזען נאָמען געוואלט באצאָהלען — אז אין דיזער צייט זאָל זיך א אידישער יונגער־מאַן, וואָס האָט קיין שווערד אין האנט ניט געקאָנט האלטען, און האָט דעם קלענסטען וואונש קיינמאָל געהאט א קאמף געגען דעם שונא צו אָרגאניזירען, אלס דער ענדגילטיגער משיח פון אידישען פאָלק באטראכטען, נאָר דערפאר, וואָס ער האָט עטליכע „דבוקים" ארויסגעטריבען און עטליכע משוגעים צוריק צו זייער נאָרמאלען

שכל געבראכט? צי זיינען וועניג רופאי־חולים און דבוקים־טרייבער ביי אידען צו יענער צייט געווען?

אוואו איז אָט יענע פסיכאָלאָגישע מעגליכקייט געווען, אז א אידישער יונגערמאן צו יענער צייט זאָל זיך אלס משיח באטראכטען און זאָל אין זיין מיסיאָן אין לעבען אזא אינהאלט אריינ־לייגען, וואָס זאָל זיין פונקט דער היפוך פון דעם אינהאלט, וואָס דער משיח־באגריף ענטהאלט. ניט נאָר האָט ער ניט אין טאט קיין אקטיווען קאמף אָנגעפיהרט פאר דער באפרייאונג פון אידישער פאָלק; ניט נאָר איז זי איהם ניט גאָר א־נגאנצען אפילו אין דער לינקער פאה געלעגען; ניט נאָר איז ער מיט ריידען, מיט ווערטער אפגעקומען; נאָר אויך דאָס ריידען זיינס האָט צו ענט־געגענגעזעצטע רעזולטאטען באדארפט פיהרען, ווי די, וואָס די באַ־פרייאונגס־באוועגונג האָט זיך געשטעלט דאמאָלסט. ניט קאמף אין שלאכט האָט ער געפרעדיגט, נאָר אונטערטעניגקייט. דאָס שלעכטע אויף דער וועלט, האָט ער געפרעדיגט, איז דערויף, מען זאָל לײדען פון דעם, אָבער ניט באקעמפען. דאָס אלעס האָט ער געטאָן — און האָט זיך נאָך אלץ אלס אידישער משיח געקענט באטראכטען.

אוואו איז עס די פסיכאָלאָגישע מעגליכקייט, אז צו יענער צייט, ווען די משיח־אידעע ביי אידען האָט אזוי טיף מיט בלוט און אייזען געאָטעמט, מיט אזא ווילדער לײדענשאפט זיך אויף דעם שלאכטפעלד געריסען, זי זאָל דורך בלוטיגען קאמף איהרע האָפ־נונגען רעאליזירען, זאָל אין זיך אזא גיפטיגען שלאנג, ווי יעזוס אלס משיח, אויסבריהען, זאָל זי אויך אויף זיך א מאנטעל פון פאסיוויטעט ארויפציהען — און זאָל פון שלאכט־פעלד צום הימעל

זיך וועגדען אָבער מעהר דערויף, עס זאָל פאר איהר געשאפען ווע־
רען די מעגליכקייט גאָר אין גאנצען דעם קאמף אויפצוגעבען, ווי
דערויף — דער הימעל זאָל איהר זיין הילף שיקען?

אוואו האָט זיך די פסיכאָלאָגישע מעגליכקייט געפונען אין
יענער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט אזא קאָנקרעטען און
רעאלען אינהאלט, וועלכער האָט זיך אין אזוי פיל פרישען און קאָ־
כיגען לעבען געצאפעלט, אין דער משיח־אידעע ארייגעלייגט, זאָל
זי — די משיח־אידעע — אזוי ברייט איהרע טירען פונאנדער־
עפענען פאר — אין בעסטען פאל — א בלוטלאָזער און צוקראָכע־
נער קאריקאטור איהרער, וואָס שעפט איהר ביסעל ארימע יניקה
פון בלאסען און קרענקליכען מיסטיטיזם.

אוואו איז דאָס פלאץ געווען אין יענער צייט, ווען גלויבען אין
משיח'ן האָט קודם כל געהייסען — זיך איינעסען מיט די ציינער
אין פלייש פון שונא, אין יענער צייט, ווען קעמפען
און שלאָגען זיך מיט דעם שונא, האָט
כמעט די פאָרם פון א פסיכאָזאָנגע־
נומען, ווען אלע טיילען פון אידישען פאָלק זיינען בוכ־
שטעבליך גרייט געווען זייער לעבען אוועקצולייגען פאר דער גע־
ווינשטער באפרייאונג, ווען אין די הערצער פון די אידישע מאַ־
סען האָט געברענט א גיהנום־פייער פון אקטיווען האס און נקמה
צום שונא און א פייגליכער וואונש נאָר אין בלוט פון שונא דאָס
פייער צו לעשען, אוואו איז דאָס מעגליך געווען אין יענער צייט
עס זאָלען זיך געווען קענען געפינען אָנהענגער פון א משיח, וואָס
זיין משיח־טעטיגקייט איז באשטאנען נאָר אין איבערוואַרפען זיך
מיט שטעך־ווערטלאך מיט די פרושים, אָנהענגער פון א משיח,
וואָס אלעס דאָס, וואָס ער האָט געפרעדיגט, האָט באדארפט פון זיי
אלס ווארפען שמוץ אויף די טייערסטע היילינקייטען זייערע באַ־
טראכט ווערען, וואָס זיין גאנצע טעטיגקייט האָט באדארפט באַ־

טראכט ווערען פון זיי אלס *די טעטיגקייט פון א שונא א געפעהרליכען, וואס איז אויסען געווען מיט שטיינער זייער פרייהייט'ס־וועג צו פארווארפען.*

מיט אנדערע ווערטער:

ווי אזוי האָט עס געקענט מעגליך זיין, עס זאָל זיך באווייזען צו יענער צייט ביים אידישען פאָלק אזא איינער, וואָס זאָל זיך אלס משיח באטראכטען נאָר דערפאר, *וואָס ער האָט ניט געטאָן דאָס, וואָס אלע אנדערע משיחים האָבען יאָ געטאָן, נאָר דערפאר וואָס ער האָט אלעס מעגליכעס געטאָן, זיין ארבייט זאָל צום געגענזאץ ברענגען, צום געגענזאץ פון דעם, צו וואָס א משיח בעדארף שטרעבען.*

ווי אזוי איז דאָס ווידער מעגליך געווען, *אז די אידען זאָלען אזא איינעם אלס זייער משיח אויפנעהמען, נאָר דערפאר, וואָס ער האָט אלעס מעגליכעס געטאָן, די ערלייזונג זייערע זאָל ניט קומען.*

כ'לעבען, איך בין שוין באלד גרייט אָנצונעהמען דאָס לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען אלס א זיכערען היסטאָרישען פאקט. איך בין שוין באלד גרייט מסכים צו זיין, אז אויך די הינריכטונג זיינע איז ווירקליך פאָרגעקומען. איין תנאי נאָר וואָלט איך שטעלען, מיר זאָלען אָננעהמען, *אז דוקא די אידען האָבען דאמאָלסט דיזע הינריכטונג דורכגעפירט,* טראָץ דעם, וואָס עס איז אין אונזערע אינטערעסען, אויף וויפיל עס איז נאָר א מעגליכקייט פאר אונז פאַראן, אונזערע הענט פון זיין בלוט ריין האלטען.

יעזוס, וואָלט איך דאן געגלויבט, איז ניט געקרייציגט געוואָרען, נאָר פארשטיינערט געוואָרען.

דאָס האָבען איהם די אידען פארשטיינערט, ווען ער האָט פאר זיי זיין משיח־פראָגראם אָנגעצייכענט, ווען זיי האָבען דאן געהאט די מעגליכקייט, צו איבערצייגען זיך, וואָס פאר א שעהנע גאולה דער משיח זייערער וויל עס פאר זיי ברענגען און מיט וואָס פאר א וועגען ער וויל עס זיי צו דער דאָזיגער גאולה פיהרען.

# פינפטע אבטיילונג
## היסטארישער אנאליז

## ח.

# היסטאָרישער אנאַליז.

## 1.

זאָלען מיר איצט פון דער „פסיכאָלאָגיע" נאָכאמאָל צו דער „היסטאָריע" איבערגעהן. לאָמיר נאָר זעהן, אויף וויפיל זיינען די היסטאָרישע באווייזען, וואס מיר האָבען וועגען דער עקזיס־טענץ פון יעזוס'ען, שטארק גענוג, מיר זאָלעןווירקליך מוזען די יעזוס־ערשיינונג אלס היסטאָריש־געשעהענעם פאקט אָננעהמען.

נאָך א קליינעם אנאַליז אָבער מוזען מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אז אויך פון דיזען שטאנדפונקט — אויף ווי וויים עס זיינען יאָ פאראן אָדער ניט פאראן אין דער געשיכטע באוויי־זען דערויף — זיינען מיר ניט נאָר געצוואונגען אָנצונעהמען די מיינונג, אז אזא פערזאָן, ווי יעזוס האָט יא געלעבט, נאָר פאר־קעהרט. מיר מוזען איהם אויך דאן אלס לעגענדארע פערזאָן בעטראכטען.

און אויף א צווייפאכען וועג מוזען מיר דאן צו דיזען באשלוס קומען — אי אויף דעם סמך פון אָט יענע היסטאָרישע באווייזען טאַקע, וואָס מיר באזיצען — וועלכע בעדארפען עס אונז מאכען גלויבען אין זיין־יעזוס'־עקזיסטענץ, און אי אויף דעם סמך פון אָט יענע היסטאָרישע באווייזען, וואס װ ו א ל ט ע ן ב ע ־ ד א ר פ ט ז י י ן און זיינען אָבער נ י ט פ א ר א ן.

און אויף דעם סמך פון די לעצטע מוזען מיר נאָך מעהר צו דיזען באשלוס קומען, ווי אויף דעם סמך פון די ערשטע.

ווארים אויב דער צווייפעלהאפטער כאראקטער פון דער קוועלע, — דער עוואנגעליאום, — אין וועלכער עס געפינט זיך דער היסטאָרישער מאטעריאל וועגען יעזוס'ען, אויב דער גאנצער פלאָנטער און די אלע ווידערשפרוכען, וואָס געפינען זיך אין דיזען היסטאָרישען מאטעריאל, וואס מיר האָבען אין עוואנגע־ליאום וועגען די לעבענס־פאסירונגען פון גרינדער פון קריסטענ־טום — אויב דאָס אלעס איז אפשר נאָר גענוג דערויף, מיר זאָ־לען ניט געצוואונגען זיין, אנצונעמען יעזוס'ען אלס א ווירקליך היסטאָרישע פערזאָן, מיר זאָלען ניט געצוואונגען זיין צו שטעלען אזא פערזאָן ווי יעזוס אין צענטער פון דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום, צווינגט אונז שוין אָט יענער פאקט, וואָס מיר געפינען קיין רמז ניט אויף דער עקזיסטענץ פון יעזוס'ען אין אָט יענע קוועלען, וואו מיר וואָלטען וועגען דעם יאָ באָטש אירגענד וועלכען מאטעריאל באדארפט געפינען, אנצונעהמען די מיינונג, אז יעזוס איז ניט מעהר, ווי א מיף, אז עס האָט גאר אינגאנצען אזא פערזאָן קיינמאָל עקזיסטירט.

לאָמיר אלזא איבער דער ליניע פון דיזע צוויי פונקטען אונ־זער קליינעם היסטאָרישען אנאַליז פיהרען.

לאָזענדיג אין א זייט אָט יענע אלע „כולו מוקשה" פונקטען, וואָס געפינען זיך אין היסטאָרישען מאטעריאל וועגען יעזוס'ען, לאָזענדיג אין א זייט אָט יענע אלע פונקטען און ווידערשפרוכען, וועגען וועלכע איך האָב שוין אין ערשטען טייל פון מיין ארבייט געשריבען, וועל איך זיך יעצט אָפּשטעלען נאָר אויף די, אויף וועלכע איך האָב נאָך ביז אהער ניט אָנגעוויזען.

מילא, מיר וועלען שוין ניט ריידען וועגען די סתירות אין דעם יחוס־צעטעל, וואָס מתתיהו און לוקס גיבען אונז אין עוואנ־

געליאום וועגען יעזוס'ען. דער ערשטער צעהלט פערציג דורות פון אדם הראשון ביז יעזוס'ען און דער צווייטער מיט נאך א מאל פארציג, כמעט, מעהר. דערביי איז אויך דארטען א גרויסער אונטערשיד פאראן אין די נעמען פון פילע, וואס ווערען דארטען אלס יעזוס'עס אור-עלטערען אנגעגעבען. מיר וועלען אויך ניט ריידען וועגען די פארשיידענע נוסחאות, וואס עקזיסטירען אין עוואנגעליאום וועגען דעם געבורט פון יעזוס'ען. ביי לוקוס'ען, למשל, ווערט די געשיכטע וועגען געבורט פון יעזוס'ען דער־צעהלט אין צוזאמענהאנג מיט דעם געבורט פון „יוחנן המטבל". דאס געבורט פון יעזוס'ען איז ביי איהם פארבונדען מיט א לאנ־גער און גרויסער געשיכטע וועגען איינעם א כהן גדול מיט דעם נאמען זכריהו, דער פאטער פון יוחנן המטבל, וועלכער איז ביז צו דער טיפער עלטער מיט קיין קינדער ניט געבענשט געווען. אויסער דעם ווידער, איז לויט ווי עס ווערט אין לוקוס דערצעהלט די געשיכטע וועגען דעם געבורט פון יעזוס'ען, האט דער „רוח הקודש" ניט קיין „פלוצליכען אנפאל" אויף דער „הייליגער מו־טער" געמאכט. לויט ווי עס ווערט דארטען דערצעהלט די מעשה, האט דער רבונא של עולם נאך מיט א שטיק צייט פריהער גע־שיקט צו איהר גבריאל המלאך, ער זאל איהר מודיע זיין וועגען די „אבזיכטען" זיינע, ער זאל איהר מעלדען וועגען דעם „וויזיט", וואס ער האט בדעה איהר אפצושטאטען גאר אין דער גיכער צו־קונפט. בכלל טראגט דארטען דיעז שטעלע, אוואו גבריאל זאגט איהר די גוטע בשורה אן, א מערקווירדיג „פיינעם" און „איידע־לען" כאראקטער. גבריאל המלאך רעדט דארטען מיט א שפראך — און נאך וועגען גאט דערצו — וואס, אסור, אויב דער גרעס־טער בעל-עגלה וואלט זיך מיט איהר שעמען באדארפט. ער זאגט איהר אן די בשורה, אז זי וועט א זוהן געבוירען, וואס גאט וועט איהם אויף אייביג די שטול פון דוד אוועקגעבען. פרעגט זי

איהם: „ווי אזוי קען איך עם א זוהן געבוירען. איך וויים דאך פון קיין מאן ניט". דערויף ערקלערט ער איהר זעהר בילדליך, ווי אזוי דער „רוח־הקודש" וועט שווין די ארבייט פון א מאן אפ־טאן, און פארענדיגט מיט די ווערטער: „און דאריבער וועט אויך דאס געבוירענע קינד, דאס הייליגע, גאט'ס זוהן גערופען ווערען".

דאגעגען דערמאנט מתתיהו מיט קיין ווארט ניט וועגען דעם כהן־גדול זכריהו און וועגען דעם געבורט פון יוחנן המטבל. און אויך גבריאל ווערט ביי מתתיהו'ן מיט קיין ווארט ניט דערמאנט. ער פיגורירט דארטען ניט אלס „שדכן". מתתיהו דערצעהלט מעהר ניט, ווי דעם „פאקט", אז מרים איז טראגעדיג געווארען פון רוח־הקודש. בכלל ווערט דארטען דער גאנצער ענין ווירקליך פיינער און איידעלער ווי ביי לוקוס'ען איבערגעגעבען. ער איז דעם גאנצען ענין, ווי „מבליע בנעימה" אביסעל. לויט ווי עס ווערט דארטען דערצעהלט, באדארף מען פארשטעהן, אז ניט נאר האט זי פריהער ניט געוואוסט, אז דער רבונא של עולם האט אויף איהר „אן אויג געווארפען", נאר אז זי האט אויך דעם מאמענט פון „אנפאל" זיינעם „פארשלאפען" און האט גאר אינגאנצען פון זיין וויזיט ניט געוואוסט. וועגען דער גאנצער „הייליגער" געבורט ווערט דארטען אין די פאלגענדע עטליכע ווערטער דערצעהלט — „און איידער יוסף — איהר חתן — האט באדארפט זיין ביי איהר איז זי אויסגעפונען געווארען צו זיין טראגעדיג געווארען."

דערפאר אבער געפינען מיר שוין אינגאנצען גארניט וועגען דער הייליגער געבורט פון יעזוס'ען — ניט ביי מארקוס'ען און ניט ביי יוחנן. דאויטען ווערט אויך ניט מיט קיין ווארט דער־מאנט וועגען דעם יחוס זיינעם. עס פעלט דארטען גאר אינגאנ־צען דאס לאנגע „יחוס־צעטעל". ניט נאר ווידער ערקלערען זיי ניט יעזוס'ען אלס אזעלכען, וואס האט פון בית דוד געשטאמט, ווי

עס טוען עס מתתיהו און לוקוס, נאר פארקערט, זיי זיינען מודה, — און זאגען עס בפירוש — אז ער האט פון בית-דוד ניט גע־שטאמט.

איך וועל אויך אנדערע עהנליכע פונקטען דורכלאזען און וועל איבערגעהן צו די הויפט-וויכטיגע, וועלכע באדארפען אן ענטשיידענדע באדייטונג פאר אונזער צוועק האבען.

דער ערשטער פונקט איז, וואס אנבאלאנגט דעם ארט, אוואו יעזוס זאל האבען געבוירען געווארען. עס איז אין דיזען פונקט קיין איינינקייט פאראן ביי די שרייבער פון עוואנגעליאום. אויף איין פלאץ ווערט אנגעגעבען דאס ארט, אוואו ער איז געבוירען געווארען, די שטאדט „בית־לחם". אויף א צווייטען אבער ווערט אונז שוין אנשטאט בית־לחם, די שטאדט „נצרת" אנגעגעבען, א שטאדט — אגב — וואס האט לויט אלע ווארשיינליכקייטען אט דאמאלסט א, ווען יעזוס זאל האבען געלעבט און געווירקט, נאך גאר אין גאנצען ניט עקזיסטירט.

דיזער פונקט רעדט זעהר פיל צום גונסטען פון דעם, מיר זאלען יעזוס'ען נאר אלס לעגענדארע פערזאן באטראכטען. וואַ־רים עס איז זיך ווירקליך זעהר שווער פארצושטעלען, עס זאלען קענען זיין חלוקי־דעות וועגען דעם געבורטס־פלאץ פון א היס־טארישען העלד — וואס זיין טעטיגקייט איז נאך דערצו פון א גוואלדיג גרויסער באדייטונג געווען — ביי זיינע צייט־גענאסען, אדער אפילו א פאר דורות שפעטער. עס איז ווירקליך שווער צו פארבינדען ביידע זאכען — יעזוס אלס א היסטארישע פערזאן, וואס האט א וועלט־רעליגיאן געשאפען און שוין באלד נאך זיין טויט גרויסע מחנות פון אנהעננער אין פארשידענע טיילען פון דער וועלט ערוואָרבען, מיט א חלוקי-דעות צווישען זיינע תלמידים וועגען דער שטאדט, וואו ער איז געבוירען געווארען. אויב יעזוס האט ווירקליך געלעבט און עקזיסטירט, האט בשום אופן ניט

באַדאַרפט מעגליך זיין, אַז דער פּלאַץ, וואו ער איז געבוירען געוואָרען, זאָל אומבאַוואוסט בלייבען, אַזוי, אַז יעדער איינער פון די, וואָס האָבען געשריבען וועגען איהם, זאָל קענען איהם אַלס „נכתב" פון אַן אַנדער שטאָדט ערקלערען.

דיזע חלוקי־דעות וועגען דעם געבורט פון יעזוס'ען, קען פאַרשטענדליך זיין נאָר אין פאַל מיר זאָלען יעזוס'ען אַלס מיף ערקלערען. ווען מיר זאָלען זיך האַלטען ביי דער מיינונג, אַז ניט יעזוס האָט די שרייבער פון עוואַנגעליאום מעגליך געמאַכט, נאָר, אַז זיי האָבען עס דעם „פאַרענדיגטען" און שוין „אַרומגעאַרבייטען" יעזוס געשאַפען. דאָס באַווייזט אונז, אַז יעזוס איז ניט קיין לעבעדיגער מאָדעל געוועזען, וואָס די שרייבער זאָלען האָבען איהם אין זייערע יעזוס־בילדער קאָפּירט, נאָר אַ לעגענדע, וואָס אַ געוויסע אַטמאָספערע האָט געשאַפען און איז פון פילע אַנטיילנעמער געוועבט געוואָרען, אַ לעגענדע, צו וועלכער אויך זיי — די שרייבער פון עוואַנגעליאום — האָבען זייער טייל בייגעטראָגען, יעדער איינער לויט זיינע נייגונגען, לויט דעם כח פון זיין פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונג און לויט די צוועקען און אַבזיכטען, וואָס ער האָט פאַר דעם קריסטענטום פאַרפאָלגט.

## 2.

און דאַן געהען מיר איבער צו דער צייט, אין וועלכער יעזוס זאָל האָבען געלעבט.

קענט איהר זיך פאַרשטעלען, עס זאָל זיין אַ חלוקי־דעות ביי אונז וועגען דער צייט, אין וועלכער דער ווילנער גאון, למשל, האָט געלעבט און געווירקט? קענט איהר זיך פאַרשטעלען, עס זאָל אַן אונטערשיד פון קאַרגע הונדערט יאָהר זיין אין די פאַרשידענע מיינונגען, וואָס באַציהען זיך אויף דעם יאָהר פון זיין געבורט?

קענט איהר זיך פאָרשטעלען, עס זאָל זיין אן אונטערשיד פון קאַרגע הונדערט יאָהר אין די פארשידענע מיינונגען, וואָס באַ־ציהען זיך אויף דעם יאָהר פון זיין געבורט? קענט איהר זיך פאָר־שטעלען, אז מיט צוואנציג יאָהר נאָך דעם טויט פון בעל־שם — אָדער מיט פופציג אָדער הונדערט זאָגאר — זאָל פלוצלונג א חלוקי־דעות פאָרקומען וועגען דעם יאָהר, אין וועלכען ער איז גע־בוירען געוואָרען, און דער אונטערשיד זאָל דערביי ניט אין א יאָהר אָדער צוויי באַשטעהן, נאָר אין גאַנצע זיבעציג־אכציג יאָהר?

דאָס איז אָבער יאָ פאָרגעקומען בנוגע דער צייט, אין וועלכער יעזוס זאָל האָבען געלעבט און געווירקט. ניט מעהר און ניט וועניגער ווי א הונדערט און דרייצעהן פארשידענע מיינונגען זיי־נען פאראן וועגען דעם יאָהר, אין וועלכען יעזוס זאָל האָבען גע־בוירען געוואָרען.

און באַרעכענט. דיזער פלאַנטער און אומאייניגקייט וועגען דער צייט, אין וועלכער יעזוס זאָל האָבען געלעבט, איז ניט אריינ־געטראָגען געוואָרען נאָכדעם, וואס הונדערטער יאָהרען גאַנצע זאָלען אונז פון דער יעזוס־תקופה פאנאנדערשיידען. דיזער פלאָנטער האָט שוין פאר זיך פלאץ געפונען נאָך דאן, ווען יעזוס, ווי עס הייסט, האָט נאָך באדארפט, כמעט מיט איין פוס אויף דער ערד שטעהן.

שוין אין עוואנגעליאום איז קיין איינעיגקייט ניטאָ וועגען דער צייט ,אין וועלכען יעזוס זאָל האָבען געלעבט. שוין דאָרטען האָט דער פלאָנטער, וואָס אנבאלאנגט דעם יאָהר, אין וועלכען יעזוס זאָל האָבען געבוירען געוואָרען, זיין העכסטע מדרגה דערגרייכט. לויט דעם, ווי יעדער איינער פון די שרייבער פון עוואנגעליאום וועגען יעזוס'ען גיט אָן די צייט, אין וועלכער יעזוס'עס טעטיגקייט זאָל האָבען פאָרגעקומען, איז דער אונטערשיד דאָרטען ניט אין

עטליכע איינצעלנע יאָהר נאָר אין גאַנצע נײַנציג יאָהר. הײַנט בארעכענט נאָר, וואָס דאָס הייסט — שוין זיינע צייט־גענאָסען, במעט — און ווי אנדערע ווילען נאָך האָבען בעדאַרף עס נאָך הייסען — אויך זיינע תלמידים — האָבע ניט נאָר ניט ריכטיג געוואוסט דאָס יאָהר, אין וועלכען דער, וועלכען זיי האָבען אלס דעם ערלייזער פון דער מענשהייט באטראכט, איז געבוירען גע־וואָרען, נאָר עס איז אויך מעגליך געווען דאן אויף גאנצע הונדערט יאָהר, במעט פריהער אָדער שפּעטער דיזעס יאָהר אנצוגעבען.

לויט ווי מתתיהו דערצעהלט, איז יעזוס געבוירען געוואָרען ווען הורדוס האָט נאָך געלעבט. ער איז אבער געשטאָרבען, ווען דער ערשטער איז נאָך א קליין קינד געווען. לויט איהם נאָך קומט אויס, אז יעזוס איז געבוירען געוואָרען וועניגסטענס מיט א יאָהר פיר־פינף פריהער, ווי עס איז אָנגענומען צו דענקען, ווי די אָנגענומענע צייט־רעכנונג לויטעט. נאָר מילא, אן אונטערשיד פון פיר־פינף יאָהר איז דאָך ניט פון גרויס באדייטונג. לויט מתתיהו'ן אליזא קומט אויס, אז יעזוס זאָל האָבען געשטאָרבען אָדער הינגעריכטעט געוואָרען מיט א יאָהר 20־25 פאר דעם חורבן בית שני.

אנדערש ווערט שוין אָנגעגעבען דאָס יאָהר פון יעזוס'עס גע־בורט ביי מארקוס'ן. דאָרטען ווערט עס שוין מיט וועניגסטענס דרייסיג יאָהר פריהער אָנגעגעבען. לויט דיזער מיינונג האָט שוין יעזוס'עס טויט געמוזט פארקומען מיט עטליכע און פופציג יאָהר פאר דעם חורבן בית שני.

גאָר אן אנדער דאטום גיט אונז שוין אן לוקוס וועגען זיין געבורטס־יאָהר. לויט איהם איז יעזוס מיט גאַנצע פופציג יאָהר פריהער, ווי לויט מתתיהו'ן, געבוירען געוואָרען. לויט ווי ער דערצעהלט אונז, איז הורדוס ניט נאָר ניט געשטאָרבען, ווען יעזוס זאָל נאָך געווען זיין א קליין קינד, נאָר אז ער האָט גאר יעזוס'ען

איבערגעלעבט. לויט איהם נאָך איז יעזוס'עס הינריכטונג נאָך פאר דער צייט פון הורדוס'ען פאָרגעקומען. לויט דיזער מיינונג, אלזא, האָט יעזוס געמוזט שטאַרבען ניט וועניגער ווי מיט גאנצע זיבעציג יאָהר פאר דעם חורבן בית שני. דאָס הייסט, מיט גאנצע זיבעציג יאָהר פריהער, איידער ער איז לויט דער קריסטליכער צייט־רעכנונג געבוירען געוואָרען.

אין די „מפעלות־השליחים" ווידער געפינען מיר נאָך א גרעי־סערען שפרונג, וואס אנבאַלאַנגט דעם געבורטס־יאָהר פון יעזוס'ען. דאָרטען לעבט איבער הורדוס יעזוס'ען מיט א צוואנציג יאָהר, כמעט. ניט נאָר איז די הינריכטונג פון יעזוס'ען אונטער דער הערשאפט פון הורדוס'ען פאָרגעקומען, נאָר ער האָט נאָך אויך באוויזען שעהנע עטליכע יאָהר מיט זיינע בלוטיגע פאַרפאָל־גונגען געגען די אַפּאָסטאָלען אָנצוגעהן. דער דאטום פון „מפעלות השליחים" וועגען דעם געבורטס יאָהר פון יעזוס'ען אונטערשיידעט זיך פון דעם דאטום, וואס מתתיהו גיט אָן, אויף גאנצע נייניציג יאָהר, כמעט, לויט דיזער מיינונג, אלזא, קומט אויס, אז יעזוס איז געשטאָרבען מיט א קנאפּען יאָהרהונדערט, כמעט, פאר דעם חורבן בית שני.

אָט אזא פיינעם טאָלק געפינען מיר אין עוואנגעליאום וועגען דער צייט, אין וועלכער יעזוס זאָל האָבען געלעבט און געווירקט. אָן אונטערשיד אין די פארשידענע אָנגעגעבענע מיינונגען אין גאנצע נייניציג יאָהר — ניט וועגען איינעם, וואָס האָט מיט הונ־דערטער יאָהרען צוריק געלעבט, נאָר וועגען א פערזאָן, וואס איז מעגליך א צייט-גענאָסע, אָדער כמעט ווי א צייט-גענאָסע געווען פון די, וואס האָבען געשריבען וועגען איהם, וועגען א פערזאָן, וואָס איז פארהייליגט ביי זיינע אָנהענגער געווען, וואָס זיין לעבען און טעטיגקייט איז פון אזא שטורמישען כאראקטער געווען, וואָס האָט א רעליגיע פאר א גאנצע וועלט געשאפען.

און וואָלט כאָטש יעדער באַזונדער שרייבער היסטאָריש אויס־געהאַלטען געווען, וואָלטען מיר כאָטש ביי יעדען באַזונדער פון זיי קיין געוואַלדיגען פּלאָנטער ניט געפונען אין דעם היסטאָרישען מאַטעריאַל, וואָס זיי גיבען אונז וועגען יעזוס'ען, וואָלטען מיר כאָטש אויך ביי יעדען באַזונדער קיין „היסטאָרישע" אוממעגליכ־קייטען ניט געפונען. איז אויך דאָס אָבער ניט.

יעדער איינער פון זיי איז מיט דיזע היסטאָרישע אוממעג־ליכקייטען פול. דאָס לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען ווערט ביי יעדען איינעם צונויפגעפּלאָנטערט מיט פּאַסירונגען און פּער־זאָנען, וואָס שטימען זעהר וועניג מיט דעם דאַטום, וואָס ליגט אַלס יסוד אין זייער שרייבען וועגען יעזוס'ען. אַזוינע צונויפפּאַ־רונגען, ווי די צייט פון הורדוס מיט דער צייט פון אגריפּוס און בּיריניקה זיינען ניט קיין זעלטענע אויסנאַהמען אין עוואַנגע־ליאום. עס איז אַן אונטערשיד פון אַ גרויסער צאָהל יאָהרען ניט נאָר אין די פאַרשידענע צייטען, וואָס ווערען פון די פאַרשידענע יעזוס־שרייבער אין עוואַנגעליאום אָנגעגעבען אַלס די צייט, אין וועלכער יעזוס זאָל האָבען געלעבט און געווירקט: דיזער אונ־טערשיד געפינט זיך אויך ביי יעדען שרייבער באַזונדער. פון איין שטעלע ביז אַ צווייטער איז שוין כמעט ביי יעדען איינעם אויף צעהנדליגער יאָהרען אַ שפּרונג.

אָט אַזאַ פעסטען און אויסגעהאַלטענעם היסטאָרישען מאַ־טעריאַל גיט אונז יעדער איינער פון די שרייבער פון עוואַנגעליאום וועגען דער פּערזאָן, וואָס איז דער אָביעקט פון זייער פאַרגעטערונג געווען, וואָס זיי האָבען, אויב ניט מיט איהם אַליין, איז אַלענ־פאַלס מיט זיינע תלמידים אָדער מיט די תלמידים פון זיינע תלמידים אין איין צייט געלעבט און צעהנדליגע יאָהרען זיך צו־זאַמען ביי איין פייער געוואַרימט, וועגען אַ פּערזאָן, וואָס ווען זיי האָבען געשריבען וועגען איהם, האָט נאָך אַלעם אַזוי פריש אין

זכרון פון זיינע פארהערער געמוזט לעבען, וואס די קלענסטע דיע־טאלען וועגען זיין לעבען האבען נאך אין קלארע און זיכערע פאר־מען דאן לעבען באדארפט.

מיט פעסטער איבערצייגונג קענען מיר דאריבער אויף דעם סמך פון דעם אלעם זאגען, אז ווען עס וואלטען אפילו קיינע אנ־דערע ארגומענטען פאר אונז געווען דארויף, מיר זאלען קענען אדער זיין געצוואונגען צו פארווארפען דאס גלויבען אין יעזוס'ען, אלס א היסטאריש־געשעהענע ערשיינונג, נאר אט דיזער ארגו־מענט אליין, נאר אט דיזער פלאנטער און דיזע אלע געוואלדיגע ווידערשפרוכען, וואס מיר געפינען ביי די שרייבער פון עוואנגע־ליאום בנוגע צו דער צייט אין וועלכער יעזוס זאל האבען געלעבט און געווירקט — וואלט עס אליין שוין גענוג געווען פאר אונז.

ווארים עס קען ווירקליך קיין גרעסערער אבסורד ניט זיין, ווי צו דערלאזען, אז עס וואלט מעגליך געווען צו געפינען אזא פאר־פלאנטערטע כראנאלאגיע און אזא כאאס און אזוינע געוואלדיגע היסטארישע ווידערשפרוכען און אוממעגליכקייטען אין דעם גאנ־צען היסטארישען מאטעריאל, וואס געפינט זיך ביי די שרייבער פון עוואנגעליום, ווען זיי זאלען עס געווען באשרייבען א פערזאן, וואס האט טאקע ווירקליך ערשט ניט לאנג געלעבט.

א מענש האט אזוי פיל טומעל אין דער וועלט אריינגעטרא־גען. אזוי פיל אנהענגער אין זיין לעבען געהאט. געשיקט זיינע תלמידים, זיי זאלען איבעראל זיין תורה זעען. האט געהאט צוועלף ציי זיבעציג תלמידים, וואס האבען פון איהם אויף קיין איין מא־מענט ניט אפגעטראטען און זיינען גרייט געווען זייער לעבען פאר איהם און פאר אלעם דעם, וואס ער האט געפרעדיגט, אוועק־צוגעבען — תלמידים, וואס זיין גאנצער לעבען איז פאר זיי ווי אן אפענער בוך געלעגען —

און דאך האט קיין איינער פון זיי קיין ווארט ניט געשריבען

װעגען דעם גאנצען רייכען לעבען פון זייער פארגעטערטען לעהר־
רער, האָט קיינער פון זיי ניט געפונען פאר נויטיג אָט יענע גרוי־
סע ארבייט נעהמען אויף זיך, איבערצולאָזען פאר די קומענדע
דורות א פולע באשרייבונג פון די אלע לעבענס־פאסירונגען, װאָס
זיי זיינען עס געװען דער גרונדשטיין פון דער רעליגיע, װאָס זיי
האָבען געפרעדיגט, פון זייער גאָט און לעהרער.

װאָרים אָט די אלע לעבענס־באשרייבונגען, װאָס געפינען זיך
אין עװאנגעליום, זיינען ניט פון די תלמידים זיינע געשריבען
געװאָרען, נאָר פון מענשען, װאס מען װייסט פון זיי גאר ניט,
ניט נאָר זיינען זיי ניט באקאנט אלס די תלמידים פון יעזוס׳ען,
נאָר מען װיים לחלוטין גאָר ניט װעגען זיי. מען װייסט ניט,
װער זיינען זיי עס געװען, װען זיי האָבען געלעבט און װאס פאר
א פלאץ האָבען זיי אין דער געשיכטע פון קריסטענטום פארנומען.

א פאָר דורות — ניט װעניגער אלענפאלס — זיינען אלזא
אװעקגעגאנגען. עס האָט א קריסטענטום געבליהט און געװאקד
סען. אן אונגעהויערע צאָהל מענשען האָבען זיך מיט זיין פאר־
שפרייטונג פארנומען — און עס איז נאָך אלץ ניט געװען קיין
אָנגעשריבען װערק װעגען דעם לעבען און טעטיגקייט פון גרינדער
פון דיזען קריסטענטום און דאָס רייכע און פיל־פארביגע לעבען
זיינס איז נאָך אלץ ניט געװען אין איין הארמאָניש געשריבען
בילד פאראייניגט. קיינער פון זיינע תלמידים, װאס האָבען מיט
איהם פארבראכט, קיינער פון זיינע נאָהענטסטע אָנהענגער, װאס
האָבען זיין גאנץ לעבען געװאוסט, האָבען װעגען איהם קיין איין
שורה ניט אָנגעשריבען, האָבען אונז קיין לעבענס־בילד פון איהם
געלאָזט — און ערשט אין א פאָר דורות ארום איז דאָס אלעס
געטאָן געװאָרען פון מענשען, װאָס מען װייסט כמעט גאר ניט
װעגען זיי; ערשט אין א פאָר דורות ארום האָט מען זיין לעבען

און טעטיגקייט באשריבען, און ביז דאן האט מען וועגען דעם קיין ווארט ניט געשריבען.

קענט איהר זיך פארשטעלען א גרעסערען אבסורד, ווי די מעגליכקייט, אז עטוואס עהנליכעס זאל קענען פארקומען?

און צולעצט, וואס איז נאך וויכטיגער, ווי אלעם פריהער־דיגעם:

אזא געוואלדיגע באוועגונג איז ביי די אידען צו יענער צייט אנגעגאנגען, דאס אידענטום האט פון זיך א וועלט־רעליגיע ארויסגעגעבען. עס איז פון זיינע רייהען א מאן ארויסגעטראטען, וואס האט אזא געוואלדיג שטורמיש און אינטערעסאנט לעבען דורכגעמאכט, וואס האט זיך אלס גאט און משיח ערקלערט און וואס האט אזוי פיל אנהענגער צווישען פארשידענע פעלקער און לענדער ערווארבען —

און די אידישע היסטאריקער פון יענער צייט — ווי אויך די ניט־אידישע — וואס האבען די „עדי־ראיה" געמוזט זיין פון דיזער וואונדערבארער ערשיינונג, די אידישע היסטאריקער, וואס האבען אלע שטרעמונגען און אידעען, אלע באוועגונגען און שטרע־בונגען — אפילו פיל־ווייניגער וויכטיגע — וואס האבען פאר זיך דאן פלאץ געפונען אין אידישען לעבען, אין זייערע ווערק אפגעשפיגעלט, די אידישע היסטאריקער, וואס האבען די צייט־גענאסען זיינע געמוזט זיין, דערמאנען וועגען דעם אלעם מיט קיין איין ווארט ניט.

קענט איהר זיך פארשטעלען די שבתי-צבי-באוועגונג ניט אפגעשפיגעלט אין דער אידישער ליטעראטור פון יענער תקופה? קענט איהר זיך פארשטעלען דעם „בעל־שם'ס" נאמען ניט דער־מאנט ביי דער יענער געלעגענהייט פון די אדער יענע אידישע גדולים, וואס האבען מיט איהם אין איין צייט געלעבט?

און נאך שטארקער — אונגעהויער שטארקער — ווערט

דיזער ארגומענט, ווען מיר זאָלען זיך האַלטען ביי דעם דאַטום פון „מפעלות השליחים", ווען מיר זאָלען איבערטראָגען דאָס לעבען און ווירקען פון יעזוס'ען נאָך מיט פיער און זיבציג יאָהר פריהער פאַר דער אָנגענומענער צייט־רעכנונג. דאַן קומט אויס, אַז אין דער צייט פון חורבן בית־שני און אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר שפּעטער, ווען די אידישע היסטאָריקער האָבען זייערע ספרים געשריבען, האָט שוין דאָס קריסטענטום געהאַט אַ געשיכטע פון העכער הונדערט יאָהר אַנטוויקלונג הינטער זיך. עס זיינען שוין דאַן הונדערט יאָהר כמעט אַוועקגעגאַנגען זינט דער גרינדער פון קריסטענטום איז געשטאָרבען. עס איז שוין דאַן נאָך אַלעמען געוועזען. עס זיינען שוין דאַן אפילו אַ פּאָר דורות נאָך זיער טעטיגקייט פון די אַפּאָסטאָלען פאַרביייגעלאָפען. דאָס קריסטענטום, הייסט עס, האָט שוין דאַן פאַלסאַם פאַרענדיגט געמוזט זיין. עס האָט שוין דאַן געהאַט דורכגעמאַכט דעם גאַנצען פּראָצעס פון „ווערדען". אין פילע פאַרשידענע לענדער, ווי אויך אין ארץ־ישראל, האָבען שוין דאַן געמוזט זיין גרויסע קריסטליכע מחנות. אַ פשיטא, אַז דאָס קריסטענטום האָט שוין אַלענפאַלס ניט געקענט זיין דאַמאָלס אַ זאַך, וואָס קען פאַרקוקט ווערען —

ווי אַזוי, פרעגט זיך דאַמאָלס, האָבען אַט יענע אידישע געלעהרטע און היסטאָריקער קיין אויפמערקזאַמקייט געשענקט אויף אַזאַ גוואַלדיג גרויסער היסטאָריש־אידישער ערשיינונג, וואָס שוין אין זייער צייט האָט אַ גאַנצען יאָהר־הונדערט פון געשיכטע פאַרמאָגט, וואָס איז שוין דאַמאָלס אַ פאַלקאַם־פאַרענדיגטע רעליגיאָן געוועזען. ווי אַזוי איז דאָס מעגליך געוועזען, זיי זאָלען ניט שרייבען וועגען אַ רעליגיאָן, וואָס דער גרינדער איהרער איז אַ איד געוועזען — נאָך מיט אַזוינע נעבעלהאַפטע לעבענס־פּאַסירונגען דערצו — און וואָס איז אויסגעוואַקסען און אַנטוויקעלט זיך אויף דעם אידישען באָדען, וועגען אַ רעליגיאָן, וואָס איז הויפּטזעכליך

א אידישע באוועגונג געווען, וואס איהרע פארשפרייטער זיינען אלע אידען געווען, און איבער א משך פון א גרויסען פעריאד יאהרען האט זי איהרע אנהענגער אויסשליסליך נאר צווישען אידען געפונען? — ווי אזוי איז דאס מעגליך געווען, אז נאכדעם, וואס דאס קריסטענטום האט שוין געהאט די אלע פאזען פון זיין אנט־וויקלונג דורכגעמאכט, נאכדעם, וואס עס האט שוין מעהר ווי א הונדערט יאהר געשיכטע הינטער זיך געהאט, זאל עס געווען קע־נען פארקוקט ווערען פון די אידישע און ניט־אידישע היסטאריקער, וואס האבען צו דיזער צייט געלעבט?

## 3.

דער היוצא לנו מזה איז, אלזא, אז פון וואס פאר א שטאנד־פונקט דו זאלסט ניט צוגעהן, מוזט דו קומען צום באשלוס, אז יעזוס איז מעהר ניט, ווי א מיט, ווי א לעגענדע. עס האט קיינ־מאל א ז א פערזאן ניט געלעבט און געווירקט, אז דאס אידישע פאלק האט פון זיך אזא משיח ניט ארויסגעגעבען.

מען האט ביי אונז א שטיק צייט געטומעלט וועגען דעם, מיר זאלען איבערעווידירען אונזער „דרייפוס־פראצעס”. דער געדאנק איז ווירקליך ניט קיין קרומער. עס איז ווירקליך נויטיג, מיר זאלען איבעררעווידירען אונזערע באציהונגען און שייכות צו דער יעזוס-ערשיינונג. אבער ניט דערויף, מיר זאלען יעזוס'ען אלס אונזער נביא ערקלערען, ווי די „רעוויזארען” האבען געוואלט, ניט דערויף, מיר זאלען אין פאנטעאן פון אונזערע היסטארישע העלדען אויך פאר איהם פלאץ שאפען, ניט דערויף, מיר זאלען איהם מיט אפענע ארעמס אלס איינענעם זוהן עמפפאנגען, נאר דערויף, מיר זאלען זיך גאר אינגאנצען פון איהם אפטרייסלען; מיר זאלען איהם גאר אינגאנצען די גויים אוועקשענקען, מיר זאלען ערקלערען, אז אונזער פאלק האט קיינמאל פון זיך אזא איי־נעם ניט ארויסגעגעבען.

אמת, מיר וועלען אפילו אָנווערען דעם כבוד, וואָס מיר האָבען יעצט, זיך קענען רעכענען אלס דאָס פאָלק, וואָס האָט דער וועלט דעם גרינדער פון א נייער רעליגיאָן, די פארשפרייטסטע רעליגיאָן אויף דער וועלט, געגעבען, אלס דאָס פאָלק, וואָס האָט דער מענש־הייט א גאָט געשאָנקען. איך גלויב אָבער, אז עס לוינט זיך מיט דעם דאָזיגען כבוד מקריב צו זיין. סוף־כל־סוף איז דאָס ניט מעהר, ווי אויסערליכער גלאַנץ. עס איז ניט מעהר ווי „כבוד מדומה". ער האָט קיין אמת'ען ווערט. עס איז כלל ניטאָ וואָס איבערצונעהמען זיך, וואָס מיר האָבען א חלק אין דער אנט־שטעהונג פון א רעליגיאָן, אין נאָמען פון וועלכער עס איז אזוי פיל בלוט פארגאָסען געוואָרען, אין נאָמען פון וועלכער עס זיינען אזוי פיל מענשליכע לעבענס פארניכטעט געוואָרען. עס איז גאָר ניט פאראַן מיט וואס צו שטאָלצירען, וואָס מיר זיינען עס דער אורשפרונג פון א רעליגיאָן, וואָס האָט אין א משך פון גאַנצע יאָהרהונדערטע געהאַלטען געשמידט דעם מענשליכען גייסט אין אייזערנע קייטען, וואָס האָט אומעטום, אוואו זי איז נאָר געקומען, טויט און פארניכטונג מיט זיך געבראכט, וואָס האָט אין איהר אייגענער וועלט פעלקער אויף פעלקער געהעצט און איבער א משך פון פילע צעהנדליגער יאָהרען אויך איין טייל פון א פאָלק געגען דעם צווייטען טייל מיט שווערד און אייזען געשטעלט. די שווערע און שוואַרצע פינסטערע וואָלקענס, וואָס זענען איבער אייראָפּאַ געלעגען איבער א משך פון הונדערטער יאָהרען, זיינען דער פראָ־דוקט פון קריסטענטום געוועזן. זי האָט אין מיטעל־אַלטער אייראפּא און אזיען אין א בית־הקברות, אין וועלדער וויסטע, פארוואַנדעלט. דער פּראָגרעס און ציוויליזאציאָן האָבען גאָר ניט מיט דעם קריס־טענטום צו טאָן. דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען טראָץ דעם קריס-טענטום. דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען, ווען און אויף וויפיל די

אייראפעאישע פעלקער האבען זיך אנגעהויבען פון קריסטענטום צו באפרייען.

עס וואלט דערפאר פאר אונז מעהר כבוד געווען, מיר זאלען קענען גאר אין גאנצען אראפווארפען פון זיך יעדע פאראנטווארט־ליכקייט פאר די דאזיגע אלע בלוטיגע ארגיעס, וואס זיינען אין נאמען פון ליבע־טריפענדען קריסטענטום פארגעקומען, ווען מיר זאלען זיך קענען ניט נאר פון יעזוס׳ען אליין באפרייען, נאר מיר זאלען קענען גאר אין גאנצען פארווארפען יעדע שייכות וואס עס ווערט אונז אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום צוגעשריבען.

נאכדעם אבער, וואס ווערט פאר אונז קלאר, אז מיר מוזען יעזוס׳ען נאר אלס מיף באטראכטען, נאכדעם וואס מיר ווערען פון איהם באפרייט, איז אונזווירקליך שוין ניט שווער זיך גאר אינ־גאנצען פון אירגענד־וועלכער שייכות צום קריסטענטום באפרייען. מיט דעם, וואס מיר פארווארפען דעם יעזוס־פונקט און דער אנ־גענומענער אויפפאסונג פון קריסטענטום, ווערט אונז לייכט זי גאר אינגאנצען צו ווארפען. דיזער פונקט איז דער יסוד, אויף וועלכען די גאנצע אויפפאסונג האלט זיך און פאלט דער יסוד איין, פאלט מיט איהם צוזאמען די גאנצע געביידע. מיט דעם, וואס מיר ווערען פטור פון יעזוס׳ען. ווערען מיר אויך פון די אידישע אפאסטאלען זיינע פטור. די אלע פילע און רייכע פרקים, איבער וועלכע די לעבענס־פאסירונגען פון יעזוס׳ען פארשפרייטען זיך, ווערען דאן ווי רויך פארשוואונדען און עס בלייבט אין זיי גאר ניט פאר דער פארשטעלונג, וואס מיר דארפען זיך בילדען וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום. דער גאנצער היסטארישער מאטעריאל פון עוואנגעליום ווערט דאמאלס אין שטויב פארוואנ־דעלט. א חורבה ווערט דאמאלס פון דער אנגענומענער אויפפאסונג

וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום, וואס האט א אידישען יעזוס און אידישע אפאסטאלען אין צענטער פון איהר געשטעלט. און פון דיזער חורבה איז שוין מעהר ניט ווי איין טריט צו דעם, אז מיר זאלען זיך אפזאגען פון אירגענד וועלכער שייכות צום קריס־טענטום. אין דעם מאמענט, וואס מיר בלייבען פאר דיזער חורבה שטעהן, ווערט פאר אונז געשאפען די מעגליכקייט צו טאן דאס. מיר באדארפען נאר די מסקנות אונזערע, צו וועלכע מיר קומען נאך דעם, וואס מיר פארווארפען דעם יעזוס־פונקט אין דער אנגע־נומענער מיינונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום, ביז צו זייערע סאמע ראדיקאלע קאנסעקווענצען צו פיהרען, מיר באַ־דארפען דאן נאר „ממצה את עומק הדין", ווי געהעריג, זיין.

וואָרים קיין זאך צווינגט אונז ניט דאמאלס צו דענקען, אז דאס וויגעלע פון קריסטענטום איז גאר אינגאנצען ווען עס איז אין ארץ־ישראל געשטאנען. קיין זאך צווינגט אונז ניט דאמאלס צו באטראכטען גאר אין גאנצען דאס קריסטענטום אלס א צווייג פון אידישען בוים, אז די ערשטע קערענדלאך זיינע זענען אויף דעם באדען פון אידישען לאנד אין אידישען לעבען פארזעעט געווארען, אז די גרינדער זיינע און זיינע ערשטע אנהענגער זענען אידען געווען.

צוזאמען מיט יעזוס'ען און די אפאסטאלען קענען מיר די גאנצע אנטשטעהונג פון קריסטענטום די גויים אוועקשענקען. עס האלט אונז דאן גאר ניט אפ, מיר זאלען קענען די פאלגענדע מיי־נונג ארויסזאגען:

דאס קריסטענטום איז „הורתה ולידתה בטומאה" געווען. שוין דאס פריהעסטע קינדער־וויגעלע פון קריסטענטום איז צווישען גויים געשטאנען. דאס קריסטענטום איז קיינמאל קיין אידישע ערשיינונג ניט געווען. זי איז פון אנהויב אן א גוי'אישע ערשיינונג

געוועזן. זי האָט מיט די אידען אין די ערשטע יאָהרען קיין שייכות ניט געהאט. איהרע גרינדער און אפּאָסטאָ־לען זענען אלע נאָר גויים געוועזן. די מעהרסטע פאַזען פון איהר אנטוויקלונג זענען ניט אויף אַ אידישען באָדען פאָרגעקומען, נאָר אויסשליסליך אויף אַ גוי'אישען באָדען.

מיר קענען און מוזען צו דיזען באשלוס קומען נאָכדעם, וואָס עס ווערט פאר אונז קלאָר, אז אין אירגענד־וועלכען קינסט־לערישען ראָמאַן איבער אירגענד־וועלכען היסטאָרישען געגענשטאַנד איז דאָ מעהר אמת'ער היסטאָרישער אינהאַלט און פסיכאָלאָגישער אמת, ווי אין אלעם דעם, וואָס ווערט אונז אין עוואנגעליום אלס די אנטשטעהונג פון קריסטענטום אָנגעגעבען.

מיר קענען צו דיזען באשלוס קומען —

און אזוי ארום — אויב ניט גאָר אינגאַנצען לויז ווערען פון דעם שווערען פּראָבלעם, וואָס שווימט פאר אונז ארויף, ווען מיר שטעלען זיך אָפּ די ערשיינונג פון קריסטענטום צו ערקלערען — איז אלענפאלס פון א גרויסען, א גרויסען טייל זיינעם, ווי דער לעזער האָט געהאט די מעגליכקייט צו איבערצייגען זיך פון אלעם דעם, וואָס איך האָב ביז יעצט געשריבען.

איבריגענס, עס וועט מיר נאָך אויסקומען פארבייגעהענדיג צו רעדען וועגען דעם נאָך אמאָל אין נעקסטען און לעצטען טייל פון מיין ארבייט, וואו איך וועל מיך באמיהען איבערצוגעבען גע־נויער דעם לעזער מיין השערה וועגען דעם, ווי אזוי און וואו דאָס קריסטענטום איז אנטשטאנען און די וויכטיגסטע עטאַפּען פון אנטוויקלונג וואָס עס האָט די ערשטע צייט דורכגעמאכט.

# זעקסטע אבטיילונג

## מיין היפאטעזע

ג.

# מיין היפּאָטעזע.

א.

עס איז ניט געווען מיין אויפגאבע אין דיזער ארבייט מיינער, צו שרייבען וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום אין גאנצען היקף איהרען. א פשיטא שוין, אז עס איז ניט געווען מיין אויפ־גאבע צו געבען א קלאָר און אויספיהרליך בילד וועגען די אלע אנטוויקלונגס־פאזען, וואָס זי האָט דורכגעמאכט, פון ערשטען מאָ־מענט אָן, וואָס זי איז צום לעבען ארויסגערופען געוואָרען, ביז צום מאָמענט, ווען זי איז שוין פאָלשטענדיג פארענדיגט געווען.

ניט די אנטשטעהונג פון קריסטענטום האָב איך געוואָלט שרייבען. מיין ארבייט איז פון אָנהויב אָן, לויט ווי עס איז שוין צו זעהן פון דעם נאָמען, וואָס זי טראָגט אויף זיך, באשטימט גע־וואָרען, **זי זאָל נאָר א ביטראג צו דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום זיין.**

פון די אלע פארשידענע מאָמענטען אין לעבען פון קריס־טענטום פאר דער גאנצער צייט פון זיין פאָרמירונג, איז מיר וויכ־טיג געווען דער ערשטער מאָמענט פון זיין לעבען, דער מאָמענט פון זיין געבוירען.

מיין אויפגאבע איז הויפּטזעכליך געווען די אָנגענומענע מיי־נונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום צו שטירצען. דאָס,

וואס — איך וויל גלויבען — האט זיך מיר פאלשטענדיג איינגעגעבען.

אין די אלע קאפיטלען, וואס איך האב ביז יעצט דעם גע־גענשטאנד געווידמעט, האב איך באוויזען, אז אזא אויף געטליכ־קייט פרעטענדירענדע פערזאן, ווי דער יעזוס פון עוואנגעליום, האט קיינמאל ניט געלעבט און האט קיינמאל ניט געקענט לעבען ביי אידען, ארום יענער צייט, ווען דאס קריסטענטום זאל האבען אנטשטאנען. און אין צוזאמענהאנג מיט דיזען פונקט האב איך ווייטער באוויזען, אז דאס גאנצע קריסטענטום, אויף וויפיל און דערפאר, וואס מיר מוזען עס ערקלערען אלס פראדוקט, וואס האט שוין אין ערשטען אורשפרונג זיינעם טיף מיט היידענטום געא־טעמט, האט גאר איינגאנצען ניט געקאנט גע־וירען ווערען אויף דעם באדען פון אידישען לאנד און אידישען לעבען. איך האב אויך באוויזען, אז דער גאנצער היסטארישער מאטעריאל, וואס געפינט זיך אין עוואנגעליום וועגען דער אנטשטעהונג פונ'ם קריס־טענטום, איז מעהר ניט, ווי דברים בטלים, א פראדוקט פון פאר־שידענע פאנטאזיעס און פארשידענע סעקטעריאנישע טענדענצען און שטרעבונגען.

און דעריבער איז דאס טעמע מיינס שוין, כמעט, ווי אויס־געשעפט. איך בין שוין, כמעט, מיט מיין גאנצער ארבייט פאר־טיג. וואס מיר בלייבט איבער צו טאן, איז נאר דעם פאזיטיווען טייל צו געבען; פארלעגען פאר דעם לעזער מיין אויפפאסונג וועגען דעם קריסטענטום אין די ערשטע מאמענטען פון זיין אנט־שטעהונג. נאכדעם, ווי איך בין מיט דעם וויכטיגסטען טייל פון מיין ארבייט פארטיג געווארען, מיט דעם נעגאטיווען טייל איהרען, מיט דער אומשטיצונג פון דער אנגענומענער מיינונג וועגען די ערשטע מאמענטען פון געבורט פון קריסטענטום, בלייבט

מיר נאָך איבער צו שרייבען וועגען דעם, ווי איך שטעל מיר פאָר דעם אָנפאַנג פון זיין אנטשטעהן.

בלויז דאָס אַלעס בלייבט פאר מיר איבער צו טאָן.

דאָס אַלעס באַדאַרף שוין אָבער ניט קיין פיל פּלאַץ אין מיין ארבייט פאַרנעהמען.

וואָרים אין גרעסטען פּראָצענט איהרען, אין די אַלגעמיינע שטריכען איהרע, טרעט זי — מיין אויפפאסונג וועגען די ערשטע מאָמענטען אין דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום — שוין פון זיך אַליין ארוים פאר דעם לעזער איבער דער גאַנצער לענג פון אָט יענעם טייל פון מיין ארבייט, וועלכער איז געווידמעט דער אומ־שטירצונג פון דער אָנגענומענער מיינונג וועגען דעם, ווי דאָס קריסטענטום איז אנטשטאַנען, און אין די ארגומענטען, מיט וועל־כע איך אָפּעריר, די אָנגענומענע מיינונג וועגען דעם געבורט פון קריסטענטום צו פּאַרוואַרפען, ליגען שוין אויך די ארגומענטען, וואָס באַדאַרפען די ריכטיגקייט פון מיין מיינונג באווייזען.

וואָס מיר בלייבט איבער יעצט צו טאָן, איז דעריבער, נאָר די מיינונג מיינע אין אַ קאָנצענטרירטער און סיסטעמאַטישער פאָרם פאר דעם לעזער פאָרצולעגען, די קאָנטורען פון מיין אויפ־פאַסונג, ווי דאָס געבורט פון קריסטענטום איז פאָרגעקומען, פאר דעם לעזער אָנצוצייכענען.

און בכיון וויל איך אונטערשטרייכען די ווערטער „די קאָנ־טורען".

וואָרים נאָך אַלעם דעם, וואָס איך האָב באַוויזען, אַז דער גאַנצער היסטאָרישער מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין עוואַנ־געליום וועגען דעם געבורט פון דעם קריסטענטום, איז מעהר ניט ווי „עורבא פרח", נאָך אַלעם דעם, וואָס איך האָב אָנגעוויזען, אַז מיר האָבען אויך קיינע אַנדערע פארטרויענסווערטע קוועלען, פון וועלכע מיר זאָלען קענען אירגענד־וועלכע זיכערע ידיעות

שעפען, איז קלאָר, אַז געפינענדיג אַפילו דעם פּרינציפּ, וועלכער באַדאַרף פון אונז געלעגט ווערען אַלס באַזיס אין דער נייער קאָנצעפּציע וועגען דעם, ווי דאָס קריסטענטום איז געבוירען געוואָרען, קענען מיר זיך דאָך ניט אין קיינע אויספיהרליכע באַשרייבונגען אריינלאָזען וועגען דעם. קענען מיר דיזע נייע קאָנצעפּציע נאָר אין אַלגעמיינע שטריכען געבען, מיר קענען זיי אָבער ניט מיט פיל דעטאַלען באַגלייטען. מיר קענען ווירקליך נאָר דעם פּרינציפּ געבען. מיר קענען מיט זיכערקייט באַהויפּטען, אַז דער ערשטער אלף אין דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום האָט געמוזט אין די ראַמען פון אָט יענעם פּרינציפּ פּאַרקומען. מיר קענען אָבער ניט מיט פעסטער איבערצייגונג קיין גענויע צייכנונג פון אָט יענע ראַמען געבען. מיר קענען דאַן אָנווייזען אויף דעם פונדאַמענט פון דעם געבוירען־מאָמענט אין דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום. מיר קענען אָבער ניט האָבען די מעגליכקייט, די גאַנצע געביידע פאַר די אויגען פון לעזער אויפצושטעלען.

דער היוצא לנו מזה, צו וועלכען מען מוז קומען נאָך אַלעם דעם, וואָס איך האָב געשריבען ביז יעצט איז, אַז שרייבענדיג די געשיכטע פון קריסטענטום, מוז דער געגענשטאַנד פון אונזער שטודיום אין צוויי טיילען איינגעטיילט ווערען: **אין א היסטאָרישען און אין א פּאָרהיסטאָרישען. מיר מוזען שרייבען וועגען א היסטאָרישן קריסטענטום, דער פּעריאָד פון וועלכען הויבט זיך אָן א צוואַנציג יאָהר נאָך דעם חורבן בית־שני, און וועגען א פּאָרהיסטאָריש קריסטענטום, וואָס הויבט זיך אָן מיט אן אומבאַשטימטער צייט פריהער.**

און דאַמאָלס, ווען וועגען דעם היסטאָרישען קריסטענטום

קענען מיר אַן אויספיהרליך בילד געבען אויף דעם סמך פון היסטאָרישען מאַטעריאַל, וואָס מיר פאַרמאָגען, דאַמאָלס, ווען אויף דיזען פעלד קענען מיר זיך אריינלאָזען אין דעטאַלע שילדערונגען וועגען דעם גאַנצען אַנטוויקלונגס-פּראָצעס, וואָס דאָס קריסטענטום האָט דורכגעמאַכט, דאַמאָלס, ווען דאָ האָבען מיר דעם גאַנצען היסטאָרישען און פּסיכאָלאָגישען אינהאַלט פון די אַלע מאָמענטען און עטאַפּען זיינע, קענען מיר וועגען דעם פאָרהיסטאָרישען קריס־טענטום, אויף ווי ווייט מיר ווילען וויסענשאַפטליך פּינקטליך זיין, נאָר אין אַלגעמיינע שטריכען שרייבען. מיר קענען מיט באַ־שטימטהייט אונזער באַהויפּטונג מאַכען וועגען דעם פּרינציפּ פון דער פאָרם, אין וועלכער דאָס קריסטענטום האָט צום ערשטען מאָל אין לעבען אריינגעטראָגען, אָבער ניט געבען גענוי די פאָרם אליין מיט אַלע פּינקטליכקייטען איהרע.

## 2.

און דאָ קומען מיר צוריק צו דער ענדע פון דעם ערשטען טייל פון מיין ארבייט, צו דעם, וואָס איך האָב דאָרטען געזאָגט, אַז מיר באַדאַרפען זיך מיט אַ פאַרקערטען מעטאָד, ווי דער אָנגענומענער, באַנוצען אין אונזער שטודיום וועגען קריסטענטום: אָנשטאָט צו געהן פון דעם היסטאָרישען אינהאַלט אין דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום אויף דעם באָדען פון היסטאָרישע פאַקטען, וואָס מיר נעהמען אָן, בנוגע צו דיזער ערשיינונג, זאָלען מיר גאָר בויען דאָס היסטאָריש געשעהענע קריסטענטום אויף דעם יסוד פון דעם פּסיכאָלאָגיש מעגליכען דאָן קריסטענטום. אָנשטאָט דער מע־טאָד אין אונזער שטודיום זאָל אַן אינדוקטיווער זיין, זאָל ער גאָר אַ דעדוקטיווער זיין.

און ווען מיר קומען צו בויען אונזער אויפפאַסונג וועגען דעם ערשטען מאָמענט אין לעבען פון קריסטענטום — וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען, לויט מיין מיינונג, ווי דער לעזער וועט זי גע־

פינען ווייטער, מיט א צעהן־פופצעהן יאָהר פאַר דעם חורבן בית־שני און האָט זיך געצויגען איבער א פעריאָד פון דרייסיג־פופציג יאָהר — לויט דיזען מעטאָד מוזען מיר, ווי דער לעזער האָט זיך געמוזט איבערצייגען פון דעם אלעם וואָס איך האָב געשריבען ביז איצט, די פאָלגענדע פונקטען אָננעהמען :—

אז, ראשית, האלטעדיג זיך ביי דער אויפפאסונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום, וועלכע באזירט אויף דעם היסטאָרישען מאטעריאל, וואָס געפינט זיך וועגען דעם אין עוואנגע־ליום, מוזען מיר זיך דאן אויך האל־טען ביי דער מיינונג, אז דאָס קריס־טענטום איז שוין אין דעם ערשטען מאָמענט פון זיין געבוירען געווען א באוועגונג, וואָס האָט די גאנצע יניקה זיינע פון מקור הטומאה געזויגען, אז ניט נאָר אין זיין ווייטערער אנטוויקלונג האָט דאָס קריסטענטום אָנגעהויבען פיגורירען אלס א באוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט א נייע רעליגיאָן צו שאפען, נאָר, אז שוין פון געבוירען האָט עס אלס אזעלכע פיגורירט, אז שוין אין ערשטען מאָמענט פון זיין געבורט האָט עס געהאט אין זיין צענטער א פערזענליכקייט, וועל־כע עס האָט מיט א געטליכער קרוין באצירט.

צווייטענס, אז א יעזוס, ווי דער עוואנגעליום שילדערט אונז האָט קיינמאָל ניט געקענט לעבען ביי אידען צו יענער צייט, ווען דאָס קריסטענטום זאָל האָבען געווען אנטשטאנען.

דריטענס, אז א קריסטענטום, אלס א באוועגונג, וואָס האָט געשטעלט אין זיין צענטער א מענשען אלס גאָט, אָדער אפילו האלב־גאָט און האלב־משיח, האָט בשום אופן ניט געקאָנט גע־

בוירען ווערען אין ארץ ישראל. דער גאַנצער פּסיכאָלאָגישער און היסטאָרישער אינהאַלט פון אידישען לעבען צו יענער צייט צווינגט אונז ניט צוצולאָזען אזא מעגליכקייט. דאָס קריסטענטום האָט ניט געקענט אַנטשטעהן אַלס אַ צווייג פון אידישען בוים.

און דעריבער, ווען דאָס קריסטענטום וואָלט אונז נאָר אין דער געשיכטע פאַרבליבען, ווען מיר וואָלטען עס ניט האָבען אַלס אַן עקזיסטירענדען פאַקט אין דער געגענוואַרט, נאָר אַלס שוין לאַנג פאַרבייגעהענדע ערשיינונג, וואָלטען מיר דאַן אויף דעם סמך פון אָט יענע אַלע ארגומענטען, וועלכע מאַכען אונז אונמעגליך אָנצונעהמען די געשיכטע וועגען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, וואָס די אָנגענומענע אויפפאַסונג דערצעהלט אונז, נאָר אין דער גאַנצער מעשה געלייקענט. מיר וואָלטען דאַן געקענט גאָר אין גאַנצען ניט גלויבען, אַז עס איז ווען־עס־איז גאָר אינגאַנצען אַ קריסטענטום געווען. מיר וואָלטען דאַן געקאָנט די גאַנצע געשיכטע אָפּלייקענען, פּונקט, ווי מאַנכע טוען עס אין באַצוג צו דער געשיכטע, וואָס „מגילת־אסתר" דערצעהלט אונז, אָדער אין באַצוג צו דעם, וואָס ווערט אונז וועגען די „כוזרים" דערצעהלט. אויף דעם סמך פון אָט יענע ארגומענטען, וואָלטען מיר דאַן מיט פולער רעכט געקענט זאָגען, אַז די גאַנצע געשיכטע, וואָס ווערט אונז אַלס תורת אמת דערצעהלט וועגען דעם, ווי אַזוי עס איז אַמאָל אַ קריסטענטום געווען אויף דער וועלט, איז פון אָנהויב ביז צום סוף כלו שקר. עס ווערט אונז דאָ אַ לעגענדע אַלס אמת'ע געשיכטע דערלאַנגט.

ליידער אָבער לעבט נאָך דאָס קריסטענטום אויך אין דער געגענוואַרט אַ צו פולען און ממשות'דיגען לעבען, מען זאָל קענען זיין עקזיסטענץ אָפּלייקענען, מען זאָל עס קענען אַלס לעגענדע ערקלערען. אין אַ משך פון צוויי טויזענד יאָהר, כמעט, איז דאָס קריסטענטום אַ בלוטיגע און שוידערליכעווירקליכקייט געווען.

אויב אָבער מיר קענען ניט די גאַנצע געשיכטע וועגען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום אַלס לעגענדע ערקלערען, קענען מיר עס אָבער טאָן מיט אַ טייל, וואָס זי דערצעהלט אונז וועגען דעם. מיר קענען דעם „א י ד י ש ע ן" טייל פון דער גע־שיכטע פאַרוואַרפען. אַלעס, אַלעס וואָס זי דערצעהלט אונז וועגען דעם, ווי אַזוי דאָס קריסטענטום איז געבוירען געוואָרען אויף דעם באָדען פון ארץ ישראל, ווי אַזוי דאָס קריסטענטום איז אַלס אַ צווייג פון אידישען בוים אויסגעוואַקסען, קענען מיר אַלס אַן אַבסאָלוטען שקר ערקלערען.

מיר קענען עס טאָן, וואָרים ניט נאָר צווינגט אונז ניט קיין זאַך, מיר זאָלען זיך האַלטען ביי אַן אויפאַסונג וועגען קריסטענטום, וואָס שטעלט זיין קינדער־וויגעלע אין ארץ ישראל, ניט נאָר פאַרלי־רען מיר גאָר ניט, ווען מיר טוען עס ניט, נאָר פאַרקערט נאָך: אַלע אומשטענדען און אורזאַכען צווינגען אונז, מיר זאָלען דאָרטען זיין קינדער־וויגעלע ניט שטעלען; מיר געווינען נאָך דורך דעם פילעס.

### 3.

דאָס פּסיכאָלאָגיש־מעגליכע דאָן קריסטענטום איז, אַלזאָ, אַ קריסטענטום, וואָס הורתו ולידתו איז בטומאה געווען, אַ באַווע־גונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען צו פאָרמירען ניט צווישען אידען, נאָר צווישען גויים.

און ווי איך האָב שוין פריהער געשריבען, קען מען זיך ניט, אָננעהמענדיג דיזע מיינונג, אין קיינע אויספיהרליכע באַשרייבונגען אריינלאָזען וועגען דעם, ווי אַזוי דאָס געבוירען פון קריסטענטום איז פאָרגעקומען. מען קען געבען דאָן דיזעס קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון קריסטענטום נאָר אין אַלגעמיינע שטריכען, דער הויפּט־אינהאַלט פון וועלכע מוז באַשטעהן אין דער אונטערשטריי־כונג, אַז ד אָ ס ק ר י ס ט ע נ ט ו ם א י ז נ י ט ג ע װ ע ן

קיין באוועגונג, וואס איז פון אידענטום צום הײדענטום איבערגעגאנגען, נאר פארקערט, פון הײדענטום צום אידענטום, אז די ערשטע קערענדלאך פון קריסטענטום זיינען אויף דעם באדען פון א ניט־אידישען לאנד און פון א ניט־אידישען לעבען פארזייט געווארען.

ארויסגעהענדיג פון דיזען פרינציפ, קאן מען זיך דאן דאס געבורט פון קריסטענטום פארשטעלען אויף פאלגענדע צוויי אופנים:

דער ערשטער אופן באשטעהט אין דעם, מיר זאלען אננעהמען, אז אין צענטער פון קריסטענטום איז גאר פון לכתחילה אן נאר א לעגענדע געשטאנען, א לעגענדע וועגען א משיח־גאט, וואס האט געוואלט די גאנצע וועלט איהר אויסלייזונג ברייגנען, און האט א געקרייציגטער מ׳ט זיין בלוט די זינד פון די מענשען אויסגעקויפט. דיזע לעגענדע איז אונטער דער ווירקונג פון געוויסע אומשטענדען און אין א ווייטען צוזאמענהאנג — מעגליך — מיט א פערזאן, וואס האט אין די שוין לאנג־פארגאנגענע צייטען געלעבט ערגעץ וואו אין רוים אדער אין גריכענלאנד באשאפען געווארען, אדער, וואס איז נאך מעהר אננעהמבאר, זי האט אהין — און אויך אין דיזען פאל, מעגליך, אונטער דער ווירקונג פון געוויסע אומשטענדען — פון ווייטען אזיען דערגרייכט. דארטען האבען זיך אזוינע לעגענדען גאר ניט אין קיין קליינער צאהל געפונען. אייניגע פון זיי זיינען זאגאר ווי צוויי טראפען וואסער אויף די קריסטליכע לעגענדען און מיסטעריען עהנליך.

מען קען זיך, אלזא, דעם געבורט־מאמענט פון קריסטענטום אויף דיזען אופן פארשטעלען, און דאן האבען מיר נאר דעם אינהאלט פון אט יענעם מאמענט, מיר האבען אבער ניט די פאקטארען, וואס האבען דעם מאמענט אויף דער וועלט געבראכט. מיר

ווייסען ניט דעם כאראקטער און אינהאלט פון די אומשטענדען, אונטער דער ווירקונג פון וועלכע די קריסטליכע לעגענדע איז גע־שאפען געוואָרען.

און דאן ווידער קענען מיר זיך פאָרשטעלען דאָס געבורט פון קריסטענטום אויף א צווייטען אופן, וועלכער גיט אונז ניט נאָר די פאָרם זיינע, נאָר אויך די פאקטאָרען, וואָס האָבען צו זיין אנטשטעהן געפיהרט.

דער צווייטער אופן באשטעהט אין דעם, מיר זאָלען אָננעהמען, אז אין צענטער פון דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום איז יאָ דאָס לעבען און ווירקען פון א געוויסער פערזאָן געשטאנען.

עס איז מעגליך אָנצונעהמען, אז ארום יענער צייט, ווען דאָס קריסטענטום איז אנטשטאנען, האָט געלעבט א פערזאָן, וואָס איז אין געוויסע קרייזען טייער און הייליג געווען, און נאָך זיין טויט האָבען איינינע פאסירונגען פון זיין לעבען צוזאמען מיט דעם גרויסען רעספעקט און דער גרויסער ליבע, וואָס זיין קרייז האָט געפיהלט צו איהם, געדינט אלס באָדען, עס זאָל די קריסטליכע לעגענדע וועגען דעם געבורט און טויט פון אן ערלייזער אָרגינאל געשאפען ווערען, אָדער איבערגעשאפען ווערען פון אן עהנליכער לעגענדע, וואָס האָט פון טיפען אזיען געשטאמט.

ווי די זאך זאָל אָבער ניט זיין, באדארפען מיר אָבער גע־דענקען, אז די גאנצע וויכטיגקייט פון דיזעביידע פאָרמען, וואָס מיר קענען זיך פאָרשטעלען וועגען דעם געבוירען־מאָמענט פון קריסטענטום, לויט דעם וואָס מיין היסטאָרישער און פסיכאָלאָגי־שער אנאליז דיקטירט אונז, באשטעהט נאָר אין דעם אלגעמיינעם פרינציפ זייערען, אין דער באהויפטונג, אויף וועלכער זיי ביידע זיינען געבויט, אז דאָס קריסטענטום איז אנטשטאנען ניט אלס אידישע באוועגונג, נאָר אלס א גוי׳אישע. ווי די זאך זאָל אָבער ניט זיין, באדארפען מיר געדענקען, אז נאָר אין דיזען אלגע־

מיינעם פרינציפּ זייער"ז ליגט דער שליסעל צו דער פרשה סתומה אין דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום, אז נאָר אין איהר באַדאַרף מען זוכען דעם אינהאַלט פון דעם פאָרהיסטאָרישען פּעריאָד זיינעם.

און דעריבער, ווי באַרויבט מיר זאָלען ניט זיין פון דער מעגליכקייט דעם שטעמפּעל פון היסטאָרישען אמת צו דער אָדער יענער פאָרם צולעגען, קענען מיר אָבער און באַדאַרפען דאָך, ווען מיר קומען שרייבען וועגען דעם קריסטענטום אין זיין פאָרהיסטאָרישען פּעריאָד אַלס פּאָזיטיווען מאַטעריאַל אָנגעבען דעם אַלגעמיינעם פרינציפּ זייערען, די באַהויפּטונג, אויף וועלכע זיי ביידע באַזירען, אַז, הויפּטזעכליך, איז אין צענטער פון דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום נאָר אַ לעגענדע געשטאַנען, אז אויב עס האָט אפילו דאָס לעבען פון אַ געוויסער פּערזאָן געדינט אַלס באָדען, אויף וועלכען דאָס קריסטענטום זאָל זיך אָנהויבען צו אַנטוויקלען, האָט אויך דאַן דיזע פּערזאָן ערשט נאָכ'ן טויט אָנגעהויבען צו לעבען אַלס גאָט און משיח. דיזע באַהויפּטונג קען און באַדאַרף זיין דער גרונד־שטריך אין דעם בילד, וואָס מיר קומען געבען וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום. ארום דיזען גרונד־שטריך און אין האַרמאָניע מיט איהם באַדאַרף אויך דאָס גאַנצע בילד געגעבען ווערען. די ווייטערע אנטוויקלונג פון קריסטענטום באַדאַרפען מיר זיך פאָרשטעלען אַלס פּועל־יוצא פון דעם גרויסען רעליגיעזען עקסטאַז, פון דער גרויסער רעליגיעזער באַגייסטערונג, וואָס אָט יענע לעגענדע, וועלכע מיר מוזען אַלס דעם אורשפּרונג פון קריסטענטום באַטראַכטען, האָט ביי פילע מחנות מענשען ארויסגערופען. דיזער גרויסער רעליגיעזער עקסטאַז און דיזע גרויסע רעליגיעזע באַגייסטערונג, האָבען מיט דעם מיטווירקען, מעגליך, פון נאָך אַנדערע פאַרשידענע פאַקטאָרען — די קריסטליכע לעגענדע פון די ענגע ד' אמות פון אַן אייגענעם

קרייז אין דער ברייטער וועלט ארויסגעפיהרט. זיי האבען פריי־
הער אדער שפעטער ארויסגעפיהרט דאס קריסטענטום אויף דעם
ברייטען וועג פון א „גרויסען שטרעבען", עס זאל אנהויבען אלס
וועלט־רעליגיאן צו פיגורירען. דיזער רעליגיעזער עקסטאז און
רעליגיעזע באגייסטערונג האט די קריסטליכע לעגענדע אין א
צייט ארום, אונטער דער ווירקונג פון דער גרויסער קאטאסטראפע,
וואס דאס אידישע פאלק האט אין דער צייט פון חורבן בית־שני
איבערגעלעבט, אויך קיין פאלעסטינא פארטראגען, און אין דיזען
מאמענט האט דאס קריסטענטום זיין דו־פרצופים'דיגען כאראקטער
באקומען. פון איין זייט האט די אידישע וועלט דאן פילע עלע-
מענטען פון דער קריסטליכער לעגענדע, וועלכע זי האט געקענט
פאר געוויסע אייגענע צוועקען אויסנוצען, אויף איהר אייגענעם
באדען פארפלאנצט, און פון דער צווייטער זייט, קומענדיג אין
באריהרונג מיט די אידישע רעליגיעזע באגריפען און מיט די
אידישע שטימונגען און פיהלונגען אין יענעם היסטארישען מא־
מענט האט דאס קריסטענטום, צופאסענדיג זיך צו זיי, געוויסע
ענדערונגען אין זיך ארייגעטראגען, און ניט נאר דערפאר, וואס עס
האט ניט קיין גענוגענדען ווידערשטאנד דעם אויסערליכען דרוק
ניט געקענט ארויסוויזען, ניט נאר געגען זיין אייגענעם ווילען
איז עס דאן אונטער דעם אידישען איינפלוס אונטערגעפאלען,
נאר עס האט זיך אויך וויליג אונטער דיזען איינפלוס געשטעלט,
אויף וויפיל עס האט געקענט אין איהם געפינען נייע מיטלען זיין
פאזיציאן צו באפעסטיגען, אויף וויפיל עס האט דורכדעם געקאנט
האפען נאך מיט מעהר ערפאלג זיין פארשפרייטונג צו פארגרע־
סערען. און וועהרענד ביז דאמאלס איז דאס קריסטענטום אייג־
הייטליך און הארמאניש געווען, וועהרענד ביז דאמאלס האט עס
דורכאויס א היידניש לעבען געלעבט, איז יעצט א באדען געשאפען
געווארען, אויף וועלכען עס זאלען זיך פארשידענע פאקטארען און

פארשידענע עלעמענטען זיך אנהויבען ראנגלען. עס איז דאן גע־ליגט געווארען דער גרונד־שטיין פאר דער דיסהארמאניע און פאר דעם אינערליכען קאמף אין די קריסטליכע רעליגיעזע קאנצעפ־ציאנען און דאקטרינען, ווי אויך אין איהרע לעגענדען און פא־בולען, פון וועלכע דאס קריסטענטום האט זיך שוין איבער דער גאנצער ליניע פון זיין אנטוויקלונגס־פראצעס ניט געקאנט בא־פרייען.

---

און וואס אנבאלאנגט מיר אליין בין איך נוטה צו גלויבען, אז דאס קריסטענטום איז אנטשטאנען לויט דעם צווייטען אופן, אז אין א צענטער פון זיין אנטשטעהונג האט זיך דא דאס לעבען און ווירקען פון א געוויסער פערזאן געפונען.

און ניט דערפאר בין איך נוטה ביי אזא מיינונג זיך האלטען דערפאר, וואס איך האב וועלכע־עס־איז היסטארישע דאקומענטען, מיט וועלכע איך זאל זי קאנען באגרינדען. דער לעזער האט גע־זעהן, אז איך האב עטליכע מאל אונטערגעשטראכען, אז מיר קאנען בשום אופן קיינע פאזיטיווע באהויפטונגען ניט מאכען, וואס אנבאלאנגט די פארמען, אין וועלכע די ערשטע מאמענטען פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום האבען אנגענומען אויסשליסליך טאקע דערפאר, וואס מיר האבען וועגען דעם קיין שום היסטארי־שען מאטעריאל ניט. דער לעזער האט געזעהן, ווי איך האב פילע מאל אונטערגעשטראכען, אז מיר קאנען זיך ניט וועגען דעם אין קיינע אויספיהרליכע דעטאלען אריינלאזען. אויב איך בין אבער צו דיזער מיינונג דאך נוטה, איז דאס נאר דערפאר, ווייל עס איז ניטא קיין אורזאכע, וואס זאל אונז צווינגען ניט צו אקצעפטירען זי, נאר דערפאר, וואס אקצעפטירענדיג זי, קאנען מיר דאן א קלארע פארשטעלונג פאר זיך שאפען וועגען דעם, ווי דער גאנצער ענטוויקלונגס־פראצעס פון קריסטענטום איז פארגעקומען, וואס

דורך איהר קאָנען מיר דאַן אַן אויספיהרליך בילד פאַר זיך האָבען וועגען די אַלע פאַקטאָרען, וואָס האָבען דאָס קריסטענטום צום לעבען ארויסגערופען. מיר באַקומען דורך דעם די מעגליכקייט אָט יענע פרשה סתומה אין דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום אין א נגלה צו פארוואַנדלען.

לאָמיר אָבער איבערגעהן צו מ י י ן היפּאָטעזע וועגען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום אויף דעם גרונד פון אָט יענעם צווייטען אופן, אויף וועלכען מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען דעם געבורט זיינעם.

## 4.

מיין היפּאָטעזע וועגען דער צייט, ארט און אופן פון דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום איז פאָלגענדע:

דער אורשפּרונג פון דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום איז, לויט מיין מיינונג, געווען אין רוים, ארום צעהן־פופצעהן יאָהר פאַר דעם חורבן בית שני.

דיזע צייט האָט שוין געטראָגען אין זיך דעם אָנזאָג פון דעם צעפאַלען פון דער רוימישער אימפעריע. צו יענער צייט האָבען זיך היבשע סימנים פון דעקאַדענץ אָנגעהויבען צו באַווייזען אין דעם רוימישען פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען לעבען. אין רוים אַליין האָבען שוין די גרענעצען צווישען די פּאַטריציער און פּראָס־טען המון אָנגעהויבען צו פאַרשווינדען. א ו נ ט ע ר ד ע ר ו ו י ר ק ו נ ג פ ו ן א י י ב י ג ע ן ג ע ז ע ץ פ ו ן ע ו ו א ־ ל ו צ י א ָ ן, אונטער דער ווירקונג פון פאַרשידענע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען, ו ו ע ל כ ע ז י י נ ע ן ש ט ע נ ־ ד י ג א ו י ך א ַ ל י י ן פ ו ן י ע נ ע ם א י י ב י ג ע ן ג ע ז ע ץ א פ ר אָ ד ו ק ט, זיינען דאָרטען די פאָלקס־מאַסען וואָס מעהר און מעהר רעוואָלוציאָניזירט געוואָרען. זיי זיינען וואָס מעהר און מעהר צו זייער מענשליכען באַוואוסטזיין געקומען

און האָבען מעהר שוין ניט געוואָלט נאָכפאָלגען בלינד די דיק־טאטור פון די הערשענדע קלאסען.

און ניט נאָר אויסערליך זיינען זיי דאן געוואָרען א גרעסערע מאכט, ווי זיי זיינען בעפאָר געווען. זיי האָבען דאן אויך אינערליך צו א העכערער מדרגה דערגרייכט.

אויב ביז יעצט זיינען די הערשענדע קלאסען געווען די פאָר־שטעהער פון ציוויליזאציאָן און קולטור, פון מעהר עסטעטישע און עטישע לעבענס־פאָרמען, דעמאָלט, ווען די מאסען זיינען געווען געגנצליך צו זייערע רויהע אינסטינקטען איבערגעגעבען, האָט זיך יעצט זעהר פיל דאָס בילד געביטען. די מאסען האָבען זיך יעצט צו א העכערער מדרגה פון קולטור דערהויבען. דער גרויסער פאטריציער איז דעמאָלט געווען צו פויל זיינע טאלאנטען צו אנטוויקלען. האָט ער עס איבערגעגעבען צו זיינע שקלאפען און שקלאפינען, זיי זאָלען דיזע אלע זאכען גרינדליך שטודירען, כדי זיי זאָלען איהם אין זיינע וואקכאנאליעס און ווילדע אָרגיעס אמו־זירען. און פילע פון זיי האָבען זיך ווירקליך מיט דעם שטודיום פון דיזע אלע זאכען באשעפטיגט, און האָבען אין זיי גרויסע שלימות דערגרייכט, אזוי, אז זיי האָבען אפילו פון זיך פיל טאלענטירטע פאָעטען ארויסגעגעבען.

די אריסטאָקראטישע שיכטען פון דער רומישער באפעלקערונג האָבען דאן וואָס ווייטער און ווייטער אלץ א מעהר גרעסערע שטופע פון ענטאַרטונג דערגרייכט. זיי האָבען דאן אלץ מעהר און מעהר געזונקען אין מאָראלישען שמוץ. זיי האָבען אלץ מעהר און מעהר אָנגעהויבען צו פיהרען א לעבען פון פוילענצער און שכורים. זיי זיינען דאן געוואָרען די פאָרשטעהער פון א דעגע־נערירטען און אויסגעלאסענעם לעבען, וואָס איז אלץ מעהר און מעהר בערג אראָפּ געגאנגען, וואָס איז פון דער געשיכטע צום טויט פאראורטיילט געוואָרען, דעמאָלט, ווען די מאסען זיינען געוואָרען

די טרעגער פון א מעהר געזונטען, מעהר ראפינירטען חוש פאר׳ן לעבען.

צוזאמען דערמיט, וואס זיי זיינען צו זייער מענשליכען באַוואוסטזיין געקומען, צוזאמען דערמיט, וואס זייערע פאָדערונגען און פארלאנגען פון לעבען האָבען זיך פארגרעסערט, צוזאמען דערמיט האָט זייער לעבען אויך א מאָראלען אינהאלט באקומען. אין געוויסע קרייזען האָט זיך אָנגעהויבען א מאָראלע ערוואכונג צו פיהלען. עס האָט ביי זיי דאָס אויסגעלאסענע און פאָליטיש־און־סאָציאלע פארברעכערישע לעבען פון דער רוימישער געזעלשאפט דעמאָלט א געפיהל פון פראָטעסט און עקעל ארויסגערופען, און עס האָט אָנגעהויבען צו לעבען אין זייערע הערצער א פארלאנג פאר שעהנערע און גערעכטערע לעבענס־פאָרמען.

און אויב זיי זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט גענוג און פאָליטיש ערצויגען גענוג, צו קאָנען דאָס גאנצע לעבען ענדערען, אויב זיי זיינען ניט געווען פעהיג גענוג א פאָלשטענדיגע רעוואָלוציאָן דורכצופיהרען: די אַלטע פאָליטישע און סאָציאלע אָרדנונג אומ־שטירצען און אויף איהר פלאץ אן אנדערע אויפצובויען, דערפאַר, וואס אויך זיי אליין האָבען געפעלט די פאָליטישע און סאָציאלע אידעאלען, אין נאָמען פון וועלכע זיי וואָלטען געווען געקאָנט דאָס אלעס דורכפיהרען, דערפאר, וואס עס האָט זיי געפעלט אָט יענער פאָזיטיווער מאָמענט אין זייערע פאָליטישע און סאָציאלע סענטימענטען און שטרעבונגען, וואס וואָלט זיי געקאָנט פעהיג מאכען א שאפענדע און בויענדע טעטיגקייט אָנצופיהרען; זיינען זיי אָבער שטארק גענוג געווען אנארכיע אין פאָליטישען און געזעל־שאפטליכען לעבען פון רוים ארייַנצוטראָגען, זיינען זיי אָבער גענוג שטארק געווען א צערשטערענדע טעטיגקייט אָנצופיהרען, זיינען זיי גענוג שטאַרק געווען א שרעק אויף די הערשענדע קלאסען אָנ־

צעווארפען און מאכען זיי פיהלען, ווי דער באָדען אונטער זייערע פיס וואקעלט זיך.

צו יענער צייט, ווענען וועלכער איך רעד, ארום דער צייט פון נעראָן קיסר, פלעגען פון צייט צו צייט אויסברעכען אין רוים פאָלקס־בונטען, וועלכע האָבען שוין אויף זיך א האלב־רעוואָלוציאָנערען כאראקטער געטראָגען. עס האָבען זיך דאן אין רוים געהיימע געזעלשאפטען געפונען, וועלכע האָבען האלב־געטראָגען אין זיך א כאראקטער פון אנארכיסטיש־טעראָריסטישע אָרגאניזאציאָנען, און האלב א כאראקטער פון רעליגיעזע — אין ברייטערען זין — געזעלשאפטען. צוזאמען מיט זייער רויב־ און מאָרד־טעטיגקייט האָבען זייערע מיטגלידער אויך מיט פראָבלעמען פון מאָראל און סאָציאלער עטיק זיך באשעפטיגט, האָבען זיי זיך טיף אין זייער נשמה געגראָבען, א זין און צוועק פון דאָרטען פאר דעם לעבען צו געפינען. צוזאמען מיט דעם טיפען האס און שנאה, וואָס זיי האָבען אלע צוזאמען צו דער גאנצער אויסערער וועלט געפיהלט, האָט אויך א געפיהל פון טיפער ליבע און מיטלייד זיי אלעמען צווישען זיך פארברידערט.

און געפיהרט פלעגען דיזע געזעלשאפטען ווערען פון פערזענליכקייטען, וועלכע זיינען אליין אויך א מיש־מאש פון פארשידענע געגענגעזעצטע פסיכישע אייגענשאפטען געווען: אויף א העלפט זיינען זיי רעוואָלוציאָנערען־טעראָריסטען געווען און אויף א העלפט אנארכיסטען־אידעאליסטען, מאָראל־פרעדיגער און סאָציאל־רעפאָרמער.

### 5.

און דאָ קומען מיר צו מיין היפאָטעזע ווענען דעם געבורט פון קריסטענטום.

מיין מיינונג איז, אז דער טויט פון א פאָרשטעהער פון אַט

אזא אָרגאניזאציאָן איז געווען דער אָנהויב פון א לאנגען פּאָדעם, וואָס האָט זיך אין דעם גרויסען קנויל קריסטענטום פאָרמירט.

און דער שפּיץ פון איינער פון די אויבענדערמאָהנטע געזעל־שאַפטען — זאָלען מיר אָננעמען, איז ארום צעהן־פופצעהן יאָהר פאר דעם חורבן בית שני א געוויסע פערזענליכקייט געשטאנען, וועלכער האָט אין זיך א סך הארציגקייט, א סך ווייכקייט און א סך פערזענליכען מאגנעטיזם פאַרמאָגט. ער איז געווען איינער פון די ווייניגע יחידי סגולה, וועלכע קאָנען מיט זייער הארציג באַ־נעמען זיך צו די מענשען, מיט וועלכע עס קומט זיי אויס צו פאַר־קערען, יעדען איינעם אונטער זייער היפּנאָז שטעלען. דורך זייערע ווארימע נשמה־באַציהונגען צו יעדען איינעם קאָנען זיי די מענש־ליכע הערצער פאנגען און זיי האָבען די מעגליכקייט אָן אומגע־הויער גרויסען איינפלוס אויף זייער קרייז אויסאיבען. איז ער דאריבער שטארק פארגעטערט געווען פון דעם קרייז זיינעם און יעדער איינער פון זיינע אָנהענגער האָט צו איהם טיפע ליבע געפיהלט.

און די זעלבע טעטיגקייט, וואָס די אַלע פאָרשטעהער פון אָט יענע געהיימע געזעלשאַפטען האָבען דעמאָלט אָנגעפיהרט, האָט אויך ער אָנגעפיהרט צווישען זיין קרייז. אויך ער האָט ביטערען האס און טיפע פאראכטונג צו די העכערע געזעלשאַפטען געפיהלט און טיפען מיטגעפיהל פון רחמנות צו די נידעריגע ליידענדע פאָלקס־שיכטען. דער אונטערשיד צווישען איהם און יענע איז געווען נאָר אין דעם, וואָס ער האָט זיין רעוואָלוציאָנערע פּראָ־פּאגאנדע און צושטערענדע טעטיגקייט נאָך מיט מעהר פייער און פארביסענקייט אָנגעפיהרט. ער האָט אין דיזער פּראָפּאגאנדע עם גאנצען ברען און קראַפט פון זיין טעמפּעראַמענט אריינ־געלעגט, דעם גאנצען שטורם פון זיין פּראָטעסטירענדער נשמה אריינגעבראכט. מיט זיין שטארקען און שטורמישען וואָרט, דורך

דעם היפּנאָז פון דער צוציהונגס־קראַפט, וואָס זיין פּערזענליכקייט האָט פאַרמאָגט, האָט ער נאָך מעהר ווי אַלע אַנדערע שטאַרקען און טיפען האַס און צאָרן געוועקט אין די הערצער פון זיינע אַנהענגער צו די הערשענדע קלאַסען, האָט ער ביי זיי נאָך מעהר פּראָטעסט און עקעל אַרויסגערופען צו די עקזיסטירענדע לעבענס־פאָרמען.

און דאַריבער האָבען איהם באַטראַכט די פאָרשטעהער פון דער רוימישער מאַכט אַלס איינעם פון די געפעהרליכסטע שונאים זייערע, האָבען זיי איהם צום טויט פאַראורטיילט און האָבען דעם טויט־אורטייל זיינעם מיט גרויס פּאַראַד און צערעמאָניעלע דעטאַלען אויסגעפיהרט, כדי צו פייערען דעם זיעג איבער זייער אַ געפעהר־ליכען שונא, ווי אויך צוליב דעם, כדי אָנצושרעקען דורך דעם טויט פון איינעם פון די באַליבטעסטע ביי די ברייטע שיכטען פון פאָלק רעוואָלוציאָנערען די פּראָטעסטירענדע עלעמענטען פון דער גע־זעלשאַפט.

איידער אָבער איך געה איבער צו די וויטערדיגע פּונקטען פון מיין היפּאָטעזע, מוז איך מיר אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלען צוליב דער פאָלגענדער באַמערקונג, וואָס איך וויל דאָ מאַכען:

דעם דאַטום, וואָס איך גיב אָן אין מיין היפּאָטעזע פאַר דער פאָרמירונג אָדער פאַר דעם מאָמענט פון דער געבורט פון קריס־טענטום, ווי אויך דעם גאַנצען סקעלעט און כאַראַקטער פון מיין היפּאָטעזע, שטיץ איך דאַרויף, וואָס די געשיכטע דערצעהלט אונז, אַז נעראָן־קיסר, דאָס לעבען און ווירקען פון וועמען פאַלט צוזאַ־מען מיט מיין אויבענדערמאָנטען דאַטום, האָט באַשולדיגט די ערשטע קריסטען אין רוים, אַז זיי האָבען די שטאָדט אונטער־געצונדען, און אונטער דעם אויסרייד פון דיזען בלבול האָט ער אָנגעהויבען אַ גאַנצע רייהע פון פאַרפאָלגונגען געגען די קריסט־ליכע געזעלשאַפטען, וואָס האָבען זיך דאַן געפונען אין רוים, און

דאן אויך די הינריכטונג פון די אפאסטאלען פולוס און פעטרוס אויסגעפיהרט.

אויב עס זיינען פאראן אלע גרינדע צו צווייפלען אין דער פולער ריכטיגקייט פון דעם אלעם, וואס דיזע געשיכטע דערצעהלט אונז, אויב עס זיינען פאראן פילע גרינדע צו צווייפלען אין די אלע אויספיהרליכע דעטאלען איהרע, איז אבער קיין גרונד ניטא צו צווייפלען, אז דיזע געשיכטע ענטהאלט דאך פילע קער־ענדלאך פון היסטארישען אמת אין זיך, אז אין הויפט־אינהאלט איהרען, האבען מיר אין איהר ווירקליך געשיכטע. מיר קאנען אין איהר מעהר היסטארישען מאטעריאל געפינען, וואס אנבאלאנגט דער צייט, ארט און כאראקטער פון קריסטענטום אין זיין ערשטען מאמענט פון זיין ענטשטעהן, ווי אין דעם גאנצען עוואנגעליום געפינען. מיר דארפען זי באטראכטען אלס אן אלטע היסטארישע שילדערונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום, וועלכע איז שפעטער פארפלאנטערט געווארען דורך דעם, וואס זי האט דאן אריינגענומען אין זיך איינגיגע דעטאלען און באהויפטונגען פון פארשידענע אנדערע לעגענדען און געשיכטען, וועלכע זיינען אין פארלויף פון דער צייט וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום באשאפען געווארען, אייניגע דעטאלען און באהויפטונגען, וועלכע מיר קאנען בשום אופן ניט באטראכטען אלס ווירקליך־געשעהענע פאקטען.

אין דעם, וואס זי דערצעהלט אונז וועגען דעם שקר־בלבול, וואס די פארשטעהער פון דער רוימישער מאכט האבען אויסגע־טראכט אויף די ערשטע קריסטען אין רוים, האבען מיר א וואונק אויף דעם כאראקטער פון דער סביבה, אין וועלכער עס האט זיך קולטיווירט א באדען, די ערשטע קערענדלאך פון קריסטענטום זאלען אויף איהם קאנען פארזעעט ווערען, לויט, ווי איך האב דאס אלעם אויבען אין דער היפאטעזע מיינער געשילדערט. אין דעם,

ווידער, וואס זי דערצעהלט אונז וועגען דער הינריכטונג פון פולוס און פעטרוס, האבען מיר אין א פארפלאנטערטער פארם אט יענעם פונקט פון מיין היפאטעזע, אז דער טויט פון איינעם, א פארשטעהער פון א געוויסער געהיימער אנארכיסטיש־טעראריס־טישער ארגאניזאציע איז געווען דער אנהויב פון דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום.

נאך דעם, וואס זי זאל אונטער א קליינער אפעראציאן אונ־טערגעווארפען ווערען, נאך דעם, וואס מיר זאלען אריינטראגען איניגע אומבאדייטענדע ענדערונגען, וועלכע זאלען באשטעהן אין דעם: 1) מיר זאלען באטראכטען די נעמען פעטרוס און פולוס פון די פארשטעהער פון די קריסטליכע געזעלשאפטען, וואס ווערען אין יענער געשיכטע דערמאנט, אלס א פראדוקט, וואס איז ערשט אין א שפעטערדיגער וואריאציע איהרער אריינגעטראגען געווארען; 2) אנשטאט, מיר זאלען אננעמען זיין טויט, ווי עס ווערט אין דער אויבענדערמאנטער געשיכטע געטאן אלס א מאמענט, וואס האט זיך שוין אויף א ווייטען דיסטאנץ פון דעם אנהויב פון דער אנט־שטעהונג פון קריסטענטום געפונען, זאלען מיר אין איהם אליין טאקע דעם אנהויב פון דיזער אנטשטעהונג זעהן; 3) אנשטאט, ווידער, צו באצייכענען אט יענע געזעלשאפטען, וואס ווערען אין דער געשיכטע דערמאנט אלס קריסטליכע, זאלען מיר דיזען נאמען, אין איינקלאנג מיט די אויבענדערמאנטע צוויי ענדערונגען, גאר אינגאנצען ארפווארפען — נאך דיזער קליינער אפעראציאן קאנען מיר פון איהר דעם פאלגענדען אינהאלט ארויסלעזען, אז: אין דער צייט פון נעראן־קיסר האבען זיך געהיימע געזעלשאפטען אין רוים געפונען, וועלכע האבען איבער דער גאנצער שטאדט א טעטיגקייט פון שווארצען טעראר אנגעפיהרט. און אלס ענטפער אויף זייער טעראר האט די רעגירונג דאן אנגעהויבען ביטערע פאר־פאלגונגען געגען דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון די געזעל־

שאפטען און האט ביז צום טויט פארפייניגט די צוויי הויפט־אנפיהרער זייערע. מיט איינעם ווארט, אין אלגעמיינע שטריכען קאן מען ארויסלעזען פון איהר דעם גאנצען אינהאלט, כמעט, וואס דער לעזער קאן אין מיין היפאטעזע געפינען. זיי קאנען ביידע מיט גענענזייטיגער הילף זיך בייטען.

צו ענדע פון מיין באמערקונג מוז איך נאך אבער אויך צו־געבען, אז סיי ווי וואלט איך ניט אויף פיל פריהער אדער שפעטער מיין דאטום גערוקט, און די ווערט פון מיין היפאטעזע קאן גאר ניט געמינערט ווערען, ווען מיר זאלען אפילו גאר איינגאנצען פאר־ווארפען דעם אופן ווי איך טייטש אוים אט יענע געשיכטע וועגען דעם שקר־בלבול, וואס נעראן האט אויף די ערשטע קריסטען אוים־געטראכט.

לאמיר זיך, אלזא, אומקערען צו די ווייטערדיגע פונקטען פון מיין היפאטעזע. ביז יעצט האב איך צוגעפיהרט די היפאטעזע מיינע ביז צו דעם, ווי פארשטעהער פון דער רוימישער מאכט האבען פארפייניגט ביז צום טויט איינעם פון די פארשטעהער פון א געהיימער ארגאניזאציע, צו וועלכען דער קרייז זיינער האט אומענדליכען רעספעקט און ליבע געפיהלט.

און אט דיזער מארטירער־טויט פון העלד האט געבראכט דערצו, עס זאלען זיך ארום דעם העלד פארשידענע לעגענדען אנ־הויבען צו וועבען. ער איז עס געווען דער באדען, אויף וועלכען די קריסטליכע לעגענדע אין איהר ערשטער אויפלאגע איז עס געשאפען געווארען.

די גרויסע ליבע און פארגעטערונג, וואס זיי האבען געפיהלט צו זייער פארשטארבענעם פיהרער, צוזאמען מיט דעם טראגישען טויט זיינעם, ווי אויך דאס, וואס זיי זיינען צופיל באוואוסט געווען אויף זייער שוואכקייט, צו קאנען דאס בייזע און שלעכטע לעבען

שטירצען, האָבען געשאַפען וועגען איהם די לעגענדע, אַז ער איז געקומען מיט זיין בלוט די מענשהייט פון איהרע זינד אויסצולעזען.

דורך זיין טראַגישען טויט איז ער פון אַ הייליגען, ווי זיינע אַנהענגער פלעגען איהם ביי זיין לעבען באַטראַכטען, אין אַ גאָט, אָדער אַ האַלבען־גאָט פאַרוואַנדעלט געוואָרען. דורך זיין טראַגישען טויט איז די לאָקאַלע טעטיגקייט זיינע אַלס אַנפיהרער פון אַ געהיימער געזעלשאַפט, די מיטגלידער פון וועלכע זיינען אפשר פיל מעהר באַנדיטען, ווי רעוואָלוציאָנערען, געוועזען, אין אַן אוניווערזאַלען דערלייזער פאַרוואַנדעלט געווארען. עס איז דאַן זיין לעבען און טויט די מיסיאָן צוגעשריבען געווארען, די גאַנצע מענשהייט אויסצולעזען.

## 6.

איבעריגענס, עס איז מעגליך, אַז די קריסטליכע לעגענדע אין איהר ענדגילטיגער — ריכטיגער: אין איהר פאָרענדגילטיגער — פאָרם, ווען זי האָט שוין געהאַט אַלס באַזיס איה־ע צוויי הויפּט־פּרינציפּען: יעזוס אַלס אַ גאָט, און, אַז די ערלייזונג, וואָס ער איז געקומען דער מענשהייט ברענגען, איז געווען פון איהרע זינד צו באַפרייען דורך זיין פאַרגאָסען בלוט, איז אויף אַ נאָך מעהר רעוואָלוציאָנערען און נאַטירליכען אופן פאָרגעקומען. מעגליך, אַז די ערשטע צייט איז די קריסטליכע לעגענדע אין ראַמען פון מעהר „מענשליכען" כאַראַקטער געשאַפען געוואָרען. מעגליך, אַז אין די ערשטע לעגענדען, וואָס זיינען אַרום יענעם העלד געוועבט געוואָרען, האָט ער נאָך אַלץ פיגורירט אַלס אַ הייליגער, נאָר אַלס גוטע און פרומע נשמה, וואָס האָט מיט זיין לעבען און ווירקען, טרייסט און פרייד צווישען די ערנידעריגטע און דערשלאָגענע פאַרשפּרייט. און האָבען געמעגט אַרום דיזען צענטראַלען פונקט פילע פאַנטאַסטישע און קאָלירען־רייכע לעגענדען געשאַפען ווערען, זיינען זיי אָבער דאָך ניט אין די גרענעצען פון איבערמענשליכקייט

און געטליכקייט אריינגעטראָטען. מעגליך, אז ערשט אין א צייט ארום, נאָך דעם, וואָס די אידישע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט איז פאַרניכטעט געוואָרען, האָט יעזוס אין דער קריסטליכער לעגענדע אלס גאָט אָנגעהויבען צו פיגורירען, אז ערשט דאַן האָט די קריסטליכע לעגענדע די גרענעצען פון „מענשליכקייט" און נאַטירליכקייט איבערגעטראָטען און האָט פון איהר צענטער אָט יענע צוויי מאָמענטען געשטעלט.

וואָרים דער חורבן בית שני איז געווען א געשעהעניש פון א גוואַלדיג קאַטאַסטראָפאַלען כאַראַקטער, ניט נאָר פאַר דעם אידישען פאָלק אליין, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער אויסערער וועלט. ניט נאָר פאַר זיי אליין איז דער חורבן בית שני א בית־הקברות געווען, אויף וועלכען זיי האָבען געזעהן אלע זייערע האָפנונגען און טרוימען באַגראָבען. ער איז אויך א בית־הקברות געווען פאַר די אלע באַגריפען און אַנשויאונגען, וואָס האָבען זיך צו יענער צייט און נאָך מיט א תקופה פריהער אין א באַדייטענדען טייל פון דער ארומיגער וועלט אָנגעהויבען בילדען. די פאָלשטענדיגע פאַרניכטונג פון דער אידישער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט איז געוואָרען דעמאָלט א קוואַל פון פאַרצווייפלונג, פאַרלאָרענקייט און הילפלאָזיגקייט, ניט נאָר פאַר דעם אידישען פאָלק אליין, נאָר אויך פאַר פילע, פילע עלעמענטען פון דער ציוויליזירטער מענשהייט דעמאָלט.

די גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט דאָס אידישע פאָלק צוטומעלט און האָט זיין קאָפּ אין שווערען טרויער און פאַרצווייפלונג טיף צו דער ערד געבויגען. דער גאָט, אין נאָמען פון וועלכען זיי האָבען אלע זייערע קעמפע אָנגעפיהרט, אין וועלכען זיי זיינען אזוי זיכער געווען, אז ענדליך וועט ער דאָך פאַר זיי דעם זיעג איבער זייער שונא ברענגען, האָט פאַרלאָזט זיין פאָלק. דאָס פאָלק, וועמען ער האָט פון צווישען אלע אנדערע פעלקער אויסדערוועהלט, זיי זאָלען

זיין עם־סגולה זיין, ליגט צוטראָטען און באַשפּיגען פאַר די פיס פון אכזריות'דיגען שונא. פון דעם הייליגען טעמפּעל, דער הייליג־סטער פּלאַץ, וואָס האָט זיך איבער גאָר דער וועלט געפונען, פון דעם הייליגען טעמפּעל, וועלכער איז ניט ווייניגער, ווי דעם אידי־שען פאָלק, אויך גאָט אַליין טייער און הייליג געווען און ער האָט פון דאָרטען קיינמאָל זיין שכינה אָפּגעטאָן, איז אַ באַרג אַש גע־וואָרען. דאָס הייליגע לאַנד איז אין אַ וויסטען מדבר פאַרוואַנדעלט געוואָרען, און די גאַנצע באַפעלקערונג איהרע זיינען אַלס שקלאַ־פען, געשמידט אין אייזערנע קייטען אין לאַנד פון שונא אַוועק־געפיהרט געוואָרען. זיי — די אידען — זיינען, ווי צומישטע פאַר דעם גרויסען אומגליק געשטאַנען און האָבען זיך ניט געקאָנט אָריענטירען אין אינהאַלט פון דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפען. זיי האָבען ניט געקאָנט געפינען דעם זין און צוועק פון דעם אַלעם. זיי האָבען ניט געקאָנט געפינען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דעם אינהאַלט פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זייער וועלט רואינירט, מיט דעם אַלעם, וואָס זיי האָבען וועגען גאָט און וועלט געדענקט ביז יעצט, מיט דעם, וואָס זיי האָבען געגלויבט ביז יעצט, אַז זיי שטעהען אונטער דער אויסשליסליכער השגחה פון גאָט שטענדיג.

און צעמישט און צעטומעלט זיינען אויך פילע עלעמענטען פון דער אַרומיגער מענשהייט שטעהן געבליבען. אויך זיי האָבען זיך אין דעם אינהאַלט פון דיזער קאַטאַסטראָפע ניט געקאָנט אָריענטירען. אויך זיי האָבען ניט געקאָנט געפינען דעם זין און צוועק פון דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט דעם אידישען פאָלק געטראָפען, און צווישען די נייע אַנשויאונגען און באַגריפען, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען ביי זיי.

די מעהר עטישע און מאָראַלע פאָרמען פון אידישען לעבען האָבען דאַן צו פילע פאַרשידענע עלעמענטען אין דער ברייטער

וועלט אפעלירט. די ריינקייט און זיטליכקייט פון אידישען לעבען אין פארגלייך מיט'ן לעבען פון די היידנישע פעלקער דעמאָלט האָט ביי זיי רעספּעקט און אכטונג געוועקט און האָט אין זייער הארצען ווארימע סימפּאטיען צום אידישען פאָלק איינגעפלאנצט. דאָס היידענטום האָט דאַן אויך זייער רעליגיעזען דורשט שוין מעהר ניט געקאָנט שטילען. זייערע אלטע רעליגיעזע באגריפען און אנשויאונגען האָבען אָנגעהויבען אָפּגעשוואַכט ווערען. עס זיינען רעפלעקסיאָנען פון אידישען מאָנאָטעאיזם אויף זייער רעליגיעזער וועלט געפאלען און האָבען דאָרטען א באָדען פאַר מעהר ראַפינירטע רעליגיעזע באגריפען געשאפען.

און אלעס צוזאמען האָט אין זיך באדארפט דאַן די טענדענץ טראָגען, עס זאָל די גרויסע און ברייטע ארומיגע וועלט, וואָס מעהר אונטער דעם איינפלוס פון דעם אידישען גלויבען און אידישען מאָראל געשטעלט ווערען. אלעס צוזאמען האָט באדארפט פיהרען דערצו, עס זאָלען אָנהויבען וואָס מעהר און מעהר גרעסערע מחנות מענשען זייערע אויגען קיין ציון ווענדען. אלעס צוזאמען האָט מיטגעבראכט דערצו, אז פארשיידענע עלעמענטען פון דער מענש־ליכער געזעלשאפט זאָלען אָנהויבען באטראכטען דעם אידישען נאָט אלס דעם איינציגען, וועלכער איז אנערקענונג ווערט, און דאָס אידישע פאָלק אלס די סולת פון די אלע איבעריגע פעלקער, אלס די בלום צווישען די פארשיידענע נאציאָנען, און צוזאמען דערמיט אויך א טיפען פארלאנג ביי זיך אין הארצען פיהלען, אָנצושליסען זיך אין דער אָנגעהעריגקייט פון דער אידישער רעליגיאָן און דער אידישער נאציאָנאליטעט.

איידער אָבער דיזע אלע נייע באגריפען, אנשויאונגען און פארלאנגען זיינען נאָך פאָלשטענדיג רייף געוואָרען, איידער אָט יענע אלע, וואָס האָבען זייערע אויגען קיין ציון אָנגעהויבען צו ווענדען, איידער זיי האָבען נאָך אפילו זייער ערשטען שריט אין

אט יענער ריכטונג, וואס האט זיי באדארפט קיין ציון פיהרען — געמאכט, האבען זיי דערזעהן ציון א פארבלוטיגטע און געשענדעטע, אונטער די פיס פון ברוטאלען שונא ליגען, און דאס אויסדער־וועהלטע פאלק אין גלות וואנדערען.

האט דאס אלעס אין סאמע לעבענס־נערוו פון די נייע רע־ליגיעזע סימפאטיען, וואס האבען זיך אנגעהויבען צו בילדען ביי זיי, געטראפען. אט דאס איז דאס — האבען זיי געזאגט צו זיך — די אילוסטראציאן צו דעם אמת און גערעכטיגקייט, מיט וועלכע דער אידישער גאט פיהרט עס די וועלט. מיט דיזער שרעקליכער קאטאסטראפע האט ער עס זיין באליבט און אויסדערוועהלט פאלק באלוינט דערפאר, וואס עס איז שענער, ריינער און בעסער פאר אלע אנדערע פעלקער. די שאנד און שמאך, אין וועלכער זיי האבען דאס אידישע פאלק זינקען דערזעהן, האט זיי צוריק אויף א גרויסען דיסטאנץ צום היידענטום א שליידער געטאן. זיי האבען אנגעהויבען צו בלאנדזשען איבער דעם נייעם וועג, וואס זיי האבען ערשט ניט לאנג אנגעהויבען צו אהנען, און עס איז גע־שאפען געווארען פאר זיי א באדען, אויף וועלכען זיי זאלען אנ־הויבען מאדנע נייע פארפלאנטערטע מיסטישע רעליגיעזע קאנ־צעפציאנען צו זוכען.

און אויך דער קרייז, אוואו עס האט די קריסטליכע לעגענדע אין איהר אורשפרינגליכער פארם געלעבט, האט ניט געקאנט בלייבען אויסער דער ווירקונג פון דעם טרויעריגען שיקזאל, וואס האט דעם אידישען פאלק געטראפען דאן. עס האט זיך אין דער אטמאספערע פון דיזען קרייז צופיל רעליגיעזע בענקעניש און זוכעניש געפיהלט, די מוחות און הערצער פון די רייהען זיינע זיינען צופיל באאומרוהיגט געווען פון פראבלעמען פון עטישען און סא־ציאלען כאראקטער, זיי זאלען געווען קאנען בלייבען גלייכגילטיג צו אלעם דעם, וואס איז געשעהן פאר זייערע אויגען. אויך זיי

זיינען צעמישט און צעטומעלט געשטאנען פאר דער נייער ער־שיינונג. אויך זיי האבען געזוכט, צו קאנען אריענטירען זיך אין דעם אלעם, וואס איז געשעהן. אויך זיי האבען געזוכט אן ער־קלערונג צו דעם אינהאלט פון דער קאטאסטראפע, וואס זיי האבען פאר זייערע אויגען דערזעהן.

און אט אזוי ארום האט אויך אויף דער לעגענדע וועגען אט יענעם העלד, דורך וועלכען עס איז דאס קריסטענטום אין לעבען געקומען, דיזע קאטאסטראפע איהר שטעמפעל ארויפגעלעגט. זור־כענדיג א שליסעל צום שווערען פראבלעם, אויף וועלכען זיי האבען זיך אנגעשטויסען, זוכענדיג א וועג דעם זין און צוועק פון דער אידישער קאטאסטראפע צו ערקלערען, האט דער אונ־טערגאנג פון דער פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט פון אידישען פאלק געשאפען פאר איהר א מעגליכקייט נאך ברייטער און פרייער די גרעניצען פון איהר פאנטאזיע פונאנדערצושפרייטען, מיט נאך שטארקערע פארבען זייער העלד אלס גרויסע פערזענליכקייט צו שילדערן, א נאך גרעסערע מיסיאן זיין לעבען צושרייבען.

דאן א, זאלען מיר דענקען, זיינען עס אין די קריסטליכע לעגענדע אריינגעטראגען געווארען — ענטוועדער אלס א פראָ־דוקט פון אריגינעלער שאפונג, אדער זיי האבען זיך אנגעקלעבט אין איהר פון פרעמדע ערלעזער־לעגענדען, ווען זיי האבען אין איהר יעצט א גינסטיגען באדען דערויף געפונען — די געטליכע עלעמענטען, אט יענע עלעמענטען, וועלכע שילדערן יעזוס'ן אלס א גאט, אלס א מענשליכען ערלייזער, וואס האט מיט זיין בלוט די מענשהייט פון איהרע זינד אויסגעקויפט.

דאס קריסטענטום האט דאן דאס אידישע פאלק שוין אויף שטענדיג אלס א יורד־פאלק ערקלעהרט. אין זיין פאליטישען אונטערגאנג האט עס שוין די לעצטע שורה פון זיין שיקזאל גע־

זעהן, און האט אויף פאלגענדען אופן די אידישע דראמא קאַמענטירט.

דאס אידישע פאלק איז, אמת, פריהער דאס עם־סגולה־געווען, האט עס אויף זיך א גרויסע פאראנטווארטליכקייט גע־טראגען, האט עס פאר זיך גרויסע אויפגאבען געהאט אויסצו־פיהרען. די אידען האבען אבער זייער מיסיאן אין לעבען פאר־נאכלעסיגט, די אויפגאבען וואס גאט האט אויף זיי ארויפגע־לעגט, האבען זיי ניט דורכגעפיהרט. זיי האבען דעם פולען בע־כער פון זינד געטרונקען. און ווען גאט האט געזעהען, אז זיי פאלען אלץ טיפער און טיפער אין תהום פון זינד, האט ער פון זייער קאפ די עם־סגולה־קרוין אראפגעריסען און האט זיי אויף אייביג פארשטויסען פון זיך.

און צוזאמען דערמיט, וואס דאס קריסטענטום האט דאמאלס דאס אידישע פאלק אלס יורד־פאלק ערקלעהרט, צוזאמען דאמיט האט עס דאן אין א געטליכען מאנטעל זיין באליבטען העלד איינ־געהילט. האבענדיג שוין געשאפען די זינד־טעאריע אלס אן ער־קלעהרונג צו דער אידישער קאטאסטראפע, איז עס שוין פסיכאָ־לאגיש נאטירליך געווען, אז דאס קריסטענטום זאל אין דיזען וועג אן אוצר פאר זיך זעהען און זאל פרובען אויף דיזען וועג אויך די ערקלעהרונג פון לעבען און ווירקען פון זיין באליבטען העלד זוכען. די זינד־טעאריע אין באצוג צו דער אידישער קאטאס־טראפע איז א גינסטיגער באדען געווען, עס זאל אויף איהם אויך די אלגעמיינע זינד־טעאריע זיינע געשאפען ווערן. פון דער ערש־טער צו דער לעצטער איז א נאטירליכער — אין פסיכאלאגישען און לאגישען זין — איבערגאנג געווען. עס האט דאן אנגעהוי־בען איבעראל זינד צו זוכען. דאס אידישע פאלק איז צוליב זיינע זינד אוים פאלק געווארען, און אויך זייער — פון די אנ־הענגער פון די קריסטען דאמאלס — באליבטען העלד, וואס האט

אזויפיל ליכטיגקייט און ווארימקייט אין זיין נשמה פארמאגט, וואס האט אזוי פיל ליבע און מיטלייד אין זיין הארצען געטראגען — אויך איהם האבען די גרויסע זינד נאר, די זינד פון דער גאנצער מענשהייט — פון לעבען אוועקגענומען. עס איז דאן אריינגעטראגען געווארען אין קריסטענטום די רעליגיעזע קאנצעפּציאן, אז די וועלט איז פון ששת ימי בראשית אן ביז דעם מאמענט, ווען יעזוס איז געקרייציגט געווארען, אין זינד איינגעהילט געווען. ווארים עס איז דאן, אין די ששת ימי בראשית נאך, דורך דעם ערשטען מענשען דער ווילען פון גאט פארשוועכט געווארען, האט דעריבער דיזע שווערע זינד איבער אלע מענשליכע דורות געהאנגען. דאן א האט עס די קריסטליכע לעגענדע אנגעהויבען צו רעדען וועגען איהר העלד אלס מענשליכען ערלעזער. די קריסטליכע לעגענדע האט דאמאלס דאס לעבען און ווירקען פון איהר העלד אין צוזאמענהאנג מיט דער גרויסער אידישער טראגעדיע געבראכט.

די אידישע קאטאסטראפע האט געדינט אלס פאקטאר, אלס אנרעגער, דאס קריסטענטום זאל אויסטייטשען די עפאכע, אין וועלכער עס האט געלעבט, אלס א ראדיקאלען ווענדונגס־פונקט ניט נאר אין שיקזאל פון אידישען פאלק, נאר אויך אין שיקזאל פון דער גאנצער מענשהייט. ניט נאר דעם אונטערגאנג פון דער אידישער וועלט האבען זיי אין איהר געזעהן, נאר אויך דעם אונטערגאנג פון דער גאנצער וועלט. עס האט ניט נאר דאס אידישע פאלק אליין שוין מעהר ניט אלס נאציאן געקאנט עקזיסטירען, נאר אויך די גאנצע וועלט האט שוין מעהר ניט געקאנט עקזיסטירען. זי האט געמוזט אונטערגעהן. דאס איז געווען דער שיקזאל, וואס איז נאך פון ששת ימי בראשית אן אנגעגרייט געווארען פאר איהר. ער אבער, דער באליבטער זוהן פון גאט, האט די וועלט פון אונטערגאנג געראטעוועט. אין זיין טויט איז אויך די שווערע

זינד געשטאָרבען, אין זיין קערפּערליכען אונטערגאַנג איז אויך די אַלטע וועלט אונטערגעגאַנגען, און אין זיין צוריק צום לעבען קומען, איז אויך די וועלט נאָך אַ מאָל שוין צו אַ ניי לעבען געקומען. די אַלטע וועלט איז געשטאָרבען, און אויף איהר פּלאַץ איז יעצט אַ ריינע, נייע וועלט באַשאַפען געוואָרען. גאָט האָט דורך דעם טויט פון זיין זוהן פון ס'ניי די וועלט איבערגעשאַפען.

## 7.

ווי די זאַך זאָל אָבער ניט זיין בנוגע צו דיזען פונקט פון מיין היפּאָטעזע, בנוגע צו דער באַהויפּטונג, וואָס זי מאַכט, אַז דער מאָמענט, ווען דער אורשפּרונג פון דער קריסטליכער לעגענדע האָט ערקלערט איהר העלד אַלס אַ גאָט, איז געקומען אין אַ ווייטער־רע פאַזע פון זיין ענטוויקלונג, אַלס קאָנסעקווענץ פון דער אידישער זינד־טעאָריע, וואָס דאָס קריסטענטום האָט נאָך דעם חורבן בית שני באַשאַפען — ווי די זאַך זאָל ניט זיין בנוגע צו דיזען פונקט פון מיין היפּאָטעזע, ווי אויך בנוגע צום גאַנצען היקף איהרען בכלל, מוזען מיר דאָך אָננעמען די מסקנא, צו וועלכער דיזער פונקט פיהרט אונז, אַז אויף דעם וועג פון שטרעבען צו ווערען אַ וועלט־רעליגיאָן, האָט זיך דאָס קריסטענטום ערשט אין אַ צווייטען פּעריאָד פון זיין ענטוויקלונגס־אַוועקגעלאָזט, ניט שוין באַלד אין אָנהויב פון זיין געבוירען. איינשליסענדיג אָדער אויס־שליסענדיג אָט יענעם פונקט פון מיין היפּאָטעזע, ווען מיר זאָלען אפילו אָננעמען, אַז שוין באַלד נאָך דעם טויט פון אָט יענעם העלד, וואָס מיין היפּאָטעזע שטעלט אין צענטער פון דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, האָבען איהם זיינע אָנהענגער אַלס גאָט און ערלייזער ערקלערט, איינשליסענדיג אָדער אויסשליסענדיג גאָר די גאַנצע היפּאָטעזע אין אונזער נייער אויפפאַסונג וועגען דער אַנט־שטעהונג פון קריסטענטום, ווען מיר זאָלען אפילו גאָר אין גאַנצען נאָר אַ לעגענדע שטעלען אין צענטער פון זיין אַנטשטעהונג, מוזען

מיר דאַך אָננעמען, אויף וויפיל מיר ווילען אונזער נייע זוויפ־פאַסונג זאָל אין זיך מעהר פסיכאָלאָגישען און לאָגישען אמת אַנט־האַלטען, אַז ביז דעם חורבן בית שני האָט דאָס קריסטענטום נאָך ניט געטראָגען אויף זיך דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיאָן. ביז דאַן איז די קריסטליכע לעגענדע נאָר פאַר היימישען געברויך געווען. דאָס קריסטענטום איז באַשטאַנען דאַן אין דעם, וואָס אין געוויסע לאָקאַלע קרייזען האָבען געלעבט עראינערונגען, לע־גענדען און געשיכטען וועגען אַ העלד, וואָס איז אַ ווירקליך־היסטאָרישע אָדער נאָר לעגענדאַרע פערזענליכקייט געווען, — וועלכער האָט מיט זיין לעבען באַצאָלט פאַר די זינד פון די מענשען. און ערשט אין דער צייט פון חורבן בית שני איז דער מאָמענט אין דער אנטוויקלונג פון קריסטענטום געקומען, ווען עס האָט אָנ־געהויבען צו שטרעבען, אַ וועלט־רעליגיאָן פאַר דער גאַנצער מענש־הייט אונטער זיינע פליגלען אויסצואוואַרימען.

אויב ניט אפילו איבער דער ליניע פון דירעקטע לאָגישע און היסטאָרישע אַסאָציאַציאָנען, אלס דירעקטער פועל יוצא פון אַ גאַנצען אורזאַכען־ און קאָנסעקוועצען־קאָמפּלעקס, איז דאָס קריס־טענטום דעמאָלט צו דיזען פונקט אין זיין אנטוויקלונג געקומען איבער דער ליניע פון פסיכאָלאָגישע אַסאָסיאַציאָנען, אלס אַ פועל יוצא פון פסיכאָלאָגישע רעגונגען און עמאָציאָנען. אונטער דער ווירקונג פון גרויסען מאָמענט, אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע געשעהענישען, פון די גרויסע עמאָציאָנען, וואָס דיזער גרויסער מאָמענט האָט געשאַפען, האָט אויך דאָס קריסטענטום דאַן גרויסע פליגלען און גרויסע אַפּעטיטען באַקומען, האָט אויך דאָס קריס־טענטום דעמאָלט זיך גרויס פאַרמאָסטען.

עס איז דאַן באַשאַפען געוואָרען אַ גינסטיגער באָדען פאַר דעם קריסטענטום, עס זאָל זיך אלס אַ רעליגיאָן פּראָקלאַמירען. עס איז דאַן באַשאַפען געוואָרען אַ מעגליכקייט פאַר דעם, עס זאָל

מיט אויסזיכטען אויף גרויסען ערפאָלג זיין ליניע אין דיזער ריכ־טונג ציהען. אין דעם טראַגישען אינהאַלט פון חורבן בית שני האָט עס געפונען א מעגליכקייט ניט נאָר אלס רעליגיאָן זיך צו ערקלערען, נאָר אויך אלס די איינציגע רעליגיאָן. עס האָט געהאט די מעגליכקייט דאָן צו מאַכען די באהויפטונג, אז מיט דעם אָנ־קומען פון קריסטענטום זיינען אַלע אנדערע רעליגיאָנען אָפּגעשאַפט געוואָרען. עס איז פאר דעם קריסטענטום מעגליך געוואָרען דאָן צו באטראַכטען דעם העלד, וואָס איז זיין צענטראַל־פונקט געווען, ניט נאָר אלס איינעם פון די מענשליכע ערלייזער, נאָר אויך אלס דעם גרעסטען און לעצטען, וואָס גאָט האָט אראָפּגעשיקט אויף דער וועלט, ער זאָל מיט זיין בלוט די מענשען פון זייערע זינד ריין מאַכען און אין דעם גלויבען אין איהם ארום גאָט זיי אין איין משפחה פאראייניגען.

עס האָט יעצט דאָס קריסטענטום א גרויס און פריי פעלד פאר אנטוויקלונג פאר זיך דערזעהן. עס האָבען זיך אויף דעם נאָר קיינע שטערונגען געמערקט, קיינע קאָנקורענץ־מעגליכקייטען. גאָט האָט יעצט קיינע פארטרעטער אויף דער וועלט געהאַט. דאָס פאָלק, וואָס האָט פרעטענדירט, מען זאָל עס באטראַכטען אלס עם־סגולה פאָלק, און זיינע נביאים און משיחים אלס די פארטרעטער פון גאָט, זיינען פון איהם — פון גאָט — פארלאָזט געוואָרען. זיי האָבען דאריבער זייער העלד געקאָנט ערקלערען יעצט אלס דעם איינציגען פארטרעטער פון גאָט. עס איז יעצט באשאפען גע־וואָרען א מעגליכקייט פאר דעם קריסטענטום, ניט נאָר אין דער ברייטער היידנישער וועלט אלס רעליגיאָן ארויסטרעטען דורך דעם, וואָס עס האָט אויסגעטייטשט די אידישע קאטאסטראָפע אלס סימן, אז גאָט האָט שוין אויף אייביג דאָס אידישע פאָלק פון זיך פארשטויסען, נאָר צו פרובען אויך דאָס אידישע פאָלק דורך דיזער טעאָריע אונטער איהרע פליגעל צו שטעלען.

ווען מיר זאָלען אָבער אפילו אויך בנוגע צו דיזען פונקט ניט „קובע מסמרות" זיין, ווען מיר זאָלען אפילו אָננעמען, אז די לעגענדען, וואָס זיינען געשאַפען — אָדער איבערגעטראָגען געוואָרען וועגען אָט יענעם היסטאָרישען אָדער לעגענדאַרישען העלד, וואָס שטעהט אין צענטער פון קריסטענטום, האָבען ביי פילע מחנות מענשען גרויסען רעליגיעזען עקסטאַז און גרויסע רעליגיעזע באַגייסטערונג אַרויסגערופען און האָבען גאָר גיך דאָס קריסטענטום אויף דעם וועג פון ערקלערען זיך אַלס רעליגיאָן אַרויפגעפירט, באַדאַרפען מיר אויך דאַן זיכער זיין, אַז וואָס אנבאַלאַנגט דעם מאָמענט, ווען דאָס קריסטענטום האָט אָנגעהויבען צו מאַכען אַ פאַרזוך אויך אויף דער אידישער וועלט זיינע פליגעל צו פאַרשפּרייטען, איז ערשט נאָך דעם חורבן בית שני געקומען. וואָרים עס איז פאַר דעם פריהער קיין מעגליכקייט ניט געווען. עס איז ערשט דאַן דערפאַר די מעגליכקייט געקומען דורך דעם, וואָס דאָס קריסטענטום האָט געקאָנט שאַפען יעצט די טעאָריע, אַז גאָט האָט גענצליך מבטל געווען דעם בונד, וואָס ער האָט מיט די אידען דורך זיינע נביאים געשלאָסען, און קאָן איהם נאָר דורך דעם נייעם פאַרטרעטער זיינעם מיט זיי באַנייען, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט דעם נייעם נביא אויף דער וועלט אַראָפּגעשיקט, האָט ער דעם אויטאָריטעט פון די אַלע נביאים, וואָס זיינען ביז איהם געווען, מבטל געווען.

8

און ערשט — און וואָס אנבאַלאַנגט דיזען פונקט קאָנען מיר אין אונזער באַהויפּטונג נאָך מעהר זיכער זיין ווי אין באַצוג צום ערשטען — נאָך דעם חורבן בית שני, ערשט דאַן איז אויך אין דער קריסטליכער לעגענדע דער א[illegible]ער איינפלוס אַריינגעטראָגען געוואָרען. ערשט דאַן האָט [illegible]עקט אויך דאָס

## אידישע פאלק אנגעהויבען זיין אנטייל אין איהר איינצואוועבען.

די אנטוויקלונג פון דער קריסטליכער לעגענדע איז דאן אין צוויי פאראלעלע ריכטונגען פארגעקומען.

פון איין זייט האט דאן געשטרעבט די היידנישע וועלט דורך דעם קריסטענטום, דורך דעם, מיין איך צו זאגען, וואס זי האט דאס קריסטענטום געשטעלט אין צוזאמענהאנג מיט דעם אלעם, וואס איז געשעהן דעמאלט אין אידישען לעבען, דאס אידישע פאלק צו פאר'גוי'אישען. זי האט געזוכט צו באאיינפלוסען דאס אידישע פאלק דורך דעם אופן, ווי דאס קריסטענטום האט דעם גרויסען אידישען אומגליק אויסגעטייטשט, זיי — די אידען — זאלען זיך פון זייער רעליגיאן און נאציאנאליטעט אפזאגען און אנערקענען דעם נייעם גלויבען.

און פון דער צווייטער זייט האט דאס אידישע פאלק געמאכט דאן א פארזוך, די קריסטליכע לעגענדע צו פאראידישען, אויס־צוטאן זי פון איהרע היידנישע פארמען און אן אויסשליסליך אידי־שען אינהאלט אין איהר אריינברענגען, ארויסטרייבען פון איהר איהר קאסמאפאליטישען און אוניווערזאלען כאראקטער און שאפען פון איהר א ריין אידישע משיח־לעגענדע, וואס זאל צו די געשע־הענישען פון יענער צייט צוגעפאסט זיין.

פונקט ווי לויט מיין אומפאסונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום באדארפען מיר זיך פארשטעלען די וואנדערונגס־ליניע איהרע אויף א פארקערטען אופן, ווי די אנגענומענע מיינונג לערענט אונז, אזוי איז אויך די אנטוויקלונג פון די צוויי געגענ־געזעצטע עלעמענטען איהרע, דער היידנישער און דער אידישער, פארגעקומען אויף א פארקערטען אופן, ווי די אנגענומענע מיינונג דענקט. נים זיינען אין איהר די אידישע עלעמענטען פריהער געווען, און ערשט נאכדעם זיינען אין איהר די היידנישע עלעמענ־

טען אריינגעטראָגען געוואָרען, נאָר פארקערט. פריהער איז אין איהר געווען דער היידנישער איינפלוס, און ערשט נאָכדעם איז דער אידישער איינפלוס געקומען. פריהער זיינען אין איהר געווען די היידנישע עלעמענטען און ערשט נאָכדעם זיינען אין איהר די אידישע עלעמענטען אריינגעטראָגען געוואָרען.

פונקט ווי די קריסטליכע לעגענדע האָט אין דער גרויסער דראמא פון אידישען פאָלק, ווען די עבאָ איהרע איז אָנגעקומען אויף דעם פלאַץ, אוואו זי האָט געלעבט, געפונען פאר זיך א פאַסיגען מאטעריאל, דורך וועלכען זי זאָל קאָנען נייע פליגלען צו איהר געביידע צובויען, פונקט ווי זי האָט אין יענער גרויסער דראמא א קויאל דערזעהן פאר זיך, פון וועלכען זי זאָל קאָנען מעהר לעבען און קראפט, מעהר מאכט און איינפלוס, פאר זיך שעפען, אזוי האָט אויך דער קאטאסטראָפאלער היסטאָרישער מאָמענט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דעמאָלט איבערגעלעבט, געפונען אין דער קריסטליכער לעגענדע איניגע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיין קאָמענטאטאָר און אויסטייטשער געקאָנט זיין. זוכענדיג די ערקלערונג צו אלעם דעם, וואָס איז געשעהן, האָט די פאנטאזיע פון פאָלק געהאט די מעגליכקייט אין דער קריסטליכער לעגענדע זוכען דעם שליסעל צו אָט יענער ערקלערונג. אונטער דער ווירקונג פון דער גרויסער קאטאסטראָפע איז די קריסטליכע לעגענדע איבערגעטראָגען געוואָרען אויף דעם אידישען באָדען, און צופאסענדיג זיך צו דעם אינהאלט פון יענעם היסטאָרישען מאָמענט, איז זי דאָרטען, אין ארץ־ישראל, פון א גוי'אישער, היידנישער לעגענדע געווארען א אידישע לעגענדע געוואָרען.

אויף דעם גרונד פון דער קריסטליכער לעגענדע איז דאָן אין געוויסע אידישע קרייזען באשאפען געוואָרען א לעגענדע וועגען א אידישען העלד, וואָס האָט פון בית־דוד געשטאמט, וועלכען גאָט האָט מיט פילע יאָהרען צוריק, איידער דער בית המקדש איז חרוב

געוואָרען, אלס משיח צום אידישען פאָלק געשיקט, ער זאָל איהם פאָלשטענדיג פון יאָך פון שונא באפרייען. דערפאר אָבער, וואָס די אידען האָבען ניט געגלויבט אין איהם, דערפאר, וואָס זיי האָבען איהם ניט געגעבען זייער אנערקענונג, האָבען זיי זייער גאולה און דאָס לעבען פון זייער גואל פארשפילט. דורך דעם, וואָס ער האָט ביי זיי קיין שטיצע ניט געפונען, איז ער אין די הענט פון די רוימער אריינגעפאלען, וועלכע האָבען איהם צום טויט פאר־אורטיילט.

אויך יענע אידישע קרייזען, וואו דיזע לעגענדע איז אנט־שטאנען, האָבען די גרויסע אידישע קאטאסטראָפע אלס די לעצטע שורה אין שיקזאל פון אידישען פאָלק באטראכט און דורך דיזער לעגענדע האָבען זיי דעם זין און מיין פון דעם גאנצען אינהאלט איהרען דערקלערט. זיי האָבען די קריסטליכע לעגענדע געגצליך אָפגעשאפט און צו זייער קאָנצעפציאָן וועגען דיזען היסטאָרישען מאָמענט צוגעפאסט. אָנשטאָט א גאָט אָדער א האלבען גאָט האָבען זיי אין צענטער פון זייער לעגענדע א משיח געשטעלט. אָנשטאָט וועגען דער אוניווערזאלער גאולה, האָט דיזע לעגענדע נאָר וועגען דער אויסשליסליך אידישער גאולה גערעדט. אָנשטאָט ווידער דער קאָנצעפציאָן פון דער קריסטליכער לעגענדע וועגען דעם טויט פון יעזוס׳ן אלס אן אקט פון פאטאלען כאראקטער, אלס אן אומפארמיידליכער, אלס אזעלכער, וואָס האָט אין זיך די הויפט־מיסיאָן פון גואל אנטהאלטען; אנשטאט, וואָס זי נעמט אויף דעם טויט פון יעזוס אלס אן אקט, וועלכער איז פאר דער גאנצער וועלט א ברכה געווען, וואָרים זי איז דורך איהם פון איהרע זינד אויסגעלייזט געוואָרען, האָט דאָ דער טויט פון גואל פיגורירט אלס אן אקט, וועלכער איז ניט פון גאָט׳ס־ווילען דיקטירט געוואָרען, אלס אן אקט, וואָס איז דורך איהם ניט א ברכה, נאָר א קללה אויף דער וועלט געקומען, וואָרום מיט דעם לעבען פון גואל, וואָס איז

פארשפילט געווארען, האבען די אידען אויך זייער גאולה פאר־שפילט.

דערויף, עס זאל געוועזען קאנען דאן אזא לעגענדע אין ארץ־ישראל געשאפען ווערען, האט אייגענטליך דאס קריסטענטום דאן אפילו ניט מעהר, ווי נאר די ראלע פון אן אנרעגער געדארפט שפילען.

דער אומענדליכער צער און יאוש פון אידישען פאלק דעמאלט האט די פסיכאלאגישע מעגליכקייט געשאפען, אז געוויסע אידישע קרייזען זאלען אונטער דער לייטונג פון דעם אידישען טייל אין דער זינד־טעאריע, וואס דאס קריסטענטום האט דאן געשאפען, צו אט אזא — ווי איך האב פריהער געשילדערט — פארצוויי־פלונגס קאנצעפציאן קומען וועגען דעם שיקזאל פון אידישען פאלק. און אין די אלע פאסירונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין משך פון דעם גאנצען פעריאד פון פאר דעם חורבן בית שני, האבען זיי דעם גאנצען סקעלעט געהאט, דעם גאנצען מאטעריאל, כמעט, פאר דער לעגענדע, וועלכע האט באדארפט זייער קאנצעפציאן אי־לוסטרירען.

אידישע רעוואלוציאנערען, וועלכע האבען אין זייער קאמף אויך זייער לעבען אלס מארטירער פארלארען, זיינען אין יענער עפאכע גאר ניט ווייניג געווען. עס איז זיך אויך ניט שווער פאר־צושטעלען, אז עס האבען זיך צווישען זיי אויך געקאנט געפינען איינציגע, וואס האבען ווירקליך פון מלכות בית דוד געשטאמט, ווי אויך דאס, אז איינציגע פון זיי זיינען, מעגליך, אלס מארטירער געשטארבען דערפאר, וואס זיי האבען ניט געהאט גענוג שטיצע פון אידישען פאלק. האבען זיי נאך מעהר, ווי אלע אנדערע, טיפע שפורען אויף דער פאנטאזיע פון פאלק געלאזט, האבען זיי גענומען איינעם פון די דאזיגע העלדען אלס דעם העלד פון זייער לעגענדע. זיי האבען גאר אינגאנצען זעהר ווייניג מאטעריאל פאר זייער

לעגענדע פון דער קריסטליכער לעגענדע געדאדפט שעפען. זיי האָבען דאָס אַלעס פאַרטיג און גרייט אויף זייער אייגענעם באָדען געהאַט, ניט נאָר אַלס לעגענדאַרען מאַטעריאַל, נאָר אַלס ווירק־ליכע היסטאָרישע פאַקטען. דעם גאַנצען מאַטעריאַל פון זייער לעגענדע האָבען זיי געקאָנט נעמען אין די פּאַסירונגען פון זייער תקופה. זיי האָבען נאָר צוויי פּונקטען צוגעגעבען: דעם העלד אַלס פון גאָט געשיקטען משיח צו ערקלערען און אַז ער איז דער איינציגער און לעצטער געוועזען.

אגב, מעגליך, אַז דאַן איז עס דער נאָמען ישו דעם גרינדער פון קריסטענטום געגעבען געוואָרען. צווישען די אידישע מאַר־טירער־רעוואָלוציאָנערען האָט זיך געקאָנט געפינען איינער אָדער אייניגע מיט אַזאַ נאָמען. האָבען די אידען אַרום זיין נאָמען זייערע לעגענדען געוועבט, און דיזער נאָמען איז שוין אויף שטענדיג אויך אין דער פאַראייניגטער קריסטליכער לעגענדע געבליבען.

עס האָבען דאַן אַזוי אַרום, לויט ווי איך פּאַס אויף דעם גאַנ־צען ענין, צוויי גאַנץ באַזונדערע „קריסטליכע" — אין באַצוג צו דער צווייטער מיינט דיזער טערמין מעהר גאָרניט, ווי נאָר זיין ריין פילאָלאָגישען אינהאַלט, — לעגענדען צירקולירט. איינע אַ גוי'אישע, וועלכע האָט אויף זיך קיינע שפּורען פון אידישער רעליגיעזער דאָגמאַ אָדער פון אידישע עמאַציאָנען געטראָגען, — ווען זי האָט אפילו אריינגענומען אין זיך דאָס אידישע פּראָבלעם. שאַפּענדיג די זינד־טעאָריע אין באַצוג צום אידישען פאָלק, האָט דאָס איהר אויך אינערליך ניט באַריהרט. זי איז דורך איהם ניט פאַראידישט געוואָרען. זי האָט דורך דעם קיין טענדענץ ניט אַרויסגעוויזען צו וועלען אַסימילירען זיך מיט — אָדער אין — דעם אידענטום. זי איז אויך דאַן ביי איהר פולען פריהערדיגען אינהאַלט געבליבען. וואָס זי האָט דורך דעם געוואָלט, איז געוועזען

— פאלשטענדיג דאס אידענטום אין זיך איינשלינגען, אהן דעם עס זאל אויף איהר אפילו וועלכען עס איז שטעמפעל ארויפלעגען. וואס זי האט געוואלט דורך דעם, איז געווען — צו דער פאל־שטענדיגער פארניכטונג פון אידענטום ברענגען, — א גוי'אישע לעגענדע, וועלכע האט גערעדט פון איהר העלד אלס אזעלכען, וועלכער איז אן אמת'ער גוי מבטן ומלידה — לויט זיין פארקער־פערונגס־אפשטאמונג — געווען און האט זיין לעבען און טעטיג־קייט מיט דעם לעבען און באדען פון א היידניש פאלק פארבונדען. און א צווייטע — ריין אידישע, וואס האט גערעדט פון א אידי־שען משיח, וועלכער איז פון די רוימער צום טויט פאראורטיילט געווארען.

און פונקט ווי די ערשטע איז כולה גוי'איש געווען, אזוי איז אויך די צווייטע כולה אידיש געווען. זי איז אינגאנצען ריין גע־ווען פון היידנישע און קאסמאפאליטיש־אוניווערזאלע עלעמענ־טען. עס האבען אין איהר די אלע קריסטליכע הגשמה־מיסטעריען געפעהלט. זי האט גארניט געהאט צו דערצעהלען, ווי די ערשטע, וועגען זיין — דעם העלדס — קומען צוריק צום לעבען און וועגען נאך אזוינע עהנליכע זאכען. אין דיזער לעגענדע איז דער טויט פון העלד דער לעצטער שטריך געווען. מיט דיזען פונקט האט זי זיך פארענדיגט. זי האט אויך ניט געהאט צו דערצעהלען פיל וועגען די איבערנאטירליכע וואונדער, וואס ער זאל האבען גע־וויזען. עס האט אין איהר געפעהלט די גאנצע געטליכקייט, וואס ווערט יעזוס'ן צוגעשריבען. זי האט הויפטזעכליך גערעדט וועגען איהר העלד, ווי וועגען א רעוואלוציאנער, ווי וועגען א קעמ־פער.

און ווען זי האט אפילו איהם אלס א גרויסע פערזענליכקייט געשילדערט, ווען זי האט אפילו וועגען זיינע גרויסע גייסטיגע

מעלות גערעדט, אויך דאן האט זי זיך אין די גרעניצען פון מענש־ליכקייט און נאטירליכקייט געהאלטען.

און אט אזוי האבען א שטיק צייט אט דיזעביידע גענצליך פארשידענע לעגענדען פאראלעל זיך אין דער אידען־און־גערדאנ־קען־וועלט פון דער מענשהייט דאמאלס געטראגען. יעדע איינע האט איהר פאראלעל ליניע אין א גלייכער ריכטונג געצויגען און האבען זיך ניט איינע אין דעם גבול פון דער צווייטער אריינגע־ריסען. ענדליך אבער האבען זיך אנגעהויבען די באזונדערגעהענ־דע פאראלעלע שטראמען אין אייניגע פונקטען צוזאמענטרעפען. עס האט זיך דער אידישער נוסח מיט דעם גוי'אישען נוסח אנגע־הויבען צונויפגיסען און עס איז אזוי ארום געשאפען געווארען דער באדען פאר דעם גאנצען פלאנטער, אי אין דער טעארעטישער זייט פון קריסטענטום, אי אין דער געשיכטע וועגען דעם לעבען און ווירקען פון יעזוס. עס איז פון די ביידע לעגענדען איינע געשאַ־פען געווארען, אין וועלכער עס זענען עלעמענטען פון דער כולה גוי'אישער און כולה אידישער אריינגענומען געווארען.

און פארגעקומען איז דאס אלעס נאך א לאנג דויערענדען און עוואלוציאנערען פראצעס. עס האבען פילע פארשידענע פאק־טארען מיטגעווירקט דערצו.

לאנגזאם האט זיך א שטילער האס געמוזט אנטוויקלען אין הארצען פון די אידישע „קריסטען" צו די הערשענדע קלאסען און דעם אנערקענטען אויטאריטעט פון אידישען פאלק, צו די פרושים — עס איז גאנץ קלאר און פארשטענדליך, אז זיי האבען געמוזט די שולדיגע צווישען דיזע עלעמענטען זוכען, — אמאי זיי האבען דעם אידישען משיח פארשטויסען און האבען דורך דעם זיין לעבען און די אידישע גאולה פארשפילט.

און אט דיזער שטילער האס, צוזאמען דערמיט, וואס זיי האבען זיך שוין פון די אלע אידישע גאולה־האפנונגען אפגעזאגט,

וואָס זיי האָבען קיין שום אנטייל ניט גענומען אין דעם אָנגע־שטרענגטען קאַמף, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך אַלץ אָנ־פיהרט, דעם אײַזערנעם יאָך פון שונא פון זיך אַראָפּצו־וואַרפען און זיין באפרייאונג צו ערווערבען, דאָס, וואָס זיי האָבען זיך גענצליך פרעמד אָנגעהויבען צו פיהלען פון דעם גאַנצען רעאַלען אידישען לעבען דאַמאָלס, און זיי זענען געשטאַנען ווייט פון דעם, האָט געפיהרט דערצו, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען אַ מעגליכקייט, זיי זאָלען קאָנען מיט דער צייט גענצליך אָפּפאַלען פון דער אידי־שער רעליגיאָן און פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. אַלס פאַק־טאָר פון ניט קיין קלענערען ווערט אויף דיזען וועג זיי צו שטוי־סען, האָט אויך געדינט דאָס, וואָס די גאַנצע אידישע אויסער־ליכע וועלט האָט זיי פון זיך פאַרשטויסען און האָט זיי אין אַלץ מעהר איזאָלירטע לאַגע געשטעלט ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָ־בען זיי צוזאַמענגעמישט מיט די אַלגעמיינע קריסטען, ווייל די, ווי יענע, האָבען גערעדט וועגען אַ משיח, וואָס איז שוין געקומען, ווייל די, ווי יענע, האָבען פאַרזיכערט, אַז די אידען האָבען שוין מעהר ניט אויף וואָס צו האָפען, נאָר, הויפּטזעכליך, צוליב דעם, ווייל זיי האָבען זיי אַלס פאַררעטער און שונאים באַטראַכט, אַלס אַז אבן נגף אויף דעם וועג פון די אידישע האָפנונגען און שטרע־בונגען.

און דאַן אַ, ווען עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען די אידי־שע קריסטען האָבען זיך אָנגעהויבען מיט די אַלגעמיינע קריסטען צונויפצוגיסען, דאַן אַ איז שוין פאָלשטענדיג פאָרמירט געוואָרען די קריסטליכע לעגענדע אין דער פאָרם, אין וועלכער מיר האָבען זי יעצט. דאַן איז דער אידישער אינהאַלט פון זיין יעזוס־לעבענס־געשיכטע באַשאַפען געוואָרען, דאַן איז עס וועגען איהם געשאַ־פען געוואָרען די ביאָגראַפיע, ווי וועגען אַ אידישען אינגעל און אַ אידישען יונגען מאַן, עס זיינען דאַן אין איהר אַריינגעטראָגען

געוואָרען די צוויי פונקטען. דער פונקט אז ער — דער גואל, וועגען וועלכען זי האָט דערצעהלט, האָט געשטאַמט פון מלכות בית דוד און צו דער מיסיאָן זיינער אלס אַן אַל־מענשליכער ער־לייזער איז אויך צוגעטשעפעט געוואָרען די מיסיאָן זיינע אלס אידישער משיח.

איינשליסענדיג גענצליך די אידישע לעגענדע, דערלעבענדיג דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פראָצעס פון פאַלשטענדיגער צונויפגיסונג צווישען די אידישע און ניט־אידישע קריסטען, האָט די קריסטליכע לעגענדע דיזע פונקטען דאָך געמוזט אריינגעהמען אין זיך.

דאָס קריסטענטום האָט דיזע פונקטען געמוזט דאַן אריינ־נעמען אין זיך ניט נאָר אונטער דעם דרוק פון די טראַדיציען און לעגענדען פון די אידישע קריסטען, ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען דאָך שפּורען פון דער אידישער קריסטליכער לעגענדע אין דער אלגעמיינער געמוזט בלייבען, נאָר מעהר צוליב דעם, ווייל עס האָט אין דיזע פונקטען אַ נייעם מיטעל געפונען, דורך וועלכען עס זאָל קאָנען פאַר זיך נאָך מעהר לעבען און קראַפט שעפען. זיי האָבען געקאָנט דעם קריסטענטום אלס ערשט־קלאַסיגען קאָנקריט דינען, וועלכער זאָל אונטער זיינע דאָקטרינען אלס פונדאַמענט געלעגט ווערען.

אויב דער פאַרזוך פון קריסטענטום צו אַניטירען די אידישע מאַסען, זיי זאָלען פאַרבייטען דעם אויטאָריטעט פון אלע זייערע נביאים און פיהרער אויף דעם אויטאָריטעט פון אַ ישוס, אַ גוי, האָט ניט געקאָנט האָפען, ער זאָל זיך מיט גרויסען ערפאָלג קרוי־נען, האָט דער זעלבער פאַרזוך שוין אויף מעהר ערפאָלג געקאָנט האָפען, ווען ער זאָל רעדען אין נאָמען פון אַ ישוס אַ אידען, וועל־כער האָט נאָך דערצו פון מלכות בית דוד געשטאַמט און איז גע־שיקט געוואָרען פון גאָט צום אידישען פאָלק, ער זאָל זיין משיח זיין.

און ניט וועניגער האָט דאָס קריסטענטום דיזע צוויי פּונק־טען באַדאַרפט האָבען אויך פאַר דער אויסערער וועלט. די זעלבע מאָטיווען, וואָס האָבען געבראַכט דאָס קריסטענטום, עס זאָל שאַ־פען די דאָקטרין וועגען דעם, אַז גאָט האָט זיין בונד מיט דעם אידישען פאָלק מבטל געווען, אַז צוליב זיינע זינד האָט עס אַלע זיינע האָפנונגען אַלס נאַציאָן פאַרשפּילט, די זעלבע מאָטיווען האָבען אויך געפירט דערצו, דאָס קריסטענטום זאָל אויך דיזע צוויי פּונקטען אַריינגעמען.

עס האָט דאַמאָלס ניט געקאָנט אַ נייע רעליגיאָן זיך פאַר־שפּרייטען זייט ביי זייט מיט דער מעגליכער קאָנקורענץ פון דער אידישער רעליגיאָן. די אידישע נאַציאָנאַליטעט און די אידישע רעליגיאָן זיינען דאַמאָלסט צופיל פיהלבאַר געווען אין דער אַטמאָס־פערע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, זיי האָבען דאַן צופיל אין די מחות און די הערצער פון דער דאַמאָלסדיגער מענשהייט געלעבט, עס זאָל געווען קאָנען אנטשטעהן דאַמאָלסט אַ נייע רעליגאָן, אָהן דעם זי זאָל זוכען הילף און שטיצע אין זיי, אָהן דעם זי זאָל זיך ניט באַוואָרענען, זי זאָל אין זיי ניט אַ גרויסע קאָנקורענץ געפינען.

די מלכות בית־דוד אָפּשטאַמונג, וואָס דאָס קריסטענטום האָט דעם העלד פון איהר לעגענדע צוגעשריבען, און די אידישע משיח־קרוין, וואָס עס האָט דאַן אויף זיין קאָפּ אָנגעטאָן, דיזע צוויי פּונקטען, וואָס דאָס קריסטענטום האָט דאַן אין זיך אַריינ־גענומען, האָבען בעדאַרפט שוין אויך די לעצטע שטערונגען אין זיין אנטוויקלונג באַזייטיגען.

אויב די אנערקענונג אַלס משיח, וואָס דאָס קריסטענטום האָט געפאָדערט פאַר דעם העלד פון זיין לעגענדע, האָט געקאָנט ניט געגעבען ווערען דערפאַר, וואָס ער איז ניט געווען דער משיח, וועגען וועלכען די אידישע נביאים רעדען, דערפאַר וואָס ער האָט ניט געשטאַמט פון מלכות בית דוד, און דערפאַר, וואָס ער איז

ניט ביים אידישען פאָלק געבוירען געוואָרען, האָט יעצט אָ, ווען דיזע צוויי פונקטען זיינען אין די קריסטליכע לעגענדע אריינגענו־מען געוואָרען, דיזע משיח־אנערקענונג קיינע שטערונגען אויף איהר וועג מעהר ניט בעדאַרפט באַגעגנען.

.10

און אויף דעם גרונד פון אַלעם דעם, וואָס איך האָב ביז יעצט געשריבען וועגען די הויפט־מאָמענטען אין דער אנטשטעהונג פון דעם קריסטענטום, אויף דעם גרונד פון די הויפט־פּרינציפּען, וועל־כע איך האָב אוועקגעלעגט אַלס פונדאַמענט אין דעם נייעם אופן, לויט וועלכען מיר בעדאַרפען די אַנטשטעהונג פון קריסטענטום אויפפאַסען, ווערט פאַר אונז מעגליך צו פאַרענטפערען ניט נאָר אָט יענע אַלע כלו מוקשה פונקטען אין דעם פּראָבלעם וועגען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, אויף וועלכע איך האָב אין מיין ערשטען קאַפּיטעל אָנגעוויזען, נאָר אויך אַזוינע, אויף וועלכע איך האָב מיר דאָרטען ניט אָפּגעשטעלט.

זיי גיבען אונז די מעגליכקייט צו פאַרשטעהן די אורזאַכען פון דעם אנארכיסטיש־אינדיווידואַליסטישען כאַראַקטער, פון וועל־כען דאָס קריסטענטום איז דורך און דורך דורכגעזאַפּט. די פאַר־געהענדע אַנטי־סאָציאַלע און אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישע מאָמענטען פון דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום זענען שוין אין קריסטענטום אויף שטענדיג פאַרבליבען. אויף וויפיל עס איז גע־ווען אַ גוטע זייט אין אָט יענע געהיימע געזעלשאַפטען — דאָס אַלעם קאָן געזאָגט ווערען אפילו, מיר זאָלען מיין היפּאָטעזע אין גרעסטען טייל איהרען, אויף וויפיל זי גיט אויספיהרליכע דעטאַ־לען, אויף וויפיל זי שילדערט אַ גענויע בילד, ווי אַזוי אַלעם איז פאָרגעקומען, פאַרוואַרפען, אַפילו ווען מיר זאָלען נאָר אַ לעגענדע שטעלען אין צענטער פון דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, בע־דאַרפען מיר דענקען, אַז דיזע לעגענדע פון קריסטענטום איז קול־

טיווירט געוואָרען אין אזוינע קרייזען, די מיטגלידער פון וועלכע האָבען כלל ניט אלס זיידענע יונגע לייט געקאָנט באטראכט ווע־רען: אין קרייזען, די מיטגלידער פון וועלכע זענען אין גרעסטען פראָצענט זייערען פון דעם פסולת פון דער מענשליכער געזעל־שאפט באשטאנען. רמזים און סמנים דערויף זענען אין עוואנ־געליום מעהר ווי גענוג פאראהאן. דער אונטערשיד צווישען די מוכסים, זונות און סתם גנבים און רויבער, וואס האָבען די רייהען פון אָט יענע קרייזען אָנגעפילט, און צווישען די עהנליכע עלע־מענטען, וואס האָבען זיך אין אנדערע קרייזען געפונען, איז גע־ווען אין דעם, וואס די ערשטע זענען אביסעל „מאָראליש" גע־שטימטע מענשען געווען. זיי האָבען אין א געוויסען זין צעבראָ־כענע נשמות פארמאָגט און פון צייט צו צייט האָבען זיי א „הרהור־תשובה" געפיהלט. די לעצטע זייַנען גנבים און רויבער אָהן א דראנג צו עולם־הבא געווען, און די ערשטע זענען עס מיט א דראנג צו עולם הבא געווען — אויף דעם באָדען פון וועלכען עס איז דאָס קריסטענטום געבוירען, איז זי באשטאנען אין דער נעבעלהאפטער שטרעבונג פון זיינע מיטגלידער צו אינדיווידועלער מאָראלער פארפאָלקאָמונג. און דעריבער איז עס שווין פארבליבען דער כאַ־ראקטער־שטריך פון קריסטענטום אויף שטענדיג נאָר פאר דער נשמה פון יחיד צו זאָרגען, אָבער ניט פאר די מאטעריעלע אינ־טערעסען פון כלל. נאָר אויף דעם גרונד פון אָט יענע הויפּט־פרינציפען קאָנען מיר זיך ערקלעהרען די אורזאכע פון דעם גאנ־צען ביטערען האס צו די רייכע און מאכט־האָבענדע, וואס הערשט אין עוואנגעליום, די פארנייגונג פון לעבען, וואס געהט דורך, ווי א רויטער פאָדים, דורך די אלע דאָקטרינען און קאָנצעפּציאָנען פון קריסטענטום. עס ליגט אויף דעם אלעם דער שטעמפעל פון דער אטמאָספערע, אין וועלכער דאס קריסטענטום איז צום לעבען געקומען. האס און פארביטערטקייט, פארצווייפלונג און צערשטע־

רונג־עמאַציאַנען האָבען אַט יענע געהיימע געזעלשאַפטען, אַוואו דער געבורט־מאָמענט פון קריסטענטום איז פאָרגעקומען, געבוי־רען, האס און פארביטערטקייט און שנאה צום לעבען זענען דער אורשפּרונגליכער פאַקטאָר געווען פון דער יעזוס-לעגענדע, און האַס און פארביטערטקייט און שנאה צום לעבען זענען אונטער דער מאַסקע פון אונענדליכער ליבע און אונענדליכען רחמנות אויף שטענדיג שוין אין קריסטענטום פארבליבען.

די שטאָלצע און געטליכע שפּראַך פון יעזוס ווערט אויך דאַמאָלס פארשטענדליך און ערקלעהרבאר, ווערענד, ווען האַל־טענדיג זיך אין דער אָנגענומענער אויפפאסונג איז אויך דיזער פונקט פון א כלו מוקשה כאַראַקטער. וואָרום אויב עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען א לעבעדיגען יעזוס, ווען ער זאָל אפילו ניט קיין איד געווען זיין, וואָס זאָל זיך מיט אַזוינע געטליכע מאַניען ארומטראָגען און זאָל מיט אזא געהויבענער הימעל־שפּראַך וועגען זיך רעדען, איז זיך אָבער זעהר גרינג פאָרצושטעלען א טויטען אָדער א גאָר איינגאַנצען ניט־געבאָרענעם יעזוס, וואָס זאָל וועגען זיך מיט אזא שפּראַך רעדען. אויב לעבעדיגע מענשען, ווי זיי זאָלען פון זיך ניט האַלטען, קאָנען ווירקליך מיט אזא שפּראַך וועגען זיך ניט רעדען, איז אָבער פאר טויטע מענשען אזא שפּראַך ווי אָנגעמאָסטען.

און בכלל טרעט דאָן דאָס געבורט פון קריסטענטום אין מעהר נאַטירליכע ראַמען פאר אונז ארויס. מיר זעהען עס געהען אויף דעם אייגענעם וועג, אויף וועלכען עס איז דאָס געבורט פון אַלע איבעריגע עהנליכע רעליגיאָנען אָדער רעליגיעזע באַוועגונגען גע־גאַנגען. נאָך אַלעמען איז דאָך קיינמאָל ניט באַשאַפען געוואָרען קיין רעליגיאָן דורך דעם, וואָס איינער זאָל ארומלויפען איבער די גאַסען און שרייען: „אידען — אָדער גוים — איך בין א גאָט, גלויבט אין מיר!” נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס זעלבע אויך מיט

די בודדא'ס, קרישנא'ס און ווישנא'ס פארגעקומען. אדער זיי זיינען גאר אינגאנצען נאר לעגענדארע פערזענליכקייטען געווען, אדער זיי האבען זיך ערשט נאך דעם טויט אלס געטער ערקלעהרט. ניט זיי אליין האבען זיך אין דעם געטליכען מאנטעל איינגעהילט, נאר די לעגענדע האט עס געטאן. זייער שעהן און הייליג לעבען, דאס, וואס זיי האבען זייער הארץ און נשמה די מענשען פון זייער דור אוועקגעגעבען, די אדער יענע אויסערארדענטליכע פאסירונגען פון זייער לעבען, דער גרויסער רעספעקט און די גרויסע ליבע צו זיי, וואס האט געלעבט אין הארצען פון די, וואס זיי זענען זייערע נאכפאלגער נאך ביים לעבען געווען — דאס אלעס האט מיטגע־בראכט דערצו, די לעגענדע זאל זיי צו דער מדרגה פון א גאט אדער פון א האלבען גאט דערהויבען.

און דערצו נאך אויך פאלגענדעס:

אויב עס איז פסיכאלאגיש מעגליך און ערקלעהרבאר, אז די געטליכקייט, וואס ווערט צו איינעם פון אנדערע נאך זיין טויט צוגעשריבען, זאל א גרויסען איינפלוס אויסאיבען און זאל קאנען ארום זיך אונגעהויערע גרויסע מחנות מענשען פאראייניגען, איז דאס פסיכאלאגיש — אויב ניט אינגאנצען אונמעגליך, איז אלענ־פאלס ניט אויף אזוי פיל מעגליך און ערקלעהרבאר, ווי אין ערש־טען פאל, אז די געטליכקייט, וואס איינער שרייבט זיך אליין צו, זאל קאנען אפילו זיין אייגענעם קרייז באאיינפלוסען.

---

אננעמענדיג אט יענע הויפט־פרינציפען, וועגען וועלכע איך האב ביז יעצט גערעדט, ווערט אונז דאן — אויב ניט אלעס, איז — כמעט אלעס, קלאר און באגרייפליך אין דער אנטשטעהונג און אנטוויקלונג פון קריסטענטום. מיר ווערען דאן באפרייט פון דעם קארדינאלען כלו־מוקשהדיגען פונקט פון דיזען פראבלעם. מיר ווערען דאן באפרייט פון דער הארבער קשיא, ווי אזוי האט אזא

ערשט־קלאַסיגע היידנישע פּלאַנצונג, ווי דאָס קריסטענטום איז, געקאָנט אויסוואַקסען אויף דעם באָדען פון אידישען מאָנאָטעאיזם, דורך דער פעסטער איבערצייגונג, וואָס מיר האָבען דאָן, אַז אַזאַ זאַך איז טאַקי קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. עס איז גאָר פון אָנהויב אָן קיין קריסטענטום ביי אידען ענטשטאַנען, וואָס זאָל פּרעדיגען היידענטום, וואָס זאָל פּרעדיגען דאָס אָפּזאָגען זיך פון דער אידישער רעליגיאָן און פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. פאַרקעהרט גאָר, אפילו דאָן, ווען דאָס קריסטענטום איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף דעם אידישען באָדען, האָט עס געמוזט דאָס אידישע גלויבען אָננעהמען.

פונקט ווי דאָס געבורט פון קריסטענטום בכלל טרעט פאַר אונז אויף דעם גרונד פון דער נייער אויפפאַסונג אין נאַטירליכע ראַמען ארויס, פונקט אַזוי, נאַטירליך, ערשיינט פאַר אונז דאַמאָלס אויך דאָס וואַקסען און אַנטוויקלונג פון קריסטענטום אויף דעם אידישען באָדען. אונטער אָנרעגונג פון דער קריסטליכער לעגענדע, איז אונטער דעם דרוק פון די שרעקליכע פּאַסירונגען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דאַן ערשט געהאַט איבערגעלעבט, אונטער דעם דרוק פון דעם אונענדליכען צער און יאוש, וואָס דיזע פּאַסירונגען האָבען מיט זיך פאַר דעם אידישען פאָלק מיטגעבראַכט — אונטער דעם דרוק פון דעם אַלעם איז באַשאַפען געוואָרען אין געוויסע קרייזען אַ לעגענדע וועגען אַ געשטאָרבענעם אידישען העלד, וואָס האָט באַזירט אויף דער קאָנצעפּציאָן, אַז דער חורבן, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דאַן איבערגעלעבט, איז דער לעצטער שטריך אין זיין שיקזאַל געוועזן, באַזירט אויף דער באַהויפּטונג, אַז די אידען קאָנען שוין ניט ערוואַרטען מעהר זייער צוריקאויפבויאונג, אַז זיי קאָנען שוין מעהר קיינע האָפנונגען לעגען, אַז גאָט וועט זיי אַ משיח שיקען, וואָס וועט זיי זייער גאולה ברענגען, וואָרים זייער משיח איז שוין געוועזן געקומען, זיי האָבען איהם אָבער מיט זייער גלויבען אין

איהם פארזינדיגט, זיי האבען איהם צוזאמען מיט זייער גאולה פון דער וועלט פארטריבען.

און דאריבער איז עס מעגליך געווען, עס זאלען זיך געווען קאנען געפינען א לאנגע צייט קריסטליכע סעקטען ביי אידען, וואס האבען דאס געטליכע געבורט פון יעזוס ניט אנערקענט און האבען אלע דינים און מצוות אפגעהיט, ווי אויך דאס, וואס האט געקאנט פארבלייבען אין עוואנגעליום אזא דאקומענט, ווי דער בריף פון יעקב, אין וועלכען עס זיינען קיינע שפורען פון די קריסטליכע מיסטעריען פאראן און עס רעדט זיך דארטען נאר וועגען דעם גלויבען אין יעזוס'ען אלס משיח און וועגען דער נויטווענדיגקייט צו מקיים זיין די מצוות.

און מיר זעהען דאן אויך קלאר דעם בריק, וואס האט געפיהרט דערצו, די אידישע קריסטען זאלען זיך אנהויבען מיט די ניט־אידישע קריסטען צונויפמישען. עס איז א לאנג דויערענדער און נאטירליכער פראצעס געווען און מיר זעהען, ווי פארשיידענע פאקטארען האבען דערצו געפיהרט. עס איז אונז דאן קלאר און פארשטענדליך דער ענדגילטיגער כאראקטער, וואס דאס קריסטענטום האט אנגענומען. מיר פארשטעהען דאן, פאר וואס דאס קריסטענטום איז פון איין זייט אויגענשיינליך א צוזאמענמישונג פון פארשיידענע היידנישע און אידישע עלעמענטען, און עס ליגט אויף איהם דער שטעמפעל אי פון אידישע און אי פון היידנישער אפשטאמונג. און פון דער צווייטער זייט איז דאס אין טיפען אינערליכען עצם זיינעם שטענדיג אויף גאנצע ניין און ניינציג פראצענט מעהר אין דער ריכטונג פון היידענטום געווען געבויגען. ווארום דאס קריסטענטום האט אין אמת'ען קיינמאל קיינע שידוכים מיט דעם אידענטום ניט געשלאסען. עס איז קיינמאל ניט געווען עטוואס אזוינס, וואס זאל קאנען אידענטיפיצירט ווערען מיט'ן אידענטום. עס איז שטענדיג דורך און דורך היידענטום געווען.

אפילו דאן, ווען עס האט אין א שפעטערען מאמענט ארייגענומען אין זיך די אידישע עלעמענטען, האט עס זיך ניט דורך דעם אינער־ליך מיט דעם אידענטום אסימילירט. דורך דעם, וואס דאס קריס־טענטום האט אין זיך אט יענע אידישע עלעמענטען ארייגענומען, האט עס איבער זיך ניט קיין אינערליכע אפעראציאן געמאכט. דיזע עלעמענטען זיינען געוועזן און געבליבען אין דעם פיל מעהר אלס אן אויסערליכע צוטשעפעניש. אין א שפעטערען מאמענט פון זיין ענטוויקלונג, האט דאס קריסטענטום אנגעהויבען צו דער־צעהלען וועגען דעם גרינדער זיינעם אז ער האט פון מלכות בית־דוד געשטאמט און אז ער איז עס געוועזן דער אידישער משיח, וועגען וועלכען די נביאים האבען גערעדט. דאס קריסטענטום האט באדארפט דיזע צוויי פונקטען אויף וויפיל עס האט געקאנט האפען צו שלאגען גרויסען קאפיטאל דערפון.

און דערפון שטאמט דער פלאנטער אין דער קאנצעפציאן פון דער קריסטליכער לעגענדע, ווי מיר האבען זי יעצט וועגען דעם טויט פון יעזוס. דאס, וואס עס פילען זיך אין איהר צוויי מא־טיווען, וועלכע קאנען זיך ניט בשום אופן הארמאניש צונויפגיסען. איין מאטיוו, אז יעזוס האט געמוזט געקרייציגט ווערען, ווייל ער האט מיט זיין אומשולדיג בלוט באדארפט די זינד פון דער מענש־הייט אויסקויפען. און דער צווייטער מאטיוו איז, אז אין זייער ניט גלויבען האבען די אידען זיין טויט פאראורזאכט. גאט, אלזא, האט איהם ניט אראפגעשיקט אויף דער ערד, עס זאל זיין בלוט אומשולדיג פארגאסען ווערען. ווען די אידען זאלען איהם יא געוועזן אנערקענען אלס זייער משיח, וואלט די מענשהייט, הייסט עס, נאך עד היום אין זינד געוועזן איינגעהילט. דיזער פלאנטער שטאמט דערפון, וואס עס האבען זיך צוזאמענגעמישט אין דער ענדגילטיגער קריסטליכער לעגענדע די ביידע לעגענדען, די לעגענדע וועגען דעם אידישען משיח, וועלכער איז ארייגעפאלען אין די

הענט פון די רוימער, ווייל די אידען האָבען איהם פאַרראַטען, מיט דער היידנישער לעגענדע וועגען דעם גאָט, וואָס האָט זיך אין בלוט און פלייש פאַרקערפּערט, ער זאָל מיט זיין בלוט די מענשען פון זייערע זינד באַפרייען.

און ניט נאָר דער פלאָנטער, וואָס הערשט אין דער קאָנצעפּ־ציאָן פון די קריסטליכע לעגענדען וועגען דעם טויט פון יעזוס, ווערט אונז קלאָר דאָן, נאָר אויך די אורזאַכען פון דעם פלאָנטער, וואָס הערשט דאָרטען בכלל וועגען זיין מיסיאָן אין לעבען, ־יאָס, וואָס פון איין זייט קומט דאָרטען פאַר א ראַנגלען זיך צווישען א יעזוס, א אידישען משיח, און א יעזוס, אַן אַלעמענשליכען ער־לייזער, און פון דער צווייטער זייט איז אָבער יעזוס אַלס אידישער־משיח אויך דער זעלבער, במעט, ווי דער צווייטער יעזוס. לויט אַלעם דעם, וואָס זי דערצעהלט אונז, קומט אויס, אַז אויך דער אידישער משיח־אינהאַלט פון זיין לעבען האָט זיך מיט גאָר ניט אונטערשיידעט פון דעם געטליכען אינהאַלט זיינעם. ווארים וואָס דאָס קריסטענטום האָט באַדאַרפט, איז געווען נאָר די באַהויפּטונג, אַז יעזוס איז א משיח געווען. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם אינ־האַלט, וואָס האָט באַדאַרפט אַריינגעלעגט ווערען אין דיזער משיח־טעטיגקייט זיינער, ניט האָט דאָס קריסטענטום געקאָנט און ניט האָט עס געטאָרט אין אַנקלאַנג מיט איהרע הויפּט־ציעלען און צוועקען צוזאַמעננעמען אזוינעם, וואָס זאָל ניט עהנליך זיין אויף זיין טעטיגקייט אַלס גאָט. דאָס קריסטענטום האָט באַדאַרפט האָבען א יעזוס, וואָס האָט די אַלע פּעריאָדען פון זיין לעבען א טעטיגקייט פון אַן אַלמענשליכען ערלייזער אָנגעפיהרט, א יעזוס, וואָס איז דערויף אויף דער וועלט געקומען, ער זאָל אַלע פעלקער דורך דעם גלויבען אין איהם פאַראייניגען, א יעזוס, וואָס ער איז שוין מבטן ומלידה — אויב ניט קיין גאַנצער גאָט, איז אַלענפאַלס א האַלבער גאָט געווען. עס האָט דאַריבער ניט געקאָנט זיין טעטיגקייט פאַר

א גאנצען פעריאָד פון זיין לעבען אין צופיל מענשליכע ראמען איינפאסען, עס האָט דאריבער וועגען איהם ניט געקאָנט געבען א בילד, ווי וועגען איינעם, וואָס האָט א טעטיגקייט פון א אידישען נאציאָנאלען העלד אָנגעפיהרט. עס האָט געקאָנט זיין אָפּשטאמונג פון מלכות בית־דוד אוועקשענקען. עס האָט אָבער אפילו איין פעריאָד פון זיין לעבען אויסשליסליך דעם אידישען פאָלק ניט גע־וואָלט אוועקשענקען. דאָס אלעס וואָלט אין סאמע מיטען פון איהר לעבענס־נערוו געטראָפען. צופיל צולאָזען זיך וועגען יעזוס'ען אלס א אידישער משיח, וואָלט געקאָנט ברענגען דערצו, ער זאָל גאָר אין גאנצען פון זיין געטליכען פעדעסטאל אראָפּגעשליידערט ווערען. זיי האָבען איהם פאר דעם צוועק פון דער פארשפּרייטונג פון קריסטענטום געמוזט אלס אידישען משיח ערקלערען. האָבען זיי עס געטאָן. זיי האָבען עס אָבער מבליע בנעימה געוועזן. זיי זיינען געוועזן פאָרזיכטיג גענוג, זיי זאָלען דערפון קיין צו גרויסען וועזען ניט מאכען, מורא האָבענדיג, אז די קרוין פון א אידישען משיח, מיט וועלכער זיי האָבען זיין קאָפּ באצירט, זאָל ניט פאר־וואנדעלט ווערען אין א פעלז, אין וועלכער עס זאָל מעגליך, די קרוין זיינע אלס גאָט צוקלאפּט ווערען.

און דאָן איז אויך ניטאָ וואָס צו וואונדערען זיך אויף דעם פלאָנטער און אויף די גוואלדיגע ווידערשפּרוכען, וואָס הערשען אין דער קריסטליכער לעגענדע אין באצוג צו דעם ביאָגראפישען מאטעריאל, וואָס מיר געפינען דאָרטען וועגען יעזוס'ען. א לע־גענדע, ווי איינהייטליך זי זאָל ניט זיין, ווי הארמאָניש זי זאָל ניט זיין צוזאמענגעשטעלט, ווערט ניט פון איינעם באשאפען. זי ווערט פון פילע צוזאמענגעשטעלט, און יעדער איינער לאָזט אויף איהר שפּורען פון זיין אנטייל. אָבער די ביאָגראפיע פון א מענשען, וואָס האָט קיינמאָל ניט געלעבט, אָדער כמעט ווי ניט געלעבט, קאָן ניט קאָרעקט און פּינקטליך געשריבען ווערען. און אזא טבע האָבען

שוין אַט יענע מענשען, אז יעדער איינער קאָן זיי צושרייבען פאַר א נכתב צו וואָס פאַר א שטעדטעל עס פאַלט איהם נאָר אין קאָפּ איין. און אָנגעבען זיין געבוירען מיט א הונדערט יאָהר פריהער אָדער שפּעטער, איז אויך א זאַך, וואָס מען קאָן זיך אין אזא פאַל ערלויבען. ספּעציעל, ווען עס איז נאָך פאַר דעם אַלעם געוויסע אורזאכען פאַראַן.

פּונקט, ווי עס איז געווען אין די אינטערעסען פון קריסטענ־טום, זיינע טעאָרעטיקער און פּראָפּאַגאַנדיסטען זאָלען ניט געבען די באהויפּטונג זייערע וועגען דעם, אז יעזוס איז א אידישער משיח געווען אין דער אילוסטראַציאָן פון קאָנקרעטען און ממשות׳דיגען אינהאַלט, אזוי איז עס אויך געווען אין זיינע אינטערעסען, אז דיזע באהויפּטונג זאָל מיט וואָס מעהר אויטאָריטעט פון דער ביבעל גערעקט ווערען, אז זי זאָל קאָנען מיט וואָס מעהר פּסוקים פון תנ״ך באַגרינדעט ווערען. מיר האָבען דאָן די פולע מעגליכקייט דיזען פּלאַנטער צו פאַרשטעהן, וואָרום מיר זעהען דעמאָלט, אז דאָס בילד, וואָס דאָס קריסטענטום האָט אונז וועגען יעזוס׳ען געשילדערט, איז ניט געווען א קאָפּיע פון א לעבעדיגען מאָדעל. שילדערענדיג דאריבער דאָס יעזוס־בילד, האָט עס אויף זיך ניט קיינע קייטען פון באגרענעצונגען געפיהלט. עס האָט געקאָנט געשילדערט ווערען, לויט ווי עס האָט זיך דעם קריסטענטום בעסער געלוינט און בעסער געפּאַסט. האָבענדיג די אידישע לעגענדע וועגען דעם פאַרשפּילטען משיח אַלס פּאָן, האָט דאָס קריסטענטום צוגעטראַכט אזא אינהאַלט פאַר דעם לעבען פון יעזוס׳ען, וועלכען זי האָט געקאָנט אַרויס׳פּשט׳לען פון אַט יענע פּסוקים אין תנ״ך, וועלכע האָבען זיך געלאָזט אויסטייטשען אויף אזא אידישען משיח, ווי דער יעזוס, וואָס זי האָט אונז געוואָלט געבען. האָט מען גע־פונען א פּסוק, וועלכען מען האָט געקאָנט אויסטייטשען אויף א משיח, וואָס האָט געמוזט פון נצרת קומען, האָט מען געמאַכט

יעזוס׳ען פאר א נכתב פון נצרת. האט מען ווידער געפונען נאך א פסוק, וועלכער וואלט זיך לאזען דרשנ׳ען וועגען א משיח, וואס איז אין בית־לחם געבוירען, איז געווען א שאד אויך דעם פסוק אזוי אוועקלאזען. מען האט דאריבער אויף גיך דאס קינדער־וויגעלע פון יעזוס׳ען קיין בית־לחם אוועקגעטראגען. האט מען געפונען פסוקים, וועלכע מען האט געקאנט אויסטייטשען אויף משיח, וואס האט געלעבט אונטער די אומשטענדען, וואס מען קאן געפינען א הונדערט פופציג יאהר פאר דעם חורבן בית שני, האט מען איהם געהייסען צו יענער צייט אויף דער וועלט זיך באווייזען... האט מען ווידער געפונען פסוקים, וועלכע מען קאן צופאסען צו אומשטענדען פון א שפעטערדיגען פעריאד, האט מען איהם דאן ווידער געהייסען, אז ער זאל דערווייל א קליינע ווילע פון אזוינע הונדערט יאהר מעהר צואווארטען מיט דעם געבורט זיינעם. די לעבענס־געשיכטע פון יעזוס׳ען איז ווירקליך א מאדנע. מיר האבען דא פאר זיך א ביאגראפיע, וואס איז באזירט ניט אויף ווירקליכע פאסירונגען, וואס האבען מיט איינעם געטראפען, נאר אויף געוויסע פסוקים, פון וועלכע מען קאן אט יענע פאסירונגען ארויס־טייטשען. אין זייער יאגעניש נאך פסוקים — דערצו נאך האַבענדיג אלס דעם מאדעל זייערען גאר איינגאנצען נאר א לעגענדארע פערזאן — איז פסיכאלאגיש אוממעגליך געווען, זיי זאלען ניט געווען בלאנדזשען, זיי זאלען ניט געווען גוואלדיג פלאנטערען.

איבריגענס, איז מעגליך, אז דער פלאנטער, וואס אנבאלאנגט דעם געבורטס־פלאץ און געבורטס־יאהר פון יעזוס׳ען, איז איבער־געגאנגען בירושה צום קריסטענטום נאך פון דער אידיישער משיח־לעגענדע. אויף וויפיל זי איז נאר א לעגענדע געווען, איז גאנץ נאטירליך אנצונעמען, אז זי האט פארשיידענע ווארציאנען גע־קאנט האבען. איינע האט געקאנט דערצעהלען וועגען א פאר־שפילטען אידישען משיח, וואס איז געבוירען געווארען אין נצרת,

און א צווייטע וועגען א פארשפילטען משיח, וואס איז געבוירען געוואָרען אין בית־לחם. איינע האט געקאָנט באשטימען זיין לעבען און ווירקען מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר פריהער, און א צווייטע — מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר שפּעטער.

און אויך די צוזאמענשטעלער און רעדאקטערע פון עוואנ־געליום האָבען זיך פון אָט דעם פּלאָנטער ניט געקאָנט באפרייען. וויפיל זיי האָבען זיך ניט געמעגט באמיהען אן איינהייטליך און אויסגעהאלטען בילד אונז צו שילדערען דורך דעם עוואנגעליום וועגען יעזוס'ן, האט זיך עס זיי ניט איינגעגעבען. און נאָר אויף דעם גרונד פון די פרינציפּען, אויף וועלכע עס באדארף די נייע אויפפאסונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום אויפגעשטעלט ווערען, ווערט אונז אויך קלאָר, פאר וואס די שרייבער אין עוואנגעליום וועגען יעזוס'ען זיינען ניט אייניג אין זייער שרייבען וועגען איהם. פאר וואס עס גיט אונז יעדער איינער פון די שרייבער כמעט אן אנדער יעזוס. ווארים עס האָבען טאקע א לאנגע, לאנגע צייט אין קריסטענטום געהערשט פארשיידענע פאָרשטעלונגען וועגען יעזוס'ען. עס האט געהערשט א פּאָרשטע־לונג, וואס איז נעהענטער צו דעם העלד פון דער אָריגינעלער קריסטליכער לעגענדע געווען, און א פאָרשטעלונג, וואס איז געווען נעהענטער צו דער אידישער קריסטליכער לעגענדע. דאן זיינען אויך געווען אזוינע, וואס האָבען אויף די פארשיידענע ווארִיאציען זייערע באזירט. יעדער איינער פון די שרייבער האט דאריבער געהאט די מעגליכקייט צו שילדערען פאר אונז אזא יעזוס, וואס איז איהם נעהענטער צום הארצען געווען, אזא יעזוס, וואס האט אין דעם קרייז, וועלכען ער האט פארטראָטען, געלעבט. און אָט די אלע שרייבער האָבען פאר זיך געמוזט פלאץ געפינען אין עוואנ־געליום. ווען מיר זאָלען אפילו אָננעמען, אז די רעדאקטערע און צוזאמענשטעלער פון עוואנגעליום זיינען אלע פון איינע און די

זעלבע טענדענצען און שטרעבונגען באהערשט געווען, אויך דאַן האָבען זיי ניט געקאָנט אין זייער שטרעבונג אַן איינהייטליכען יעזוס אונז צו געבען, דעם אָדער יענעם שרייבער, וואָס איז צו־פיל אויסער דער געווינשטער „דיסציפּלין" געשטאַנען, גאַר אינ־גאַנצען פּאַרוואָרפען, דערפּאַר, וואָס יעדער יעזוס־מאַטעריאַל, יעדע אַרט יעזוס־ליטעראַטור, אויף וועלכען זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען, איז זיי צו טייער געווען, האָט אין דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער זיינעם אויך ער צופיל זייערע אַלגעמיינע אינטערעסען געקאָנט דינען, זיי זאָלען זיך געווען קאָנען ערלויבען, איהם לאָזען פאַר־לאָרען געהן.

און אויף וויפיל עס האָט אַזוי אַרום יעדער שרייבער וועגען יעזוס'ען געמוזט פאַרטראַכטען זיין אין עוואַנגעליום, אויף אַזוי פיל האָבען דאָרטען אויך געמוזט פאַרטראַכטען בלייבען געוויסע שפּורען פון זיין קאָנצעפּציאָן וועגען יעזוס'ען. ווען אפילו די שרייבער און צוזאַמענשטעלער פון עוואַנגעליום האָבען מעגליך די אָדער יענע ענדערונגען יאָ אַריינגעטראָגען אין דעם אָדער יענעם שרייבער, אַזוי, אַז זיי — די שרייבער, וואָס זיינען פאַרטראַכטען אין עוואַנגעליום — זאָלען אין אַלגעמיינעם דאָך נעהענטער איינער צום צווייטען זיין, איז דאָך אָבער דער מאַטעריאַל צו ווידערשפּרע־כענד געווען, זיי זאָלען איהם געווען קאָנען אויסגיסען אין אַ פאָרם פון אבסאָלוטער איינהייטליכקייט. עס איז גאַנץ גענוג געווען, וואָס עס האָט זיי דאָך, די רעדאַגירונג פון מאַטעריאַל און די צוזאַמענ־שטעלונג פון עוואַנגעליום, אויף אַזוי פיל איינגעגעבען, עס זאָל אין אַלגעמיין דאָך איין גייסט איבער דעם גאַנצען עוואַנגעליום הערשען, אַז ווי פאַרשיידענע יעזוס'ען די פאַרשיידענע טיילען פון עוואַנגעליום זאָל אונז ניט געבען, זאָל אונז אָבער דער גאַנצער עוואַנגעליום דאָך איין

אויסגעהאלטענעם און איינהייטליכען יעזוס געבען.

און אויך פון דעם גאנצען פלאנטער אין דעם געאגראפישען טייל פון דער יעזוס־שילדערונג, האבען זיי זיך ניט געקאנט באַ־פרייען. ווארום דיזער פלאנטער איז ארגאניש מיט דעם קריס־טענטום פאראייניגט. עס איז נאך מעהר זייער אויפגאבע געווען, צו געבען אונז א דורך און דורך היידענטום־קריסטענטום, וואס זאל פאראידישט אויסקוקען דורך דער באהויפטונג, אז יעזוס איז דער אידישער משיח געווען, וועגען וועלכען עס געפינען זיך אזוי פיל שטעלען ביי די אידישע נביאים. עס איז נאך מעהר זייער אויפגאבע געווען, צו שילדערען אונז א יעזוס, וואס טראגט אויף זיין קאפ א געטליכע קרוין, פון אונטער וועלכער עס זעהען זיך קוים ארויס די נעבעלהאפטע ברעגען פון א אידישער משיח־יארמעלקע.

.11

אין אנהויב פון דיזען קאפיטעל האב איך געזאגט, אז אויף דעם גרונד פון דער נייער אויפפאסונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום, קאן דאס געבורט פון דער קריסטליכער לעגענדע, ווי אויך די אלע מאמענטען פון אנטוויקלונג פון דעם פארהיסטא־רישען קריסטענטום נאר אין אלגעמיינע שטריכען געגעבען ווערען. מיר קאנען נאר אנווייזען אויף דעם הויפט־פרינציפ, וואס האט אלס פונדאמענט פון דעם אלעם געמוזט ליגען, מיר קאנען זיך אבער אין קיינע אויספיהרליכע באשרייבונגען ניט אריינלאזען וועגען דעם, ווי אזוי דאס אלעם איז פארגעקומען. מיר קאנען נאר געבען די גרונד־שטריכען פון בילד, אבער ניט קיין אויס־פיהרליכע צייכנונג.

ווי דער לעזער האט אבער געזעהן, האב איך זיך ניט געהאל־טען געבונדען אין אלעם דעם, וואס איך האב ביז יעצט געשריבען

וועגען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, צו דער אויבענדער־מאַנטער באהויפּטונג מיינער. איך האָב מיך פון איהרע ראַמען באפרייט און אויף דעם גרונד פון דעם הויפּט־פּרינציפּ, וואָס איך האָב אוועקגעלעגט אַלס פונדאַמענט פאַר דער נייער אויפפאַסונג ווענען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, האָב איך געגעבען אַן אויספיהרליך בילד, ווענען דעם אורשפּרינגליכען געבורט פון קריס־טענטום, און אין אַלגעמיינע פּרינציפּען האָב איך געגעבען דעם פולען אינהאַלט אויך פון די ווייטערדיגע ענטוויקלונגס־מאָמענטען אין דעם פּאָרהיסטאָרישען קריסטענטום צוזאַמען מיט די פּסיכאָ־לאָגישע פאַקטאָרען, וואָס האָבען געפיהרט דאָס קריסטענטום דע־מאָלט אין ריכטונג, דיזער אינהאַלט זאָל געשאַפען ווערען.

אמת, די אַלטע אויפפאַסונג ווענען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום גיט דאָך נאָך אַלץ מעהר דעטאַלען, ווי מען קאָן זיי ביי מיר געפינען. אמת ווידער, אז א גרויסען, גרויסען פּראָצענט פון דער גאַנצער ברייטקייט, מיט וועלכער איך האָב ביז יעצט געשריבען ווענען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, האָב איך ניט אַלס פּאָזיטיווע געשיכטע, נאָר אַלס היפּאָטעזע גע־געבען, דאַמאָלס, ווען די אַלטע אויפפאַסונג גיט אונז דאָס גאַנ־צע בילד וואָס זי שילדערט אונז ווענען דעם ווי אַזוי דאָס קריסטענטום איז אַנטשטאַנען, אַלס זיכערען אמת אָן. עס איז אָבער פאַרהאַן פיל מעהר פּסיכאָלאָגישער און היסטאָרישער אמת אין דעם „שמא”, פון מיין אויפפאַסונג, ווי אין דעם „ברי” פון איהר אויפפאַסונג דאָס, וואָס איך גיב נאָר אַלס א היפּאָטעזע פאַרמאָגט מעהר מעגליכקייט, עס זאָל קאָנען אַלס היסטאָריש־געשעהענע פאַקטען אָנגענומען ווערען, ווי דאָס אַלעס, וואָס זי גיט אונז אַלס געשיכטע אָן. מיין היפּאָטעזע קאָן אויך אַלס ווירקליכע געשיכטע אָנגענומען ווערען, און איהר געשיכטע מוז אפילו אויך אַלס היפּאָטעזע פאַרוואָרפען ווערען. און דאָס אַלעס

איז געווען דעריבער, עס זאָל דורך דעם אויך אויסגעקויפט ווערען דער דעפעקט איהרער, וואָס זי שטעהט אָפּ אין באַצוג פון מעהרערע דעטאַלען געבען פון דער אַלטער אויפפאַסונג. באַזונדערס נאָך, ווען אָט יענע אַלע דעטאַלען, וואָס געפינען זיך אין אַ גרעסערער צאָהל אין דער אַלטער אויפפאַסונג איז ניט פון אַזא כאַראַקטער, זיי זאָלען קאָנען מעהר ליכט אויף דעם פּראָבלעם וואַרפען, וואָס זאָלען אונז מעהר ערקלעהרונג קאָנען געבען וועגען דעם, ווי דאָס קריסטענטום האָט זיך ענטוויקעלט, נאָר אַלס אַזוינע, וואָס באַשעפטיגען זיך מיט דעם אונטערשטרייכען די הייליגקייט און געטליכקייט פון קריסטענטום.

און אפילו, ווען מיר זאָלען די גאַנצע היפּאָטעזע מיינע און מיין אויפפאַסונג וועגען דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום פאַרוואַרפען, איבערלאָזענדיג נאָר די הויפּט־פּרינציפּען, אויף וועלכע זי באַזירט איהרע באַהויפּטונגען און וועלכע מיר קאָנען אַלס פּאָזיטיווע מאַטעריאַל אָנגעבען אין דעם בילד, וואָס מיר קומען געבען וועגען דעם, ווי דאָס קריסטענטום איז ענטשטאַנען, די הויפּטפּרינציפּען, אַז דער קריסטענטום איז אין די ערשטע מאָמענטען פון זיין לעבען גאָר אַ גוי׳אישע באַוועגונג געווען, אַז, הויפּטזעכליך איז אין זיין צענטער נאָר אַ לעגענדרע געשטאַנען, אַז אויב אפילו עס האָט דאָס לעבען פון אַ געוויסער פּערזאָן געדינט אַלס באָדען, אויף וועלכען דאָס קריסטענטום זאָל זיך אָנהויבען ענטוויקלען, האָט דיזע פּערזאָן ערשט נאָך זיין טויט אָנגעהויבען צו לעבען אַלס גאָט און משיח — אפילו דאַן איז נאָך אַלץ געזיכערט דער פאָרצוג פון דער נייער אויפפאַסונג געגען דער אַלטער. אויב מיר קאָנען ניט נאָכפאָלגען דאַמאָלס אויף אַ פרייען און ברייטען פעלד די אַלע פּאַסירונגען און מאָמענטען פון דער אַנטשטעהונג פון קריסטענטום, פון דעם מאָמענט אָן, ווען עס האָבען זיך איהרע ערשטע שפּראָצען פון לעבען באַוויזען, ביז צו דעם מאָמענט, ווען

עס איז שוין מיט א קלאר און אפען געזיכט פאר דער וועלט ארויס־געטראטען, אויב עס מוז פאר אונז דאן דאס גאנצע פארהיסטא־רישע קריסטענטום א פינסטערער וואלד בלייבען, האבען מיר אבער דאך די מעגליכקייט דא און דארטען דעם פינסטערען וואלד מיט העלע פאסען ליכט דורכצושניידען. אמת, די נייע אויפפאסונג גיט אונז דאן נאר דעם שליסעל צו אט יענער היסטארישער ער־שיינונג, זי גיט אונז אבער ניט דעם פולען אינהאלט איהרען, די אלע פארשידענע פונקטען פון איהר אנטוויקלונגס־ליניע, ווייל זי באזיצט ניט געניגענד דעם גאנצען היסטארישען מאטעריאל, וואס איז נויטיג דערויף. מיט דעם גאנצען רייכען מאטעריאל איהרען, מיט די אלע אויספיהרליכע באשרייבונגען איהרע קאן אונז אבער די אלטע אויפפאסונג אפילו דעם שליסעל ניט געבען. אמת, די נייע אויפפאסונג דערצעהלט אונז דאמאלס וועגען א גרויסען טייל פון דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום זעהר ווייניג, דא־מאלס, ווען די אלטע אויפפאסונג שטעלט אונז צו א זעהר רייכען אינהאלט פאר דיזען טייל. דאס ביסעל אבער, וואס די נייע אויפ־פאסונג דערצעהלט אונז וועגען דעם איז לויטער אמת, דאמאלס, ווען אלעס, וואס די אלטע אויפפאסונג דערצעהלט אונז וועגען דעם, איז לויטער שקר. און אין אזוינע פעלע איז שטענדיג א „קליינער" אמת בעסער פון א גרויסען ליגען.

סיי ווי אבער זעה איך אליין הויפטזעכליך דעם גאנצען זין און צוועק פון מיין ארבייט, די אנגענומענע אויפפאסונג וועגען דער אנטשטעהונג פון קריסטענטום צו שטירצען, דאס קריסטענ־טום פון אידישען מקור אפשניידען און „אותו האיש" מחוץ למחנה ישראל צו שטעלען, דאס איז די הויפט־אויפגאבע פון מיין אר־בייט געווען.

און אויף וויפיל עס האט זיך מיר דיזע אויפגאבע מיינע איינ־געגעבען דורך דעם היסטארישען און פסיכאלאגישען אנאליז, מיט

וועלכען איך האב באנוצט דערויף, אז זי זאל מיט ערפאלג גע־קרוינט ווערען; אויף וויפיל עס האט זיך מיר פאלשטענדיג איינ־געגעבען אויף דעם סמך פון פארשידענע ארגומענטען צו מאכען דעם גרינדער פון קריסטענטום פאר אוים נאהענטער קרוב מיט דעם אידישען פאלק און איבערטראגען גאר איגנאנצען דאס גע־בורט־וויגעלע פון קריסטענטום פון דעם אידישען באדען אויף א גוי'אישען באדען — אויף אזוי פיל האב איך אין דיזער ארבייט מיינער מיין העכסטע און פאלשטענדיגסטע באפרידיגונג געפונען.

---

עס זענען פאראן מענשען, וואס זענען דיר אממעהרסטען ליב און טייער.

און אט אזוי זענען אויך פראבלעמען פארהאן, וואס שטעהען דיר אם נאהענטסטען צום הארצען. אין זייער פלאנטער זעהסטו אויך א טייל פון דעם פלאנטער, וואס דו געפינסט אין דיין אייגע־נער נשמה.